STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03365

# ZSHAN KRISTOF

Romain Rolland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָמען ראָלאַן

# זשאַן קריסטאָף

## ביים ציל

ניינטער באַנד

## דער ברענענדיקער דאָרן

פון פראַנצויזיש
אהרן מאַרק

ווילנע — 1931
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

ROMAIN ROLLAND
JEAN-CHRISTOPHE
1 9 3 1

Drukarnia „Wydawn. Wileńskie“
B. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

איך בין אַ האַרטער דימענט,
וואָס ס'נעמט אים נישט קיין האַמער
און ס'שטעכט אים נישט קיין אָל דורך.
שלאָג מיך, קלאַפּ מיך, שלאָג מיך, שלאָג!
כ'וועל דערפון נישט שטאַרבן.

ווי דער פעניקס בין איך, וואָס
הויבט אָן לעבן, שטאַרבנדיק,
פון זיין אייגענעם אַש.
הרגע מיך, דערהרגע מיך, —
כ'וועל דערפון נישט שטאַרבן.

יאיף. טאַטע-לידלעך מיט דער מוזיק פון שאָק מאַנדעל.

אין האַרצן אַ שטילקייט. די ווינטן האָבן זיך געלעגט. די לופט איז אומבאַוועגלעך...

קריסטאָף איז געווען רויק: עס האָט געהערשט אין אים אַ שטילקייט. ער איז געווען כּמעט שטאָלץ, וואָס אין אים האָט זיך אַלץ איינגעשטילט. און דאָך איז ער געווען אין האַרצן טרויעריק. ער האָט זיך געוווּנדערט איבער דער דאָזיקער שטילקייט. זיינע לײַדנשאַפטן זענען איינגעשלאָפן, און ער איז געווען זיכער, אַז זיי וועלן שוין מער נישט דערוואַכן.

זיין גרויסע, אַ ביסל ברוטאַלע קראַפט האָט אָן אַ שום שטויס, אָן באַוועגונג, געדרימלט. אין זיין נשמה האָט זיך באַהאַלטן עפּעס אַ מאָדנע פּוסטקייט, אַ שטענדיקער „פאַרוואָס?", אפשר איז עס געווען דער באַוווּסטזיין פון אַ גליק, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט. עס איז נישט געווען מער מיט וועמען זיך צו ראַנגלען, נישט מיט זיך און נישט מיט אַנדערע. ער האָט זיך שוין מער נישט אָנגעשטרענגט ביי זיין אַרבעט. ער איז געשטאַנען ביים ציל פון זיין וועג. ער האָט איצט געריסן די פּרוכטן, וואָס ער האָט פריער פאַרזייט. צו לײַכט האָט ער איצט געשעפּט פון מוזיקאַלישן ברונעם, וואָס איז אין אים פאַרשלאָסן געוואָרן. און בעת דאָס פאַרשפּעטיקטע פּובליקום האָט אַנטדעקט און באַוווּנדערט זיינע ווערק, האָט ער זיך גענומען באַפרײַען פון אים און אַליין נישט געוווּסט, צי וועט ער נאָך מאַכן אַ שריט פאָרויס. אין זיין שאַפן האָט ער געפילט אַן איינטאָניק גליק. אין אָט דעם פּעריאָד פון זיין לעבן איז די קונסט געווען פאַר אים נאָר אַ שיינער אינסטרומענט, אויף וועלכן ער האָט געשפּילט מיט ווירטואָזיטעט. ער האָט מיט בושה געפילט, אַז ער ווערט דילעטאַנטיש.

איבסען האָט געזאָגט:

— כּדי זיך אויסצולעבן אין דער קונסט, איז נויטיק נישט בלויז אַ נאַטירלעכער טאַלענט, נאָר אויך לײַדנשאַפטן און יסורים, וואָס פילן אויס דאָס לעבן און גיבן אים אַ זין. אויב נישט, שאַפט מען נישט, נאָר מען שרייבט ביכער.

קריסטאָף האָט געשריבן ביכער. דאָס איז נישט געלעגן אין זיין

נאַטור. זיינע ביכער זענען געווען שיין, נאָר ער וואָלט זיך געוווּנטשן זיי זאָלן זיין ווייניקער שיין, נאָר דערפאַר לעבעדיקער. אָט דער רויקער אַטלעט, וואָס האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיינע מוסקולן, האָט זיך געלאַנגווייליקט און, גענעצנדיק, ווי אַ ווילדע חיה, געקוקט אויף די יאָרן פון רויקער אַרבעט, וואָס ער האָט פאַר זיך געהאַט. און אַזוי ווי ער האָט, אין זיין אַלטן גערמאַנישן אָפּטימיזם, זיך איינגערעדט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, דעריבער האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס מוז זיין דער סוף פון אַלעמען און אַז קיינער קאָן אים נישט אויסמיידן. ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַפרייט פון אַלע שטורעמס און האָט זיי באַהערשט. דאָס האָט קיין סך נישט באַדייט... אָבער גאָט מיינער! סוף-כּל-סוף, קאָן מען באַהערשן בלויז דאָס, וואָס מען פאַרמאָגט. מען איז דאָס, וואָס מען קאָן זיין... ער האָט געגלויבט, אַז ער איז אָנגעקומען צום האַפן.

דיביידע פריינט האָבן נישט געוווינט צוזאַמען. ווען זשאַקלין איז אַוועק, האָט קריסטאָף געמיינט, אַז אָליוויער וועט זיך ווידער אַריינציען צו אים. אָבער אָליוויער האָט עס נישט געקאָנט. הגם ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש זיך אָנצוהאַלטן אָן קריסטאָפן, האָט ער אָבער קלאָר געוווּסט, אַז ס'איז פאַר אים אוממעגלעך אָנצוהויבן רווידער דעם פריערדיקן אַרט לעבן. נאָך די יאָרן, וואָס ער האָט פאַבראַכט מיט זשאַקלין, וואָלט געווען פאַר אים אומדערטרעגלעך און אפילו אַ פאַרשוועכונג צו טיילן מיט אַנדערע די פאַרטרויעלעכקייטן פון זיין טאָגטעגלעך לעבן. — מעג דער אַנדערער אים טויזנט מאָל מער ליב האָבן, און מעג ער אַליין יענעם שטאַרקער ליב האָבן ווי זשאַקלין, אַזעלכע זאַכן לאָזן זיך נישט דערקלערן.

קריסטאָף האָט עס נישט געקאָנט באַגרייפן. ער האָט זיך כּסדר אומגעקערט צו דעם דאָזיקן ענין, געוווּנדערט זיך, געהאַט עגמת-נפש און געווען אויפגעבראַכט. דעמאָלט אָבער האָט געגומען רעדן צו אים דער אינסטינקט, וואָס איז געווען שטאַרקער פון זיין שׂכל. און פּלוצלינג האָט ער אויפגעהערט צו רעדן דערפון און מודה געווען, אַז אָליוויער איז גערעכט.

אָבער זיי האָבן זיך יעדן טאָג געזען און קיינמאָל זענען זיי נישט געווען אַזוי ענג פאַרבונדן, אפילו נישט דעמאָלט, ווען זיי האָבן געלעבט אונטער איין דאַך. אפשר האָבן זיי אין די שמועסן נישט אויסגעטוישט צווישן זיך די פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען. זיי האָבן עס נישט געדאַרפט. דער אויסטויש איז פאָרגעקומען אָן ווערטער, פון זיך אַליין. אַ דאַנק דער ליבע, וואָס זיי האָבן געטראָגן אין האַרצן.

זיי האָבן ווייניק גערעדט. איינער איז געווען פאַרטיפט אין זיין קונסט, דער צווייטער אין זיינע זכרונות. אָליוויערס לײדן זענען מילדער געוואָרן, כאָטש ער האָט דערצו גאָרנישט געטון, פאַרקערט, ער האָט כמעט געפּילט אין דעם אַ פאַרגעניגן, אַ לאַנגע צייט איז עס געווען זיין איינציקער לעבנס־אינהאַלט. ער האָט ליב געהאַט זיין קינד, אָבער דאָס שרייענדיקע נפשל האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען קיין גרויס אָרט אין זיין לעבן. אַ סך מענער, זענען מער ליבהאָבער איידער פאָטערס. מען דאַרף נישט מאַכן דערפון קיין ווערן. די נאַטור איז נישט גלייכ־מעסיק. און ס'וואָלט געווען אַן אומזין אַרויפצוצווינגען אויף אַלעמען די זעלבע געזעצן פון האַרצן. קיינער האָט נישט דאָס רעכט מקריב צו זיין דאָס האַרץ פאַר זיינע פליכטן. לפּחות מוז מען מודה זיין דעם האַרץ, אַז עס האָט דאָס רעכט ביים דערפילן די פליכטן צו זיין אומגליקלעך. אָליוויער האָט אפשר קודם כל ליב געהאַט אין זיין קינד די פרוי, וואָס האָט עס באַשאַפן מיט איר פלייש און בלוט.

ביז דעמאָלט האָט ער געלעבט ווייניק אַכט אויף די ליידן פון אַנדערע, ער איז געווען אַן אינטעלעקטואַליסט, וואָס האָט קודם־כל געלעבט פאַרשלאָסן אין זיך. דאָס האָט זיך נישט גענומען פון עגאָיזם, נאָר פון דער קרענקלעכער געוווינהייט צו טרוימען. זשאַקלין האָט נאָך מער פאַרשפרייט די פוסטקייט אַרום אים; איר ליבע האָט געשאַפן צווישן אָליוויערן און די אַנדערע מענטשן עפּעס אַ מאַגישן קרייז, וואָס איז פאַרבליבן אויך דעמאָלט, ווען די ליבע האָט שוין נישט עק־זיסטירט. און אויסער דעם איז ער לויט זיין טעמפּעראַמענט געווען, אין אַ געוויסער מאָס, אַן אַריסטאָקראַט. פון קינדווייז אָן האָט ער זיך, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זיך גענויטיקט אין ליבע, אָפּ־געזונדערט פון דעם המון, צוליב אַ געוויסער ריינקייט פון קערפּער און פון דער נשמה. די אַטמאָספער און די געדאַנקען פון די דאָזיקע מענטשן האָבן געוועקט אין אים אַן עקל. דאָס אַלץ אָבער האָט זיך גע־ענדערט צוליב אַ געוויינלעכער געשעעניש, וואָס ער איז געווען איר עדות.

ער האָט געהאַט אַ זייער באַשיידענע דירה אין דעם אויבערשטן טייל פון מאָנרוזש, נישט ווייט פון קריסטאָפן און פון סעסילן. דער דאָזיקער קוואַרטאַל איז געווען פאָלקסטימלעך. דאָס הויז איז געווען באַוווינט פון קליינע קאַפּיטאַליסטן, באַאַמטע און אַ פּאָר אַרבעטער. אין אַן אַנדער צייט וואָלט ער זיכער געליטן אין אַזאַ סביבה, ווו ער האָט זיך געפילט פרעמד; אָבער איצט איז עס אים נישט אָנגעגאַנגען. דאָ צי דאָרטן — אומעטום האָט ער זיך געפילט פרעמד. ער האָט קוים געוווסט וועד עס זענען זיינע שכנים און ער האָט עס נישט געוואָלט וויסן. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון דער אַרבעט (ער האָט אָנגענומען אַ שטעלע אין אַ פאַרלאַג), האָט ער זיך פאַרמאַכט אין זיינע זכרונות און איז נאָר ארויסגעגאַנגען צו זיין קינד און קריסטאָפן. זיין דירה איז נישט געווען פאַר אים קיין היים, נאָר אַ טונקעלע קאַמער, ווו ס׳האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט די בילדער פון זיין פאַרגאַנגענהייט; וואָס שוואַרצער און נאַקעטער זי איז געווען, אַלץ דייטלעכער האָבן אַרויסגעטייכט פון איר די אינערלעכע בילדער. ער האָט קוים באַמערקט די געשטאַלטן, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף די טרעפּ. אָבער אָן זיין וויסן האָבן זיך אים עטלעכע פנימער איינגעקריצט אין זכרון. עס זענען פאַראַן אַזעלכע גייסטער, וואָס דערזען דייטלעך די זאַכן ערשט דעמאָלט, ווען זיי זענען שוין אַוועק. אָבער דעמאָלט זעען זיי עס זייער קלאָר, די קלענסטע פּרטים זענען ווי איינגעקריצט. אָט אַזאַ גייסט איז געווען אָליוויער. אין אים האָבן די מענטשן געלעבט ווי שאָטנס. דורך אַ שטאַרקער אויפרעגונג פלעגן זיי אַרויס אויף דער אויבערפלאַך פון זיין באַוווסטזיין, און ער איז געווען דערשטוינט, וואָס ער דערקענט זיי, כאָטש ער האָט זיי נישט געקענט. נאָר ווען ער האָט טיילמאָל אויסגעשטרעקט צו זיי די הענט און זיי געוואָלט כאַפּן, איז שוין געווען צו שפּעט...

איינמאָל, בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט ער דערזען פאַרן טיר אַ מחנה מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דער שרייענדיקער הויז־וועכטערין. ער איז געווען אַזוי ווייניק ניי־

צוריק, אַז ער וואָלט אָן אַ שום פראַגע געגאַנגען ווייטער, נאָר די הויז־וועכטערין, וואָס האָט געוואָלט האָבן נאָך אַ צוהערער, האָט אים פאַרהאַלטן און געפרעגט, צי ווייסט ער שוין, וואָס עס איז געשען מיט די אָרעמע רוסעלס. אָליוויער האָט צומאָל נישט געוווּסט, ווער אָט די אָרעמע רוסעלס זענען, און ער האָט אויסגעהערט אירע רייד מיט העפלעכער גלייכגילטיקייט. נאָר ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אַן אַרבעטער־פאַמיליע, אַ פאָטער, אַ מוטער און פינף קינדער, האָבן זיך צוליב נויט אַלע דאָס לעבן גענומען, איז ער געבליבן שטיין, ווי די אַנדערע, געקוקט אויף די ווענט פון מויער און געהערט די דערציילונג פון דער וועכטערין, וואָס איז גאָרנישט מיד געוואָרן אָנצוהויבן איר געשיכטע כסדר פון אָנהויב. וואָס מער זי האָט גערעדט, אַלץ מער זכרונות האָבן זיך אין אים דערוועקט, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט די מענטשן געזען. ער האָט געשטעלט עטלעכע פראַגן... יאָ. ער דערמאָנט זיך גענוי. דער מאַן (ער האָט געהערט זיין פייפנדיקן אָטעם אויף די טרעפּ) איז געווען אַ בעקער־געזעלן, מיט אַ בלייכן פנים, וואָס זיין בלוט איז אויסגעזויגן געוואָרן פון דער היץ פון אויוון, מיט איינגעפאַלענע באַקן, שלעכט ראַזירט. אין אָנהויב ווינטער איז ער קראַנק געווען אויף אַ לונגען־ענטצינדונג, און איידער די קראַנקהייט איז געוואָרן אויסגעהיילט, האָט ער זיך ווידער געמוזט שטעלן צו דער אַרבעט. ער איז ווידער קראַנק געוואָרן. דריי וואָכן איז ער געבליבן אָן כוחות און אָן אַרבעט. זיין פרוי, וואָס איז אַריבער פון איין שוואַנגערשאַפט אין אַ צווייטער און האָט געליטן אויף רעוומאַטיזם, האָט געאַרבעט אין עטלעכע ערטער אַלס דינסט און איז כסדר אַרומגעלאָפן, כדי צו קריגן אַ נעבעכדיקע שטיצע, וואָס מען האָט איר געגעבן גאַנץ שפּעט. דערווייל זענען געקומען אויף דער וועלט קינדער, איינס נאָכן צווייטן: זיי זענען אַלט געווען עלף, זיבן, דריי יאָר, — נישט רעכענענדיק צוויי אַנדערע, וואָס זענען געשטאָרבן, און לסוף איז געבוירן געוואָרן אַ צווילינג, וואָס האָט זיך גראָד אויסגעקליבן אין אַזאַ צייט צו קומען אויף דער וועלט. זיי זענען געבוירן געוואָרן מיט אַ חודש צוריק.

אין דעם טאָג פון געבורט, האָט דערציילט אַ שכנטע, האָט זיך די עלטסטע פון די פינף קינדער, די קליינע עלף יעריקע יוסטינע, געקלאָגט נעבעך, וואָס זי וועט איצטער מוזן טראָגן צוויי

קינדער אויף די הענט.

אַליוויער האָט באַלד דערזען פאַר זיך דאָס בילד פון דעם מיידעלע: איר גרויסער שטערן, די האָר, וואָס זענען געווען פאַרנו־מען אויף הינטן און נישט פאַרמאַגט קיין גלאַנץ, די גרויע אומרויקע אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן, ווען מען זאָל זי נישט טרעפן, האָט זי שטענדיק געטראָגן עפּעס מיט זיך: איינגעקויפטע זאַכן אָדער דאָס קליינע שוועסטערל; טיילמאָל האט זי אויך געפירט פאַר דער האַנט איר זיבן יעריק ברודערל, אַ ייִנגל מיט אַן איידל קרענקלעך פּנימל און מיט איין אויג. ווען זיי האָבן זיך געטראָפן אויף די טרעפּ, האט אליוויער אין זיין צערודערטער העפלעכקייט געזאָגט:

| אַנטשולדיקט פריילין.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, איז שטיף פאַרבייגעגאַנגען און קוים זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט. אָבער די דאָזיקע העפלעכקייט איז איר געווען זייער אָנגענעם. דעם פּאָריקן טאָג האָט ער זי געזען דאָס לעצטע מאָל אַרום אַ זייגער זעקס. זי האָט אַרויפגעטראָגן אַן עמער קוילן. דאָס איז אים נישט געווען אויפפאַלנדיק, ער האָט נאָר אַ טראַכט געטון, אַז די מאַסע איז צו שווער פאַר איר. אָבער אַזעלכע זאַכן זע־נען זעלבסטפאַרשטענדלעך ביים פאָלק. אָליוויער האָט, ווי זיין שטייגער, נישט אומקוקנדיק זיך באַגריסט דאָס מיידעלע. עטלעכע טרעפּ נידעריקער האָט ער מעכאַניש אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען, ווי איר קליין איינגעקאָרטשעט פּנימל בויגט זיך אַריבער איבער דעם אָנלען פון די טרעפּ און קוקט אים נאָך. זי האָט זיך באַלד אָפּגעקערט און איז ווייטער אַראָפּ פון די טרעפּ. האָט זי געוווסט, וווהין עס פירט דער דאָזיקער וועג? אָליוויער האָט אין דעם נישט געצווייפלט, און אים האָט באַהערשט דער געדאַנק וועגן דעם קינד, וואָס האָט אין דעם צו שווערן עמער געטראָגן דעם טויט ווי אַן אויסלייזונג. — ווייל פאַר די דאָזיקע אומגליקלעכע קינדער איז: נישט לעבן — דאָס זעלבע וואָס: נישט ליידן! ער איז נישט געווען בכוח צו גיין ווייטער זיין וועג. ער איז צוריק אַריין צו זיך אין צימער, דאָרט אָבער האָט ער געפילט נעבן זיך יענע טויטע מענטשן... בלויז עטלעכע ווענט האָבן אים געטיילט פון זיי... און אַ טראַכט צו טון, אַז ער האָט זייט ביי זייט געלעבט מיט אַזעלכע יסורים.

ער איז אַוועק צו קריסטאָפן. זיין האַרץ איז געווען פאַרקלעמט. ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז שרעקלעך צו פאַרלירן זיך אין די פוס־

טע ליבע־יסורים, ווי ער האָט געטון ביז איצט, ווען אַזוי פיל מענטשן לעבן איבער טויזנט מאָל שרעקלעכערע ליידן און מען קאָן זיי נישט העלפן. זיין אויפרעגונג איז געווען טיף און האָט זיך גיך איבערגע־טראָגן אויף קריסטאָפן, דער עמפינדלעכער קריסטאָף איז געוואָרן אוי־סער זיך. ווען ער האָט אויסגעהערט אָליוויערס דערציילונג, האָט ער צעריסן דאָס זייטל, וואָס ער האָט גראָד געשריבן און געשריגן אויף זיך, אַז ער איז אַן עגאָיסט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט קינדער־שפּיל. אָבער באַלד נאָכדעם האָט ער ווידער אויפגעזוכט די צעריסענע שטיקלעך פּאַפּיר. זיין מוזיק איז געווען פאַר אים צו־וויכטיק, און דער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז איין קונסטווערק ווייניקער, וועט נאָך נישט באַשאַפן איין גליקלעכן מער. אַזעלכע טראַגעדיעס צוליב נויט זענען פאַר אים נישט געווען קיין נייעס; פון קינדווייז אָן איז ער געוווינט געווען צו גיין ביים ראַנד פון אַזעלכע אָפּגרונטן און נישט אַריינצופאַלן. ער האָט אפילו שטרענג פאַראורטיילט דעם זעלבסטמאָרד. בפרט אין דעם מאָמענט פון זיין לעבן, ווען ער האָט זיך געפילט פול מיט קראַפט און האָט נישט געקענט תופס זיין ווי אַזוי מען קען צוליב ליידן זיך אָפּזאָגן פון קאַמף, ליידן און קאַמף, וואָס קאָן זיין נאַטירלעכער? זיי זענען דער רוקן־ביין פונם אוניווערסום.

אויך אָליוויער האָט דורכגעמאַכט ענלעכע נסיונות. ער האָט אָבער קיינמאָל מיט דעם נישט באַרייכערט, נישט זיך אַליין און נישט קיין אַנדערע. אַזאַ נויט, וואָס אין איר איז צעריבן געוואָרן דאָס לעבן פון דער טייערער אַנטואַנעט. האָט דערוועקט אין אים אַ גרויל. נאָך דעם, ווי ער האָט דורך דער חתונה מיט זשאַקלין זיך צוגעוווינט צו רייכקייט און ליבע, האָט ער אויסגעמעקט פון זכרון יענע טרויעריקע צייטן, ווען ער און זיין שוועסטער האָבן זיך געמוזט מאַטערן, כדי צו באַקומען דאָס רעכט צו לעבן ווייטער, נישט וויסנדיק צומאָל, צי עס וועט זיך זיי איינגעבן. איצט, בעת ער האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט באַהאַלטן אונטער זיין יוגנטלעכן עגאָיזם, זענען יענע בילדער ווידער אַרויפגעשוווּמען. אָנשטאָט אויסצומיידן דאָס בילד פון ליידן, האָט ער עס געזוכט. ער האָט נישט געדאַרפט אַוועקגיין צו ווייט, כּדי עס צו געפינען, אין זיין איצטיקן גייסטיקן צושטאַנד האָט ער זיי או־מעטום געמוזט באַגעגענען. זיי האָבן אויסגעפּולט די גאַנצע וועלט. וואָס פאַר אַ וועלט! וואָס פאַר אַ שפּיטאָל! אָ, טויטלעכע יסורים! ליידן פון אַ פאַרוווּנדעטן, פוילנדיקן לייב, שווייגנדיקע מאַטערניש פון האַרצן,

וואָס ווערט אויפגעפרעסן פון דאגות! קינדער, וואָס ווערן נישט געליבט, אָרעמע האָפענונגסלאָזע מיידלעך, פאַרפירטע אָדער פאַרראַטענע פרויען, מענער, וואָס ווערן אַנטוישט אין זייער פריינטשאַפט, אין זייער ליבע, אין זייער צוטרוי, — די גאַנצע טרויעריקע מחנה פון אומגליקלעכע, וואָס דאָס לעבן האָט צעטרעטן און שפּעטער פאַרגעסן... נויט און קראַנקהייט זענען נאָך אָבער נישט געווען צום שרעקלעכסטן; צום שרעקלעכסטן איז געווען די מענטשלעכע אַכזריות. קוים האָט אָליוויער אויפגעהויבן דעם צודעק, וואָס פאַרדעקט דעם מענטשלעכן פּנים, האָבן זיך באַלד אַרויסגעריסן די געשרייען פון אַלע אונטערדריקטע, פון אַלע עקספּלואַטירטע מענטשן און גערודפטע פעלקער; פונם געשלאָגענעם אַרמעניען, פון דעם צעבראָכענעם פּוילן, פון דעם געפּייניקטן רוסלאַנד, פון דער אייראָפּעישער רויבעריי אין אַפריקע, פון אַלע עלנטע; ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער ווערט דערשטיקט. ער האָט עס געהערט אומעטום, ער האָט עס נישט געקאָנט הערן. ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס טראַכטן אַנדערש. ער האָט אָן אויפהער גערעדט וועגן דעם מיט קריסטאָפן, וואָס איז געווען גערירט און געזאָגט,

— זיי שטיל, לאָז מיך אַרבעטן.

און אַזוי ווי עס איז אים שווער געווען צו געפינען זיין גלייכגעוויכט, איז ער געוואָרן בייז און גענומען שעלטן.

— צום טייוול! פאַרלוירן אַ טאָג. און וואָס האָסטו דערפון?

אָליוויער האָט זיך פאַרענטפערט.

— מיין טייערער, — האָט קריסטאָף געזאָגט — מען קאָן נישט שטענדיק אַראָפּקוקן אין תהום, אַזיסטן איז אוממעגלעך צו לעבן.

— מען דאַרף אויסשטרעקן אַ האַנט צו די, וואָס געפינען זיך אין תהום.

— אומבאַדינגט, אָבער ווי אַזוי? זאָלן מיר זיך אַהין אַריינוואַרפן? וואָרום דאָס ווילסטו דאָך! דו האָסט אַ נייגונג צו זען אין לעבן נאָר טרויער. זאָל זיך גאָט מרחם זיין. דער דאָזיקער פּעסימיזם קומט נאַטירלעך פון אַ גוט האַרץ, אָבער עס דריקט צו שווער. ווילסטו געבן עמעצן גליק, זיי קודם-כל אַליין גליקלעך.

— גליקלעך! ווי קאָן מען זיין גליקלעך און האָבן אַ לייכט געמיט, ווען מען זעט אַרום זיך אַזוי פיל ליידן? גליק באַשטייט נאָר אין לינדערן יענעמס זיינע ליידן און אין באַקעמפן דאָס שלעכטס.

— אויסגעצייכנט! אָבער איך קאָן גאָרנישט העלפן די אומגליק־לעכע דערמיט, וואָס איך וועל מיך שלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס. איין שלעכטער זעלנער מער האָט קיין באַדייטונג נישט. דורך מיין קונסט, אָבער, קאָן איך טרייסטן, איך קאָן פאַרשפּרייטן קראַפט און פרייד. ווייסטו וויפל נויט עס קאָן אויפגעריכט ווערן דורך דער שיינקייט פון אַ געדאַנק, דורך אַ באַפליגלטן ליד? שוסטער, בלייב ביי דיין מלאכה! איר אין פראַנקרייך זענט אַלע גוטהאַרציקע; איר זענט שטענדיק די ערשטע, וואָס מאַניפעסטירן קעגן אַלע עוולות. אַלץ איינס צי זיי קומען פאָר אין שפּאַניען אָדער אין פראַנקרייך, — כאָטש איר הויבט נישט אָן צו וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דערפאַר האָב איך אייך ליב. אָבער צי מיינט איר טאַקע, אַז מיט דעם דערפירט איר צו עפּעס? איר וואַרפט זיך אינם טומל, אָבער דער רעזולטאַט איז אַ נול, — אויב ס'ענדיקט זיך חלילה נישט ערגער... און אויסער דעם איז אייער קונסט נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי אַנעמיש ווי אין אַ צייט, ווען אייערע קינסטלער פאַרמעסטן זיך מיטצוהעלפן אין וועלט־ענינים. ס'איז מערקווירדיק, וויפיל דילעטאַנטישע און אויסגעלאַ־סענע מייסטערלעך האָבן די העזה זיך אָנצורופן אַפּאָסטאָלן. זיי וואָלטן בעסער געטון, ווען זיי גיבן זייער פאָלק אַ ווייניקער פאַלשן וויין. — מיין ערשטער חוב איז: דאָס, וואָס איך מאַך, צו מאַכן גוט. צו שאַפן אַ געזונטע מוזיק, וואָס זאָל אייך רייניקן דאָס בלוט און אָנפולן מיט זון.

אויב מען וויל פאַ־שפּריי ן זון ביי אַנדערע, מוז מען זי אַליין טראָגן ביי זיך. דאָס האָט גע ֽלט אָליווערן. ער איז געווען ווי די בעסטע מענטשן פון דע ו.ייג קער צייט, נישט גענוג שטאַרק, אַרויס־צושטראַלן פון זיך אַ קר ט. ער וואָלט עס געווען בכוח צו טון צו־זאַמען מיט אַנדערע. נאָר מ־ט וועמען זאָל ער זיך פאַרייניקן? אַזוי ווי ער איז געווען פרייזיניק און דערביי געהאַט אַ פרום האַרץ, איז ער געוואָרן אָפּגעשטויסן פון אַלע פּאָליטישע און רעליגיעזע פּאַרטייען, זיי האָבן אַלע געוואָלט איבעריאָגן איינע די צווייטע מיט אומטאָ־לעראַנץ און ענגהאַרציקייט. ווי נאָר זיי זענען געקומען צו דער מאַכט,

האָבן זיי זי מיסברויכֿט. אָליוויער האָט זיך געפּילט נאָענט נאָר צו די שוואַכֿע און אונטערדריקטע. מיט קריסטאָפֿן איז ער איינשטימיק געווען, אַז איידער מען באַקעמפֿט די ווייטליגנדיקע עוולות, מוז מען קודם־כּל באַזייטיקן די נעענטערע עוולות, וואָס רינגלען אַרום דעם מענטשן און פֿאַר וועלכֿע מען איז, מער אָדער ווייניקער, פֿאַראַנט־וואָרטלעך. צו פֿיל מענטשן שטעלן זיך צופֿרידן דערמיט, וואָס זיי פּראָטעסטירן קעגן די עוולות, וואָס אַנדערע זענען באַגאַנגען, אָבער זיי טראַכֿטן נישט וועגן די עוולות, וואָס זיי זענען באַגאַנגען אַליין.

אָליוויער האָט זיך קודם כּל פֿאַרנומען מיט שטיצע פֿאַר אָרעמע לייט. זיין פֿריינדין מאַדאַם אַרנאָ האָט זיך באַטייליקט אין אַ צדקה־אינסטיטוציע. אָליוויער איז באַלד צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. אין דער ערשטער צייט אָבער האָט ער דורכֿגעלעבט אַ סך אַנטוישונג. אָדער די אָרעמע לייט, פֿאַר וועלכֿע ער האָט געזאָרגט, זענען נישט ווערט געווען דעם אינטערעס, אָדער זיי האָבן אויפֿגענומען זיין אַר־בעט שלעכֿט, מיט אומצוטרוי און פֿאַרשלאָסנקייט. בכּלל איז שווער פֿאַר אַן אינטעלעקטואַליסט צו געפֿינען חן פֿאַר זיין באַרימהאַרציקייט, ער שטעלט זיך דערמיט נישט צופֿרידן, ווייל זי, די באַרימהאַרציקייט, באַציט זיך אויף אַ שרעקלעך קליינעם קרייז אין דער מלוכה פֿון נויט! די אַרבעט איז כּמעט שטענדיק אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג. פֿראַגמענטאַריש; עס דאַכֿט זיך, ווי זי וואָלט זיך געלאָזט טרייבן פֿון צופֿאַל, און ווי זי וואָלט געהיילט די וווּנדן נאָר דאָרט, ווו זי אַנטדעקט זיי. זי איז בכּלל צו באַשיידן און האָט צו ווייניק צייט צו דערגיין ביז די וואָרצלען פֿון דער אומגערעכטיקייט. אָבער גראָד דאָס האָט דווקא באַשעפֿטיקט אָליוויערס גייסט.

ער האָט זיך גענומען צו דערגרונטעווען דעם פּראָבלעם פֿון סאָציאַלער נויט. קיין פֿירער האָבן אים נישט געפֿעלט. די סאָציאַלע פֿראַגע איז אין יענער צייט געוואָרן אַן ענין, וואָס מען פֿלעגט באַהאַנדלען אין דער געזעלשאַפֿט, מען האָט גערעדט וועגן דעם אין טעאַטער, אין די סאַלאָנען און אין די ראָמאַנען. און יעדערער האָט געטענהט, אַז ער איז אַ זאַך־קענער. אַ טייל פֿון דער יוגנט האָט פֿאַרנוצט דערויף זיינע בעסטע כּוחות.

יעדער נייער דור דאַרף האָבן עפּעס אַ שיינע משוגעת. אַפילו די סאַמע עגאָיסטישסטע יונגע-לייט באַזיצן אַ שפּע פון לעבנס-קראַפט, אַ קאַפּיטאַל פון ענערגיע, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן און וואָס וויל נישט בלייבן ליגן נוצלאָז; זיי פּרווון עס פאַרנוצן אין מעשים אָדער (ווען זיי זענען פאָרזיכטיקער) אין טעאָריע: אין דער לופט-פליערײַ, אָדער אין דער רעוואָלוציע, אין דעם מוסקולן-ספּאָרט אָדער אידעען-ספּאָרט. ווען מען איז יונג, פילט מען אַ באַדערפעניש זיך איינצורעדן, אַז מען אַרבעט אין אַ גרויסער מענטשהייטס-באַוועגונג, אַז מען מאַכט איבער די וועלט. ווי שיין דאָס איז צו אָטעמען צוזאַמען מיט אַלע ווינטן פון דער וועלט! מען איז אַזוי פרײַ און אַזוי לײַכט. מען האָט זיך נאָך נישט פאַרבונדן מיט קיין פאַמיליען-קייטן, מען האָט נאָך גאָרנישט וואָס איינצושטעלן. מען ווערט ברייטהאַרציק, בעת מען קאָן זיך אָפּזאָגן דערפון, וואָס מען פאַרמאָגט נישט. און אויסער דעם איז דאָך אַזוי גוט ליב צו האָבן און פיינט צו האָבן אין דעם גלויבן, אַז מען קאָן איבערמאַכן די וועלט מיט חלומות און געשרייען. יונגע מענטשן זענען ווי הינט, וואָס לויערן און האָרכן: זיי ציטערן און ביקן אויפן ווינט. זיי גייען אַרויס פון די כלים צוליב אַן עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אויף יענעם עק וועלט.

אַ בילערײַ אין דער נאַכט! פון דער טיפקייט פון די וועלדער ענטפערן זיי זיך איבער פון איין הויף צום אַנדערן, די נאַכט איז אומרויִק, עס איז שווער צו שלאָפן אין אַזאַ צייט. דער ווינט טראָגט אַוועק דעם עכאָ פון אַזוי פיל עוולות אין דער לופטן. די עוולות האָבן גאָר קיין שיעור נישט: וויל מען איינעם העלפן, איז פאַראַן אַ סכנה, אַז מען וועט דערמיט אַ צווייטן אַן עוולה (ו. וואָס אַז. אייגנטלעך, אומגערעכטיקייט? — פאַר איינעם איז עס אַ בזיונדיקער פרידן, אַ צעבראָכן פאָטערלאַנד; פאַרן צווייטן איז די גרעסטע אומגערעכטיקייט די מלחמה; פאַר איינעם איז עס די חוב-געוואָרענע פאַרגאַנגענהייט, דער פאַרטריבענער פּירעט; פאַרן צווייטן איז עס די באַרויבטע קירכע; פאַרן דריטן איז עס די דערשטיקטע צוקונפט, די באַדראָטע פרײַהייט. פאַרן פאָלק איז אַן עוולה; די אומגלייכהייט און פאַר די העכערע פון שטייסל — די גלייכהייט. עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט אַזוי פיל פאַרשידענע אומגערעכטיקייטן, אַז יעדע צייט קלייבט זיך אויס איר אייגענע אומגערעכטיקייט, איינע, וועלכע זי באַקעמפט און אַ צווייטע וועלכע זי אָנערקענט.

אין יענער צייט זענען די גרעסטע אָנשטרענגונגען אויף דער וועלט געווענדעט געווען קעגן די סאָציאַלע עוולות — און אומבאַוווּסט האָט זי געשטרעבט צו באַגיין נייע. אַוודאי, די דאָזיקע עוולות זענען געווען גרויס און האָבן פשוט געריסן די אויגן, דער עיקר, זינט דער אַרבעטער-קלאַס איז אויפגעוואַקסן און איז געוואָרן איינע פון די נויטיקסטע רעדער אין דער מלוכה-מאַשין. נישט געקוקט אויף אַלע דעקלאַמאַציעס פון זייערע טריבונען און וואָרט-פירער, איז דאָך די לאַגע פון דעם דאָזיקן קלאַס נישט געווען ערגער, נאָר אַדרבה, בעסער ווי אַמאָל, און די ענדערונג איז פאָרגעקומען נישט דערפאַר, וואָס ער האָט מער געליטן, נאָר דערפאַר וואָס ער איז שטאַרקער געוואָרן דורך דער קראַפט פון דעם פייַנטלעכן קאַפּיטאַל, דורך דעם פאַטאַליזם פון דער עקאָנאָמישער, אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, וואָס האָט אָרגאַניזירט די אַרבעטער און אַרמען גרייטע צום קאַמף. די צייט פון מאַשינען האָט זיי געגעבן אין דער האַנט אַריין כלי זין, פון יעדן קליינעם בעל מלאכה געמאַכט אַ מייסטער, אַ האַר, וואָס האָט באַפוילן דעם ליכט, דעם בליץ, דער באַוועגונג, דער וועלט-ענערגיע. די דאָזיקע ריזיקע מאַסע פון עלעמענטאַרע כוחות, וואָס אייניקע פירער האָבן מיט אַ קורצער צייט צוריק געפּרוּווט אָרגאַניזירן, האָט געאָטעמט מיט הייסן פייער, געשטראָמט מיט עלעקטרישע כוואַליעס, וואָס זענען אַדורכגעלאָפן איבערן קערפּער פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

דאָס אינטעליגענטע בירגערטום איז גערירט געוואָרן פון די פאָלקס-פּראָבלעמען, אָבער נישט צוליב דער גערעכטיקייט, אָדער צוליב דער נייקייט, אָדער דער גרויסקייט פון זייערע אידעען (כאָטש זיי האָבן זיך עס גערן איינגערעדט), נאָר צוליב זייער לעבנס-קראַפט. די גערעכטיקייט פון דער אַרבעטער-זאַך? טויזנטער אַנדערע גערעכטע פאָדערונגען ווערן פאַרגוואַלטיקט אויף דער וועלט, און די וועלט ווערט נישט נתפעל דערפון. אירע אידעען? דאָס זענען אָפּגעריסענע שטיקער פונם אמת, צונויפגעקליבן דאָ און דאָרטן און צוגעשניטן לויט דער מאָס פון איין איינציקן קלאַס אויפן חשבון פון די אַנדערע קלאַסן. אַן אומזיניקער אַני-מאמין ווי יעדער אַני-מאמין: דאָס געטלעכע רעכט פון די מלאָכים, די אייביקע גערעכטיקייט פון די פויפּסטן וואָס באַגייען קיינמאָל קיין טעות נישט. אַלגעמיינע שטים-רעכט, גלייכהייט פון אַלע מענטשן, — אָט די אַלע אומזיניקע זאַכן, אויב מען נעמט אין באַטראַכט בלויז זייער שכלדיקן ווערט און נישט די

קראַפט, וואָס באַלעבט דעם דאָזיקן אַני מאמין. ווען מען גייט עס אָן, וואָס זיי זענען מינדערווערטיק, אידעען נעמען איין די וועלט נישט אַלס אידעען, נאָר אַלס כּוחות. זיי באַהערשן די מענטשן נישט דורך זייער געדאַנקלעכן אינהאַלט נאָר דורך דער לעבעדיקער אויסשטראַלונג, וואָס ציט זיך פון זיי אין געוויסע מאָמענטן פון דער געשיכטע. זיי זענען ווי אַן אַרויפשטייענדיקער רויך, ווי די ריחות פון די מאכלים, וואָס צערייצן דעם חוש הריח. די דערהויבנסטע אידעע בלייבט אָן ווירקונג אַזוי לאַנג ביז זי ווערט אָנשטעקנדיק: דאָס געשעט אָבער נישט צוליב איר אייגענעם ווערט, נאָר דורך די מענטשלעכע גרופּן, וואָס גיבן איר איצטער בלוט און געשטאַלט. דעמאָלט בליט זי אויף און פולט-אָן די לופט מיט איר שמעקנדיקן ריח; די פּאַרטריקנטע פּלאַנץ, די רויז פון יריחו. — דאָס זעלבע איז געווען מיט די געדאַנקען, וואָס האָבן אַרויסגעשפּראָצט אין די מוחות פון די בירגערלעכע בעלי חלומות, און וואָס אונטער זייער פלאַמענדיקער פאָן האָט דער אַרבעטער-קלאַס געשטורעמט די בירגערלעכע פעסטונג. כּל זמן די דאָזיקע געדאַנקען זענען געלעגן אין די ביכער פון די בירגער, זענען זיי געווען טויט, זענען זיי געווען מוזיי-אַנטיקן, מומיעס, איינגעהילט אין גלאָז-שאַנקן, אויף וועלכע קיינער קוקט זיך נישט אום. קוים אָבער האָט עס דאָס פאָלק אַריינגעקריגן אין זיינע הענט, זענען זיי געוואָרן פאָלקסטימלעך. דאָס פאָלק האָט זיי אויסגעפירט מיט פיבערדיקער ווירקלעכקייט, צעקאַלעטשעט זיי, אָבער דאָך באַלעבט. ווייל עס האָט אַריינגעבלאָזן אין זיינע אַבסטראַקטע באַטראַכטונגען פאַנטאַסטישע האָפענונגען, ווי אַ גליענדיקער מדבר-ווינט. זיי האָבן זיך איבערגעטראָגן פון איינעם אויפן צווייטן. מען איז געוואָרן אָנגעשטעקט דערפון און נישט געוווּסט דורך וועמען און ווי אַזוי. די מענטשן זענען נישט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט. די גייסטיקע עפּידעמיע האָט זיך אַליין מער פאַרשפּרייט, און עס האָט געקאָנט געשען, אַז באַגרענעצטע מענטשן האָבן אָנגעשטעקט העכערע פון זיך. יעדערער איז אומבאַוווּסטערהייט געווען זייער טרעגער.

אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער באַגעגנט מען זיך מיט אַזעלכע דערשיינונגען פון גייסטיקער אָנשטעקונג, אַפילו אין די אַריסטאָקראַטישע מלוכות, ווו די קאַסטעס שטרעבן וואָס מער צו זיין אָפּגעזונדערט איינע פון דער צווייטער. אָבער אין קיין אָרט זענען די דאָזיקע דערשיינונגען נישט אַזוי צעשטערנדיק, ווי אין די

דעמאָקראַטיעס, וואָס האַלטן נישט אויף קיין סאַניטאַרע אָרדענונג צווישן העכערע מענטשן אין דעם גרעסערן המון. נישט געקוקט אויף זייערע אָנשטרענגונגען ווערן זיי אויך המוניש. הגם זיי זענען שטאָלץ און אינטעליגענט, זענען זיי נישט בכוח אויסצומיידן די מגפה, ווייל זיי זענען פיל שוואַכער, ווי זיי מיינען. די אינטעליגענץ איז אַן אינזל, ווו די מענטשלעכע ים-כוואַליעס וואַשן אָפּ און פאַרפלייצן. זי טויכט ווידער אַרויס, ווען די פאַרפלייצונג גייט אָפּ. מען באַוווּנדערט די עקשנות פון די פראַנצויזישע פּריווילעגירטע, וואָס האָבן אין דער נאַכט פון דעם פערטן אויגוסט זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע רעכט. און מען דאַרף זיכער באַוווּנדערן דאָס, וואָס זיי האָבן אַנדערש נישט גע-קאָנט האַנדלען. איך שטעל מיר פאָר, אַז אַ גרויסע צאָל פון זיי, ווען זיי זענען געקומען אַהיים האָבן זיי געזאָגט:

— וואָס האָב איך געטון? איך בין געווען שיכור!

אַ וווּנדערבאַרע שיכרות! געבענטשט זאָל זיין דער ווייַן און דער וויינגאָרטן, וואָס האָט אים געבוירן. די פּריווילעגירטע פון דעם אַלטן פראַנקרייך האָבן נישט געפלאַנצט דעם וויינגאָרטן, וואָס זיין בלוט האָט זיי פאַרשיכורט. דער ווייַן איז שוין געווען צורעכטגע-מאַכט, מען האָט אים נאָר געדאַרפט אויסטרינקען. ווער ס'האָט געטרונ-קען איז געוואָרן באַרוישט. אַפילו די, וואָס האָבן נישט געטרונקען האָבן געפילט אַ שווינדלעניש אין קאָפּ. בלויז פון דעם ריח, וואָס זיי האָבן פאַרבייגייענדיק דערשפירט פון דעם פאַס. וויין-זאַמלונג פון דער רעוואָלוציע; פון דעם „ביין און אַכציקער“ איז היינט מער נישט גע-בליבן אין די פאַמיליען-קעלערן, ווי עטלעכע ליידיקע פלעשער. אָבער די קינדער פון אונזערע קינדס-קינדער וועלן נאָך געדענקען, אַז זיי-ערע עלטער-זיידעס האָט געשווינדלט דערפון אין די קעפּ.

דער ווייַן, וואָס האָט ביי די יונגע בירגער פון אָליוויערס דור אַרויפגעשטיגן צום קאָפּ, איז געווען נישט ווייניקער שטאַרק. זיי האָבן מקריב געווען זייער סאָציאַלן קלאַס פאַרן נייעם גאָט — דעם אומבאַ-קאַנטן גאָט: דאָס פאָלק.

געוויס. נישט אַלע זענען געווען אין אַ גלייכער מאָס אויפריכ-

טיק. אַ סך מענטשן האָבן געזען אין דעם אַ געלעגנהייט זיך צו דערהויבן איבער זייער געזעלשאַפטלעכן שיכט, וועלכן זיי האָבן משמעות פאַראַכטעט. פאַר דער מערהייט איז עס געווען אַ גייסטיקער צייט־פאַרטרייב, אַן אָראַטאָרישע באַגייסטערונג, וואָס זיי אַליין האָבן נישט גענומען ערנסט. עס איז אַ פאַרגעניגן צו גלויבן, אַז מען גלויבט אין עפּעס, אַז מען שלאָגט זיך, אָדער אַז מען וועט זיך שלאָגן פאַר דעם, לפּחות אַז מען איז ביכולת זיך פאַר דעם צו שלאָגן. דערבײַ איז נישט שלעכט זיך איינצורעדן, אַז מען שטעלט עפּעס איין אין קאָן. דאָס איז אַ גאַנצער טעאַטער פון געפילן. אָט די דאָזיקע אויפרעגונג איז גאַנץ אומשולדיק, אויב מען גיט זיך איר איבער אָן שום חשבונות. אַנדערע אָבער, געשיקטע מענטשן, נעמען זיך צו דער שפּיל ערשט נאָך אַ גוטן ישוב-הדעת: די פאָלקסבאַוועגונג איז פאַר זיי אַ מיטל אַרויסצושווימען. זיי מאַכן עס אַזוי ווי די נאָרמאַנישע ים־רויבער, וועלכע נוצן אויס דעם שטראָם, כּדי צו טרייבן זייערע שיפלעך ווייט אין לאַנד אַרײַן; זיי האָבן גערעכנט דערויף, אַז ס׳וועט זיך זיי איינגעבן זיך אַרײַנצורײַסן טיף אין די גרויסע ישובים און זיך צו באַזעצן אין די איינגענומענע שטעט, בעת דער ים וועט גיין אויף צוריק. דער דורכגאַנג איז געווען שמאָל, און דער שטראָם — קאַפּריז, און מען האָט געמוזט זײַן געשיקט. אָבער צוויי אָדער דרײַ דורות פון דעמאַגאָגיע האָבן דערצויגן אַ ראַסע פון ים-רויבער, וואָס פאַר זיי האָט די מלאָכה קיין שום סודות נישט. זיי זענען דורכגעפאָרן דרייסט און אפילו נישט אומגעקוקט זיך אויף די מענטשן, וועלכע זיי האָבן דערטרונקען אין וועג.

אָט אַזאַ געזינדל געפינט זיך אין יעדער פּאַרטיי; גאָט צו דאַנקען, וואָס קיין שום פּאַרטיי איז דערפאַר נישט פאַראַנטוואָרטלעך. אָבער דער ווידערווילן, וועלכן די ים־רויבער האָבן דערוועקט אין די אויפריכטיקע און איבערגעצייגטע, האָט נישט איינעם געבראַכט דערצו אין זײַן געזעלשאַפטלעכן קלאַס. אָליווער האָט געקענט רײַכע און געבילדעטע יונגעלײַט, וואָס האָבן געפילט די ירידה פון דעם בירגערטום און זייער אייגענע נוצלאָזיקייט. ער האָט געהאַט די גרעסטע נייגונג צו שליסן מיט זיי פרײַנטשאַפט. נאָכדעם ווי זיי האָבן פריער געגלויבט אין דער באַנײַאונג פון דעם פאָלק דורך אויסדערוויילטע מענטשן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געגרינדעט פאָלקס־אוניווערסיטעטן און פאַרשווענדעט דערויף אַ סך צײַט און געלט, האָבן זיי

איינגעזען, אַז אַלע אָנשטרענגונגען זענען אומזיסט; זייערע האָפענונגען זענען געווען צו גרויס, און דעריבער איז גרויס געווען די אַנטוישונג. דאָס פאָלק האָט נישט געפאָלגט זייער רוף, אָדער עס איז אַנטלאָפן. און אויב עס איז יאָ געקומען, האָט עס אַלץ פאַרשטאַנען פאַלש און פון דער בירגערלעכער קולטור איבערגענומען בלויז די חסרונות און לעכערלעכקייטן. לסוף האָט זיך אין די רייען פון די בירגערלעכע נביאים אַריינגעגליטשט נישט איין קרעציקער שעפּס, באַפלעקט דאָס בירגערטום און גלייכצייטיק אויסגענוצט אי דאָס פאָלק אי די בירגער. דעמאָלט האָבן די מענטשן מיט בעסטע כּוונות געגלויבט, אַז אויפן בירגערטום ליגט אַ קללה, אַז עס קאָן נאָר פאַרסמען דאָס פאָלק, אַז דאָס פאָלק דאַרף זיך פאַר יעדן פּרייז באַפרייען און אַליין געפינען זיין וועג. זיי האָבן מער נישט געהאַט וואָס צו טון, ווי נאָר פאָרויסצוזען און פאָרויסצוזאָגן אַ באַוועגונג, וואָס וועט אַנטשטיין אָן זייער אָנטייל און וועט זיין געווענדעט קעגן זיי אַליין. טייל מענטשן האָבן געפונען אין דעם אַ געוויסע פרייד זיך אָפּצוזאָגן, אַ טיף מענטשלעכע, פערזענלעך נישט פאַראינטערעסירטע פרייד, וואָס געפינט אַ צופרידנקייט אין זיך אַליין און אין קרבן; ליבע, וואָס גיט זיך אַליין איבער! די יוגנט איז אַזוי רייך אין אייגענע אוצרות, אַז זי נויטיקט זיך נישט, מען זאָל איר אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מטבע; זי האָט נישט קיין מורא, טאָמער ליידיקט זי זיך אויס, זי קאָן זיך אָפּזאָגן פון אַלץ, אָבער ליב האָבן מוז זי. אַנדערע האָט באַאַפּדיקט אין דער דאָזיקער באַוועגונג זייער פאַרשטאַנד, זייער לאָגיק: זיי האָבן זיך נישט מקריב געווען פאַר קיין מענטשן, נאָר פאַר אידעען. דאָס זענען געווען די אומדערשראָקנסטע, זיי האָבן געפונען אַ שטאָלצע פרייד צו באַווייזן מיט שכלדיקע ראַיות דעם אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג פון זייער קלאַס. עס וואָלט זיי געווען פיינלעכער צו זען, ווי זייער נביאות ווערט נישט מקוים איידער אַליין חרוב צו ווערן אונטער דער דאָזיקער לאַסט. אין זייער גייסטיקער שיכּרות האָבן זיי געשריגן צו די מענטשן פון דרויסן:

— פעסטער! שלאָגט נאָך פעסטער, עס זאָל פון אונז קיין סימן נישט בלייבן.

זיי זענען געוואָרן די טעאָרעטיקער פון געוואַלט, דעם געוואַלט פון אַנדערע. ווייל, ווי ס'קומט ס'רוב פאָר, זענען די דאָזיקע פּרעדיקער פון ברוטאַלן געוואַלט, געווען כּמעט שטענדיק אָרנטלעכע,

שוואַכע מענטשן. אַזוי זענען אַנדערע פון זיי געווען באַמטע, פליי-
טיקע, געוויסנהאַפטע און איבערגעגעבענע באַמטע פון דער זעלבער
מלוכה, וואָס זיי האָבן געוואָלט חרוב מאַכן. מיט זייער טעאָרעטישער
פאַרגוואַלטיקונגס-אַרבעט האָבן זיי זיך נוקם געווען אין זייערע איי-
גענע שוואַכקייטן, אין זייער פאַרביטערונג און אין דער ענגקייט
פון זייער לעבן. קודם כל זענען זיי געווען די אָנווייזער פון די
שטורעמס, וואָס האָבן אַרום זיי געראַשט. טעאָרעטיקער זענען ווי
מעטעאָראָלאָגן: אין וויסנשאַפטלעכע אויסדרוקן ווייזן זיי נישט דעם
וועטער, וואָס וועט קומען נאָר דעם וועטער פון איצט. זיי זענען
די וועטער-פענדלעך, וואָס ווייזן וווהין דער ווינט בלאָזט, ווען זיי
דרייען זיך גלויבן זיי כמעט, אַז זיי האָבן אויסגעדרייט דעם ווינט.
דער ווינט האָט אָנגענומען אַן אַנדער ריכטונג.

אידעען ווערן ביי דער דעמאָקראַטיע שנעל אָפּגענוצט! וואָס
גיכער זיי זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אַלץ גיכער פאַרשווינדן זיי.
וויפל רעפּובליקאַנער אין פראַנקרייך האָבן אין פופציקסטן יאָר פון
דער רעפּובליק דערפילט אַן עקל צום אַלגעמיינעם שטים-רעכט און
צו אַ סך אַנדערע פרייהייטן, וואָס מען האָט אַמאָל דערוואָרבן פאַר-
שיכורטערהייט! נאָך דעם פעטיש-קולט פון דער מאַסע, נאָך דעם
גוטמוטיקן אָפּטימיזם, וואָס גלויבט אין דער הייליקער מאַיאָריטעט
און דערוואַרט פון איר דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, האָט אַ שוועב
געטון דער גייסט פון צעשטערונגס-אַרבעט, די אומפעיקייט פון דער
מערהייט אַליין צו רעגירן איבער זיך, איר פאַרקויפטקייט, איר שוואַכ-
קייט, איר געמיינער פחדנותדיקער עקל צו יעדער העכערער מאַכט,
איר דריקנדיקע געפאַלנקייט, — האָבן דערוועקט אַ בונט! די ענערגי-
שע מינדערהייטן — אַלע מינדערהייטן — האָבן זיך גענומען צום
פויסט. עס איז געקומען צו אַ מערקווירדיקער און דאָך פאַטאַלער
דערנענטערונג צווישן ראָיאַליסטן פון „Action Française“ *) און די
סינדיקאַליסטן **) C. G. T. באַלזאַק זאָגט ערגעץ וועגן די מענטשן
פון זיין צייט:

---

*) אַ פּאַרטיי מיט ראַדיקאַל-נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען,

**) אַלגעמיינער אַרבעטס-פאַריין, דער הויפּט-פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע
פּאַרטייען.

— זיי זענען אַריסטאָקראַטן צוליב נייגונג, אָבער אויף צו להכעיס ווערן זיי רעפּובליקאַנער נאָר כדי צווישן זייער גלייכן צו געפינען פיל נידעריקערע פון זיי.

אַ נעבעכדיקער פאַרגעניגן. מען מוז צווינגען די דאָזיקע נידעריקערע זיי זאָלן עס מודה זיין; און דערצו איז נישטאָ קיין בעסער מיטל ווי אַן אויטאָריטעט, אַ מאַכט, וואָס צווינגט אַרויף אויף דער מאַסע די הערשאַפט פון אַן אויסדערוויילטער גרופּע, אַלץ איינס צי פון אַרבעטער, צי פון בירגער. יונגע אינטעליקטואַליסטן, פאַריסענע קליינבירגער זענען געוואָרן ראַיאַליסטן צוליב באַליידיקטער אייגנליבע און שנאה צו דער דעמאָקראַטישער גלייכהייט. און די פערזענלעך נישט פאַראינטערעסירטע טעאָרעטיקער, די פילאָזאָפן פון דער פּויסט טעטיקייט, האָבן זיך געהויבן ווי גוטע וועטער-פענדלעך, ווי פענער פון דעם שטורם.

אויסער דעם איז נאָך געווען אַ גרופּע ליטעראַטן, וואָס האָבן געזוכט שטימונגען — שרייבער, וואָס פאַרשטייען ווי צו שרייבן, נאָר זיי ווייסן נישט וואָס. ווי די גריכן פון אויליס, האָבן זיי געמוזט צוליב דער שטילקייט פון ווינט ליגן רויק און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אַ גוטן ווינט פון וואַנעט עס איז, וואָס זאָל אָנבלאָזן זייערע זעגלען. צו זיי האָבן געהערט באַרימטע מענטשן, פון דעם מין וואָס די דרייפוס־אַפערע האָט זיי אומגעריכט אַרויסגעריסן די פעדער פון האַנט און אַריינגעוואָרפן אין אַ קעסל פון מיטינגען און פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. אָט דער ביישפיל איז נאָכגעמאַכט געוואָרן פון פיל מענטשן לויטן ווונש פון דעם פירער. איצט האָבן זיך מאַסן ליטעראַטן געמישט אין פּאָליטיק און געהאַט תביעות אָנצופירן מיט אַלע מלוכה־ענינים. אַלץ האָט געדינט פאַר אַן אויסרייד צו גרינדן פאַרבאַנדן, אַרויסצולאָזן מאַניפעסטן, צו ראַטעווען דעם קאַפּיטאַל. נאָך די אינטעלעקטואַליסטן פון דער ערשטער ריי, זענען געקומען די אינטעלעקטואַליסטן פון די הינטערשטע רייען. אָבער די זענען נישט מער ווערט געווען ווי יענע. יעדע איינע פון די ביידע פאַרטייען האָט געהאַלטן די אַנדערע פאַר אינטעלעקטועל און זיך אַליין פאַר אינטעליגענט. די, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק, אַז אין זייערע אָדערן איז געווען צוגעמישט אַ פּאָר טראָפּנס פאָלקס־בלוט האָבן זיך געגרויסט דערמיט; זיי האָבן געטונקען די פעדער אין דעם בלוט און געשריבן דערמיט.
— אַלע האָבן געהערט צום בירגערטום; עס זענען געווען אומצופרי־

דענע, וואָס האָבן געוואָלט ווידער געווינען די פירערשאַפט, וועלכע דאָס בירגערטום האָט צוליב זיין אייגנליבע איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרלוירן. אין זייער זעלטענע פאַלן האָבן זיך די אַפּאָסטאָלן אויפגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. אין אָנהויב האָט זיי דער ענין געבראַכט ערפאָלג, וועלכן זיי האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען לכל־הדעות נישט זייער רעדנער־טאַלענט. דאָס האָט געשמייכלט צו זייער אייגנליבע. שפּעטער איז געוואָרן אַ ביסל ערגער. זיי האָבן געהאַט ווייניקער ערפאָלג און האָבן מורא געהאַט נישט צו ווערן לעכערלעך. מיט דער צייט האָט דאָס געפיל גובר געווען, באַזונדערס מחמת דעם, וואָס זיי איז שווער געווען צו שפּילן די דאָזיקע ראָלע צוליב זייער אויסגעצייכנטן געשמאַק און סקעפּטיציזם. זיי וואָלטן זיך גערן געצויגן אויף צוריק און האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ גינסטיקן ווינט, וואָס זאָל עס זיי דערלויבן צו טון; במילא וואָלט אויך די סביבה זיי עס דערלויבט. זיי זענען געווען די געפאַנגענע סיי פון דעם ווינט סיי פון דער סביבה. אָט די פּריש-געבאַקענע וואָלטערס און דע מעטערס האָבן אונטער דער דרייסטקייט פון זייערע רייד און צייטונגען באַהאַלטן אַ פּחדנותדיקע אומזיכערקייט, וואָס האָט געפּאָרשט אַרום און האָט מורא געהאַט נישט קאָמפּראָמיטירט צו ווערן לגבי די יונגעלייט. זיי האָבן זיך באַמיט געפעלן צו ווערן די יונגע און זיך אַליין געמאַכט יונגער פון זיי. אַלט ליטעראַרישע רעוואָלוציאָנערן אָדער קאָנטררעוואָלוציאָנערן זענען זיי מיט הכנעה מיטגעגאַנגען מיט דער ליטעראַרישער מאָדע, ווו זיי אַליין האָבן זיך באַטייליקט אין איר אַנטשטייאונג.

דער אינטערעסאַנטסטער טיפּ, וואָס אָליוויער האָט באַגעגנט אין די קליינע בירגערלעכע רייען פון דער רעוואָלוציע איז געווען דער רעוואָלוציאָנער צוליב אומדרייסטקייט. דער מוסטער־עקזעמפּלאַר, וועלכן ער האָט געהאַט פאַר זיך האָט געהייסן פּיער קאַנעט. ער האָט געשטאַמט פון אַ רייכער בירגערלעכער קאָנסערוואַטיווער פאַמיליע, וואָס האָט זיך שטרענג אָפּגעזונדערט פון אַלע נייע אידעען. באַאַמטע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס זיי זענען אַרומגעגאַנגען אָנגעבלאָזן אויף דער רעגירונג אָדער מען האָט זיי אָפּגעזאָגט פון אַמט. די דאָ-

זיקע דיקע בירגער פון דעם שטאָט-קוואַרטל מאַריי האָבן קאָקעטירט מיט דער קירך און געטראַכט ווייניק אָבער קלוג. פיער קאַנעט האָט צוליב לאַנגווייליקייט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי פון אַן אַריסטאָקראַ־טישער משפחה, וואָס האָט פאַרמאָגט נישט ווייניקער פאַרשטאַנד און געטראַכט נישט מער פון אים. די דאָזיקע ענגע קאָנסערוואַטיווע וועלט, וואָס האָט אָן אויפהער מעלה־גרה געווען איר שטאָלץ און פאַרביטער־רונג האָט אים לסוף אַריינגעבראַכט אין פאַרצווייפלונג, בפרט ווייל זיין פרוי איז געווען מיאוס און לאַנגווייליק. ער האָט פאַרמאָגט אַ מיטלמעסיקע אינטעליגענץ, אַ גאַנץ אויפנאַמפעיקן גייסט און געוויסע פרייהייטלעכע שטרעבונגען, הגם ער האָט רעכט נישט געוווסט אין וואָס אייגנטלעך זיי באַשטייען. אין זיין סביבה האָט ער זיך נישט געקאָנט אויסלערנען אין וואָס עס באַשטייט די פרייהייט. ער האָט נאָר גע־ווּסט, אַז דאָרט איז זי נישט פאַראַנען, און ער האָט זיך איינגע־רעדט, אַז ער דאַרף נאָר פון דאָרט אַרויסגיין כדי צו געפינען. אָבער אַליין צו גיין איז ער נישט פעיק געווען. גלייך נאָך די ערשטע זעלבשטענדיקע שריט, איז ער געווען גליקלעך זיך אָנצוכאַפּן אָן זיי־נע שול־פריינט, וואָס נישט איינער פון זיי איז געווען אָנגעשטעקט מיט סינדיקאַליסטישע אידעען, אין די דאָזיקע קרייזן האָט ער זיך געפילט נישט בעסער ווי אין זיינע אייגענע, ער האָט עס אָבער נישט געוואָלט מודה זיין. ער האָט דאָך געמוזט ערגעץ לעבן, און מענטשן פון זיין ריכטונג (דאָס הייסט אינגאַנצן אָן אַ ריכטונג) האָט ער נישט געקאָנט געפינען. און איין גאָט ווייס, אַז דער דאָזיקער מענטשן־מאַטעריאַל פעלט נישט אין פראַנקרייך, נישט מער, זיי שע־מען זיך איינער פאַרן אַנדערן פאַרשטעקן זיך אָדער באַפאַרבן זיך מיט איינער אָדער גאָר מיט אַ סך פון די פאָליטישע מאָדע־פאַרבן. אגב, האָט ער אויך געליטן, אונטער דער השפעה פון זיינע פריינט. ווי עס טרעפט אָפט, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט דווקא אין אַזאַ מענטשן, וואָס איז צום ווייניקסטן געווען ענלעך צו אים. דער דאָזיקער פראַנ־צויז, וואָס איז דורך־און־דורך געווען אַ פראַנצויזישער קליינבירגער און נאָך אַ פראָווינצער דערצו, איז געוואָרן אַ טרייער פריינט פון אַ יונגן יידישן דאָקטאָר, מאַנעס היימאַן, אַ רוסישער אַנטלאָפענער. וואָס האָט, ווי פיל פון זיינע לאַנדסלייט פאַרמאָגט די טאָפּעלע מעלה: ראשית האָט ער זיך איינגעאָרדנט ביי די פרעמדע, אַזוי ווי ביי זיך אין דערהיים. און צווייטנס האָט ער זיך אַזוי גוט געפילט אין יע־

דער רעוואָלוציע, אַז מ׳האָט געקאָנט פרעגן וואָס אינטערעסירט אים אייגנטלעך מער, צי דער אַרומיקער טומל, דער שפּיל—אָדער די זאַך גופא, די אייגענע און פרעמדע דערפאַרונגען האָבן אים געדינט פאַר פאַרווײלונגסשטאָף. נישט געקוקט אויף זיין אויפריכטיקן רעוואָלוציאָניזם, האָט אים די געוווינהייט צו דענקען וויסנשאַפטלעך דערפירט דערצו, אַז ער האָט אויף די רעוואָלוציאָנערן און בתוכם אויף זיך אַליין געקוקט ווי אויף משוגעים. ער האָט אָבסערווירט די דאָזיקע גייסטיקע קראַנקהייט ביי אַנדערע און ביי זיך, אָבער בשעת מעשה האָט ער זי אַנטוויקלט און געכאָוועט. אַזוי ווי ער איז געווען דורכויס דילעטאַנטיש און פאַרמאָגט נייגונגען, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין טוישן, האָט ער אויפגעזוכט די פאַרשיידנסטע קרייזן פון אַלערליי עקסטרעמען. ער איז געווען אין אינטימע באַציונגען מיט מענער, וואָס זענען געשטאַנען ביים רודער אפילו פון פּאָליציי-אַמטן; ער האָט אומעטום געשנאַפּט, געטריבן פון קרענקלעכער און געפערלעכער נייגעריקייט, וואָס אַ דאַנק איר מאַכן פיל רוסישע רעוואָלוציאָנערן דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געטריבן אַ טאָפּעלע שפּיל, טיילמאָל אַפילו די ווירקלעכקייט. דאָס איז נישט קיין פאַראַט, נאָר אַ נישט געשטעלטע נאַטור, וואָס האָט נישט דערביי קיין שום אינטערעסן. פאַר פיל מענטשן פון מעשים איז די טעטיקייט נאָר אַ טעאַטער־שפּיל, ווו זיי ברענגען אַריין דעם טאַלענט פון גוטע אַקטיאָרן, וואָס זענען ביי זייער גאַנצער אָנשטענדיקייט שטענדיק גרייט צו בייטן די ראָלן! זיין ראָל אַלס רעוואָלוציאָנער, איז מאַנעס געווען אַזוי טריי, ווי ער האָט נאָר געקאָנט זיין; אין איר האָט ער פאַרקערפּערט די געשטאַלט, וואָס האָט צום בעסטן געפּאַסט פאַר זיין אַנאַרכיסטישער נאַטור און וואָס האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן אונטערצוגראָבן די געזעצן פון די לענדער, דורך וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען. דאָך איז עס געווען נישט מער ווי אַ ראָלע. מען האָט קיינמאָל נישט געוווּסט וויפל ווירקלעכקייט און וויפל איינבילדונג עס ליגט אין זיין פלוידעריי; און סוף כל סוף האָט ער עס אַליין אויך נישט געוווּסט.

אַן אינטעליגענטער און שפּאָטישער, באַשאָנקען מיטן פּסיכאָלאָגישן שאַרפן בליק פון זיין טאָפּעלער ראַסע, האָט ער אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די שוואַכקייטן פון אַנדערע און זיינע אייגענע שוואַכקייטן, און האָט געשפּילט מיט זיי: דערפאַר האָט זיך אָן שום מי איינגעגעבן צו באַהערשן קאַנעטן. עס האָט אים געוויילט אַריינצוציען

דעם דאָזיקן סאַנטשאָפּאַנסאַ אין דאָן קישאָטע פּאַסירונגען. ער האָט געהאַט די דעה איבער אים, איבער זיין ווילן, איבער זיין צייט און געלט, וואָס ער האָט אויסגענוצט נישט פאַר זיך אַליין (ער האָט נישט געהאַט קיין באַדערפעניש און מען האָט בכלל נישט געוווסט ווי אַזוי און פון וואָס ער לעבט), נאָר פאַר די קאָמפּראָמיטירנדיקע פּאַרטיי־מאַניפעסטאַציעס. קאַנעט האָט זיך געלאָזט מיטשלעפּן. ער האָט געפּרוווט זיך איינרעדן, אַז ער טראַכט אַזוי ווי מאַנעס, כאָטש ער האָט געוווסט זייער גוט, אַז פּונקט פאַרקערט. אָט די דאָזיקע אידעען האָבן אים געשווינדלט אין קאָפּ. זיי זענען געווען קעגן זיין געזונטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. ער האָט נישט ליב געהאַט דאָס פאָלק, דער־צו האָט ער קיין מוט נישט פאַרמאָגט. אָט דער דיקער יונג, וואָס איז געווען גרויס, ברייט, פעסט און קורץ־אָטעמדיק, געהאַט אַ גלאַט־ראַזירט אָנגעבלאָזן פּנים, גערעדט העפלעך, פאַטעטיש און קינדעריש, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ ברוסט־קאַסטן, ווי אַ פאַרנעזישער הערקולעס און האָט אין באָקסן־קאַמף אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע גבורות, איז געווען דער אומדרייסטסטער מענטש, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאַרשטעלן. אויב מ'האָט אים צווישן אייגענע געהאַלטן פאַר אַ גע־פערלעכן רעוואָלוציאָנער, האָט ער אָבער אין האַרצן געציטערט פאַר דער געוואַגטקייט פון זיינע פריינט. פונדעסטוועגן איז דער דאָזיקער קליינער ציטער געווען גאַנץ אָנגענעם כל זמן עס איז פאָרגעקומען אַ שפּיל. אָבער דער שפּיל איז געוואָרן געפערלעך. די חברה זענען געוואָרן אמתע מענטשן־פרעסער, זייערע אָנפאַלן זענען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. קאַנעטס טיפער עגאָיזם איז געוואָרן זייער אומרויק, און זיין קליינבירגערלעכע פּחדנות, מיטן איינגעוואָרצלטן געפיל פאַר זיין אייגנטום־רעכט, האָט אַ ציטער געטון. ער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו פרעגן:

— וווהין פירט איר מיך?

נאָר ער האָט אין האַרצן געשאָלטן די זאָרגלאָזיקייט פון די מענטשן, וואָס האָבן שוין מער נישט וואָס צו טון, ווי נאָר צו ברעכן זיך האַלז און נאַקן און זאָרגן נישט צו ברענגען בשעת מעשה אויך אַנדערע קעפּ אין געפאַר. ווער האָט אים געצוווּנגען מיטצוגיין מיט זיי? צי האָט ער נישט געקאָנט פון זיי אַוועק? נאָר ס'האָט אים גע־פעלט מוט. פאַר דער איינזאַמקייט האָט ער מורא געהאַט, ווי אַ קינד, וואָס בלייבט אַליין אויפן וועג און צעוויינט זיך. פּונקט ווי פיל

מענטשן, האָט ער אויך קיין שום מיינונג נישט פאַרמאָגט, און איז געווען קעגן אַלע איבערגעטריבענע מיינונגען. אָבער כּדי צו זיין אומאָפּהענגיק מוז מען בלייבן אַליין. און וויפל מענטשן זענען פעיק דערצו? וויפל מענטשן אַפילו מיט די שאַרפסטע בליקן האָבן גענוג מוט זיך צו באַפרייען פון דער שקלאַפעריי פון געוויסע פאָראורטיילן, געוויסע פאָדערונגען, וואָס דריקן ווי אַ משא אַלע מענטשן פון דעם זעלבן דור? דאָס וואָלט געהייסן אויפשטעלן אַ מויער צווישן זיך און אַנדערע; אויף איין זייט איז די פרייהייט אין מדבר, אויף דער צווייטער זענען די מענטשן. זיי באַקלערן זיך נישט לאַנג. זיי ווילן בעסער די מענטשן, די סטאַדע. זי האָט אַ שלעכטן ריח, אָבער זי וואַרעמט. דעמאָלט רעדן זיי זיך איין, אַז מיר טראַכטן אַזעלכע געדאַנקען, וואָס באמת טראַכטן זיי נישט. דאָס קומט זיי נישט אָן אַזוי שווער: זיי פאַרשטייען דאָך אַליין נישט וואָס זיי טראַכטן!... „דערקען דיך אַליין!" ווי אָבער קאָן זיך עס איינגעבן די דאָזיקע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן קוים אַן „איך"! אין יעדן מאַסן־גלויבן, צי ער איז רעליגיעז אָדער סאָציאַל, איז פאַראַן ווייניק אמת־גלויביקע, ווייל עס זענען פאַראַנען ווייניק אמתע מענטשן. גלויבן הייסט: זיין העלדיש שטאַרק. אָט דאָס פייער האָט געברענט נאָר ביי עטלעכע געציילטע מענטשלעכע שטורקאַצן. אָבער אויך זיי האָבן זיך אָפט געלאָשן. די אַפּאָסטאָלן, די נביאים און יעזוס האָבן געצווייפלט. די נשמות פון אַנדערע זענען נאָר אַן אָפּשיין, אויסער אין געוויסע צייטן פון גייסטיקער טרוקנקייט, ווען אַ פּאָר פונקען פון אַ גרויסן פאַקל פאַלן אין טאָל און צינדן אָן אַ גאַנצע שׂרפה; אָבער באַלד ווערט די שׂרפה פאַרלאָשן און אונטערן אַש זעט מען נאָך די גליענדיקע קוילן. קוים אַ פּאָר הונדערט קריסטן גלויבן באמת אין קריסטוסן. די איבעריקע גלויבן, אַז זיי גלויבן אָדער זיין ווילן גלויבן.

אַזוי איז אויך געווען מיט פיל פון די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערן. דער גוטער קאַנעט האָט געוואָלט גלויבן, אַז ער איז איינער פון זיי: האָט ער טאַקע גענומען גלויבן אין דעם און זיך באַלד אַליין דערשראָקן פאַר זיין אייגענער געוואַגטקייט. אָט די אַלע בירגער זענען אַרויסגעגאַנגען פון גאַנץ פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן: טייל צוליב האַרץ, אַנדערע צוליב פאַרשטאַנד, אַנדערע ווידער צוליב זייערע אינטערעסן. די האָבן זייער אַרט דענקען אָנגעשלאָסן אָן עוואַנגעליום, אַנדערע אָן אַנרי בערגסאָן, נאָך אַנדערע אָן קאַרל מאַרקסן, אָן פּרודהאָנען,

אָן זשאָזעף דע מעטר, אָן ניטשען אָדער פּאָרעלן. עס זענען געווען צווישן זיי רעוואָלוציאָנערן צוליב מאָדע, צוליב סנאָביזם, און אויך צוליב אומדרייסטקייט, אַנדערע זענען עס געוואָרן צוליב האַס, אַנדערע צוליב ליבע. אַנדערע צוליב דעם דראַנג צו מעשים, צוליב העלדישער באַגייסטערונג, — אַנדערע ווידער צוליב קנעכטישער הכנעה, צוליב סטאַדע-אָנלויף. אָבער אַלע זענען, אָן זייער וויסן געטריבן געוואָרן פון ווינט. דאָס זענען געווען די שטויב-טומאַנען, וואָס מען זעט זיי אויפשטייגן פון דער ווייטן אויף די גרויסע ווייסע וועגן און וואָס זאָגן אָן דעם אָנקומענדיקן שטורם.

אָליוויער און קריסטאָף האָבן געזען, ווי עס קומט אָן דער שטורם. ביידע האָבן געהאַט גוטע אויגן. נאָר יעדערער האָט געזען אויף זיין שטייגער. אָליוויער, וואָס נישט ווילנדיק האָט זיין קלאָרער בליק אַדורכגעדרונגען די געהיימסטע געדאַנקען פון דעם מענטשן, האָט מיט אומעט געזען זייער מיטלמעסיקייט, ער האָט אָבער אויך געפילט די פאַרבאָרגענע קראַפט, וואָס האָט זיך פון זיי געריסן: קודם-כל האָט ער געזען דעם טראַגיזם פון די מענטשן, און קריסטאָף האָט גיכער אויפגעכאַפּט די קאָמישע זייטן. אים האָבן אינטערעסירט מענטשן אָבער נישט אידעען. צו די אידעען האָט ער געפילט אַ פאַראַכטלעכע גלייכגילטיקייט. ער האָט חוזק געמאַכט פון סאָציאַלע אוטאָפּיעס. צוליב דעם גייסט פון סתירות און צוליב אינסטינקטיווע רעאַקציע קעגן דעם קרענקלעכן הומאַניטאַריזם, וואָס איז געווען אויף דעם טאָג-אָרדענונג האָט ער אויסגעזען מער עגאָיסט, ווי ער איז עס געווען אין דער ווירקלעכקייט; אָט דער מענטש, וואָס האָט געהאַט אַלץ צו פאַרדאַנקען זיך אַליין, אָט דער געזונטער יונג, וואָס איז געווען שטאָלץ מיט זיין קראַפט און מיט זיין ווילן, איז צו שטאַרק געענויגט געווען צו האַלטן פאַר אַ ליידיקגייער דעם, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט זיינע כוחות. אַן אָרעמער און איינזאַמער, האָט ער געקאָנט זיגן, — מעגן די אַנדערע אויך אַזוי טון! וואָס רעדט מען אַזוי פיל וועגן דער סאָציאַלער פראַגע? וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע בכלל? בויט?

— איך קען עס זייער גוט. — האָט ער געזאָגט. — מיין מוטער מיין פאָטער און איך, מיר האָבן עס אַלע דורכגעמאַכט. דער עיקר — אַרויסקריכן דערפון.

— נישט אַלע קאָנען עס — האָט אָליוויער געזאָגט, — למשל די קראַנקע נעבעך.

— דאַרף מען זיי פשוט העלפן! אָבער צווישן דער הילף און דער היינטיקער באַגייסטערונג איז אַ גרויסער אונטערשייד. פריער האָט מען געשטיצט דאָס מיאוסע רעכט פון דעם שטאַרקערן. אָבער גאָט מיינער, איך ווייס נישט, צי דאָס רעכט פון דעם שוואַכערן איז נישט נאָך מיאוסער. עס שוואַכט אָפּ דעם געדאַנק, טיראַניזירט און נוצט אויס דעם שטאַרקן. לפנים זעט עס אויס ווי אַ פאַרדינסט צו זיין קרענקלעך אָרעם, נישט אינטעליגענט און הכנעהדיק, און ווי אַן עבירה ווען מען זעט אויס צו זיין שטאַרק און געזונט, (צו האָבן גליק אין קאַמף, צו זיין אַן אַריסטאָקראַט פון גייסט און בלוט. און דאָס לעכערלעכע דערביי איז, וואָס די שטאַרקע האָבן קודם-כל גענומען גלויבן אין דעם. דאָס איז שטאָף פאַר אַ קאָמעדיע, מיין טייערער אָליוויער.

— איך וויל בעסער, די אַנדערע זאָלן פון מיר לאַכן איידער איך זאָל זיי ברענגען צום וויינען. — האָט געמיינט אָליוויער.

— ביסט אַ גוט ייִנגל, — האָט קריסטאָף געענטפערט. — ווער, צו אַלדי רוחות, טראַכט דען אַנדערש? ווען איך זע אַן הויקער טוט מיר ווײ מיין רוקן... מיר אַליין שפּילן מיט אין דער דאָזיקער קאָ-מעדיע. אָבער מיר וועלן זיי נישט אָנשרייבן.

אויך דורך די טרוימען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט האָט ער זיך בשום אופן נישט געלאָזט פאַנגען. זיין געזונטער פאַרשטאַנד, וואָס איז געווען איינגעוואָרצלט אין פאָלק, האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז אַלץ מוז בלייבן ווי געווען.

— וואָס פאַרא געשריי וואָלסטו אויפגעהויבן, ווען מען זאָל עס דיר זאָגן בנוגע דער קונסט! — האָט באַמערקט אָליוויער.

— עס קאָן זיין. יעדנפאַלס קען איך זיך נאָר אויף דער קונסט. און דו אויך. צו מענטשן, וועלכע רעוון און פאַרשטייען נישט וואָס, האָב איך קיין צוטרוי נישט.

צו אַזעלכע מענטשן האָט אויך אָליוויער קיין צוטרוי נישט גע-האַט. די ביידע פריינט האָבן שוין זייער אומצוטרוי דערפירט צו

וויט. זיי האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן ווייט פון דער פּאָליטיק. אָלי־וויער האָט, אַביסל פאַרשעמט, מודה געווען, אַז ער דערמאָנט זיך נישט, ער זאָל ווען־עס־איז אויסנוצן זיין וואַל־רעכט. אין משך פון צען יאָר האָט ער אַפילו קיין איין מאָל נישט אָפּגענומען אין ראָט־הויז זיין וועלער־קאַרטע.

— פאַרוואָס זאָל איך זיך באַטייליקן אין אַ קאָמעדיע, וואָס איך האַלט זי פאַר צוועקלאָז? זאָל איך שטימען? שטימען פאַר וועמען? ביי מיר שטייען אַלע קאַנדידאַטן גלייך, ווייל זיי זענען מיר אַלע גלייך אומבאַקאַנט. און איך קאָן זיך ריכטן פון יעדן איינעם, אַז קוים וועט ער נאָר געוועלט ווערן, וועט ער באַלד פאַרראַטן זיין גלויבן. זאָל איך זיי קאָנטראָלירן? דערמאָנען זיי זייערע פליכטן? מיין לעבן וואָלט דערביי צוועקלאָז פאַרשוווּנדן געוואָרן. כ׳האָב נישט דערצו נישט קיין צייט, נישט קיין כּוח, נישט קיין רעדנערישע מיטלען, נישט קיין מאַנגל אין געוויסן, נישט קיין האַרץ, וואָס זאָל זיין גוט באַפּאַנצערט קעגן דעם עקל פון די עפנטלעכע קאַמפן, דעריבער איז גלייכער זיך צו האַלטן פון דער ווייטן. איך לאָז דעם אומגליק גיין זיין וועג, אָבער איך שרייב מיך לפּחות אונטער אים נישט אונטער.

אָבער נישט געקוקט אויף זיין אויסערגעוויינלעכן שאַרפן בליק, האָט אָליוויער, וואָס האָט פיינט געהאַט די רעגלמעסיקע פּאָליטישע אַרבעט, געלייגט אויף דער רעוואָלוציע פאַנטאַסטישע האָפענונגען. ער האָט געוווּסט, אַז עס איז אַן אילוזיע, נאָר ער האָט זי נישט אָפּגע־שטויסן. דאָס איז געווען אַ מין ראַסן־מיסטיציזם. נישט אומבאַשטראָפט געהערט מען צום גרויסן צעשטערנדיקן און גלייכצייטיק בויענדיקן מעריב־פאָלק, דאָס פאָלק וואָס מאַכט חרוב כּדי אויפצובויען, און בויעט אויף כּדי חרוב צו מאַכן, דאָס פאָלק וואָס שפּילט זיך מיט די גע־דאַנקען און מיטן לעבן און מאַכט ווייסט אַרום זיך, כּדי פונסניי בעסער אָנצוהויבן דאָס שפּיל, און פאַרגיסט דערפאַר זיין אייגן בלוט.

קריסטאָף האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך דעם דאָזיקן ירושה מעסיאַניזם. ער איז געווען צו גערמאַניש, זיך אַריינצופילן, ווי עס דאַרף צו זיין, אין דער אידעע פון אַ רעוואָלוציע. ער האָט געטראַכט, אַז מען קאָן די וועלט נישט איבערמאַכן. צוואָס בכן די טעאָריעס, די איבעריקע רייד, דער גאַנצער טומל?

— איך דאַרף נישט מאַכן קיין רעוואָלוציע אָדער לאַנג פלוי־דערן וועגן מיר, כּדי צו באַווייזן מיין קראַפט, — האָט ער געזאָגט.—

קודם כּל נויטיק איך זיך נישט, ווי די געוואַגטע יינגע-לייט, איבער-צוקערן די מלוכה, כּדי ווידער אַרויפצוזעצן אַ קעניג, אָדער אַ פּאָקס־קאָמיטעט, וואָס זאָל מיך פאַרטיידיקן. אַ מאָדנער אופן אַרויסצווייזן דעם כּוח! איך קאָן זיך אַליין פאַרטיידיקן. איך בין נישט קיין אַנאַר-כיסט, איך האָב ליב אַ נויטיקע אָרדענונג און איך שעץ די געזעצן, וואָס רעגירן מיטן וועלטאַל. אָבער צווישן זיי און מיר דאַרף איך נישט האָבן קיין פאַרמיטלער. מיין אייגענער ווילן קאָן באַפעלן און קאָן זיך אויך אונטערוואַרפן. איר, וואָס איר לאָזט אייערע קלאַסיקער קיינמאָל פון מויל נישט אַרויס, דערמאָנט זיך קאָרנעלס אַ וואָרט: „איך אַליין און גענוג"! אייער פאַרלאַנג צו האָבן אַ הערשער פאַר-דעקט אייערע שוואַכקייטן. די קראַפט איז ווי דאָס ליכט: ווער עס לייקנט עס איז בלינד. זייט שטאַרק, רויק. אָן טעאָריעס, אָן בייז בלוט, און די נשמות פון די שוואַכע וועלן זיך ציען צו אייך ווי די פלאַנצן צום ליכט.

אָבער הגם ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט נישט קיין צייט אויף קיין פּאָליטישע שמועסן, איז ער אָבער נישט געווען אַזוי גלייכ-גילטיק, ווי ער האָט זיך געמאַכט. אַלס קינסטלער האָט ער געליטן צוליב די סאָציאַלע עוולות. אַזוי ווי ס'האָט אים אין דעם מאָמענט געפעלט אַ שטאַרקע ליידנשאַפט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און געפרעגט: פאַר וועמען אייגנטלעך שרייבט ער. דעמאָלט האָט ער געזען די טרויעריקע צוהערער, וואָס האָבן גענאָסן פון דער קונסט, די מידע אויסדערוויילטע, די דילעטאַנטישע בירגער און ער האָט געטראַכט:

— ווי קאָן זיך עמעצן גלוסטן צו אַרבעטן פאַר אַזעלכע מענטשן?

געוויס. עס האָבן נישט געפעלט צווישן זיי קיין פיינע געביל-דעטע קעפּ, וואָס האָבן געהאַט אַ חוש פאַר די ווערק און זענען נישט געווען אומפעיק צו פילן די בייקייט (עס איז דאָס אייגענע) אָדער דעם אַרכאַיזם פון איבערגעפיינטע געפילן. אָבער זיי זענען געווען איבערגעזעטיקט. צופיל אינטעלעקטועל און צו ווייניק לעבעדיק כּדי צו גלויבן אין דער ווירקלעכקייט פון דער קונסט. נאָר דער שפּיל האָט זיי אינטערעסירט. דער שפּיל פון קלאַנגען און דער שפּיל פון געדאַנקען. ס'רוב זענען זיי געווען פאַרנומען מיט אַגדערע, געזעלשאַפטלעכע ענינים. זיי האָבן ליב געהאַט צו צעשפּליטערן זיך אין פאַרשידענע

באַשעפטיגונגען, וואָס קיין איינע פון זיי איז נישט געווען גויטיק? עס איז זיי פשוט געווען אוממעגלעך אַדורכצודרינגען די שאָל פון דער קונסט און צו פילן דאָס פאַרבאָרגענע קלאַפּן פון איר האַרץ. די קונסט איז נישט געווען פאַר זיי קיין פלייש און קיין בלוט. זי איז געווען פאַר זיי ליטעראַטור. זייערע קריטיקער האָבן אַרויסגעוויזן די אייגענע אומבאַהאָלפנקייט און דילעטאַנטיזם און געשאַפן דערפון טעאָריעס, וואָס זענען נאָך דערצו געווען אומטאָלעראַנט. ווען עמעצער פון זיי איז צופעליק געווען אויפנאַם-פעיק און די שטים פון דער קונסט האָט אָפּגעקלונגען אין זיי, האָבן זיי אָבער נישט געהאַט קיין כוח עס אויסצוהאַלטן. זיי זענען זייער גאַנץ לעבן געווען נערוון-קראַנק. עס זענען געווען אָדער קראַנקע, אָדער טויטע. וואָס האָט גע-האַט די קונסט צו טון אין דעם דאָזיקן שפּיטאָל? און דאָך האָט ער זיך אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט נישט געקאָנט באַגיין אָן די דאָזיקע קאַליקעס, ווייל זיי האָבן געהאַט געלט און די פּרעסע. זיי אַליין נאָר האָבן געקאָנט דעם קינסטלער פאַרזיכערן זיין לעבן. מען האָט דעריבער געמוזט פאַרטראָגן דעם בזיון: די אינטימע און ווייטיקפולע קונסט, די מוזיק, ווו מען האָט אַריינגעלעגט דעם סוד פון האַרצן, האָט מען געמוזט פאַרהאַנדלען אויף געזעלשאַפטלעכע פאָר-שטעלונגען, אויף צוועקן-פאַרווייל ונגען פאַר אַן עולם פון סנאָבן און איבערגעזעטיקטע אינטעלעקטואַליסטן, אַלס פאַרווײלונג צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט.

קריסטאָף האָט געזוכט דעם אמתן צוהערער, וואָס גלויבט אין דער איבערלעבעניש פון קונסט, ווי אין די איבערלעבונגען פון לעבן און נעמט זיי אויף מיט אַ יונגפרוילעכער נשמה. און עפּעס אַ טונקל געפיל האָט אים געצויגן צום נייען צוגעזאָגטן לאַנד, צום פאָלק.

זיינע זכרונות פון די קינדער-יאָרן וועגן גאָטפרידן און די שטילע נשמות, וואָס האָבן אים אַנטפּלעקט דאָס טיפע לעבן פון דער קונסט אָדער געטיילט מיט אים דאָס געהייליקטע ברויט פון דער מוזיק, האָבן אים געהייסן גלויבן, אַז זיינע אמתע פריינט געפינען זיך אין דער ריכטונג. פּונקט ווי פיל אַנדערע גרויסמוטיקע און קינ-דערישער יונגע לייט, האָט ער געבויט גרויסע פּלענער וועגן אַ פאָלקס-טימלעכע קונסט, וועגן פאָלקס-קאָנצערטן און פאָלקס-טעאַטערן; פּלענער וואָס זייער אויספירונג וואָלט אים אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט ער האָט דערוואַרט פון אַ רעוואָלוציע די מעגלעכקייט פון אַ ניי-

קינסטלעריש לעבן און געטענגעל, אַז די סאָציאַלע באַוועגונג אינטערעסירט אים נאָר צוליב דעם. אָבער ער אַליין האָט זיך געענדערט; ער איז געווען צו לעבעדיק, אַז דאָס בילד פון לעבעדיקן קאַמף, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשפּילט זאָל אים נישט צוציען און איינזאַפּן אין זיך

צום ווייניקסטן האָבן אים אין דער דאָזיקער שפּיל אינטערעסירט די בירגערלעכע טעאָרעטיקער. די פּרוכטן פון אָט די בוימער זענען צו אָפט פאַרטרוקנט. אַלע לעבנס-זאַפטן ווערן פאַרגליווערט אין אידעען. צווישן די דאָזיקע אידעען האָט קריסטאָף קיין שום אונטערשיד נישט געמאַכט: אפילו זיינע אייגענע געדאַנקען האָבן אים אויפגעהערט געפעלן צו ווערן, ווען ער האָט געזען, אַז זיי פאָרמען זיך סיסטעמאַטיש. מיט אַ גוטמוטיקער פאַראַכטונג האָט ער זיך געהאַלטן פון דערווייטן סיי פון די טעאָרעטיקער פון דער קראַפט און סיי פון דער שוואַכקייט. אין יעדער קאָמעדיע איז די ראָל פון רעזאָנער די אומדאַנקבאַרסטע. דער עולם וויל פאַרטראָגן נישט נאָר די סימפּאַטישע, נאָר אויך די אומסימפּאַטישע פּערזאָנען בעסער פון אים. אין דעם פּרט איז קריסטאָף געווען ענלעך צום עולם. די רעזאָנערן פון די סאָציאַלע פראַגן זענען אים געווען לאַנגווייליק. נאָר ס'האָט אים געוויילט צו אָבסערווירן די אַנדערע, די קינדישע און נאַיווע מענטשן, וואָס האָבן געגלויבט און געוואָלט גלויבן, וואָס האָבן זיך געלאָזט געגנאַרן, און אפילו געטראַכט ווי אַרום אָפּגענאַרט צו ווערן; אפילו די דרייסטע ים־רויבער, וואָס האָבן אויסגעפירט זייער רויבערישע מלאכה, זענען אים געפעלן געוואָרן. און אפילו די שעפּסעלעך וואָס לעבן נאָר כדי מען זאָל זיי שערן. אַזעלכע ווילדע און אַ ביסל לעכערלעכע מענטשן ווי דער שווערער קאַנעט, האָט ער באַהאַנדלט מיט אַ געוויסער פאַרשטענדעניש. זייער מיטלמעסיקייט האָט אים נישט אָפּגעשטויסן אַזוי ווייט ווי אָליוויערן. ער האָט געקוקט אויף זיי אַלע מיט פריינטלעכן און אַ ביסל מיט שפּאָטישן מיטלייד; ער האָט געמיינט, אַז ער אַליין שפּילט נישט מיט אין דער קאָמעדיע, וואָס זיי פירן אויס, און ער האָט נישט באַמערקט, אַז ער ווערט אין איר וואָס אַמאָל מער אַריינגעצויגן. ער האָט געמיינט, אַז ער איז בלויז אַ צוקוקער, וואָס באַטראַכט דעם אָנקומענדיקן ווינט. אָבער דער ווינט האָט אים שוין צרומגעכאַפּט און מיטגעריסן אין זיין ווירבל.

די סאָציאַלע קאָמעדיע איז געווען אַ טאָפּעלע. די אינטעלעק־טואַליסטן האָבן געשפּילט אַ קאָמעדיע אין אַ קאָמעדיע: דאָס פֿאָלק האָט זיך ווייניק וואָס צוגעהערט דערצו. די ריכטיקע קונסט איז געווען זיין אייגענע, און ס'איז שווער געווען זי נאָכצושפּירן; דאָס פֿאָלק אַליין האָט זיך נישט צוריק געפֿונען אין איר. עס זענען גע־ווען דערביי אַ סך אומפּאָראויסגעזעענע מאָמענטן.

דאָס האָט זיך גענומען דערפֿון, וואָס אין דעם שטיק האָט מען צופֿיל גערעדט און צו ווייניק געהאַנדלט. יעדער פּראַנצויז, צי ער שטאַמט פֿון בירגערטום אָדער פֿון פֿאָלק, איז פּונקט אַזאַ וואָרט־פֿרעסער ווי ברויט־עסער. אָבער נישט אַלע עסן דאָס זעלבע ברויט. מען האָט אַ לוקסוס שפּראַך פֿאַר צאַרטע גומענס און אַ נאַרהאַפֿטע שפּראַך פֿאַר אויסגעהונגערטע מיילער. אויב די ווערטער זענען אפֿילו די זעלבע, זענען זיי אָבער נישט געקנאָטן לויט איין שטייגער. דער געשמאַק, דער ריח, דער זין איז אַנדערש.

ווען אָליוויער האָט אויף אַ פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג פֿאַרזוכט צום ערשטן מאָל דאָס ברויט, האָט עס אים לחלוטין נישט געשמעקט, ס'איז אים פּשוט געבליבן שטעקן אין האַלז. די פֿלאַכקייט פֿון די געדאַנקען, די פֿאַרבלאָזע און די באַרבאַרישע שווערקייט פֿון דעם אויסדרוק, די צעשוווּמענע פֿאַראַלגעמיינערונגען, די קינדערשע לאָגיק, אָט דער גאַנצער שלעכט־צורעכטגעמאַכטער מאכל פֿון אַבסטראַקציעס און פֿאַקטן אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג איז אים געווען דערווידער. די באַגייסטערונג און שאַרפֿקייט פֿון דעם פֿאָלקסטימלעכן דיאַלעקט האָבן נישט פֿאַרשטעלט די שפּראַכלעכע אומריינקייט און פּעלערהאַפֿטיקייט. די שפּראַך איז געווען אַ זשורנאַליסטישע ווערטער־זאַמלונג. אָפּגעטראָ־גענע לאַכעס, צוזאַמענגעקליבן פֿון די בירגערלעכע רעדעס.

אָליוויער האָט זיך קודם־כּל געוווּנדערט איבער דעם מאַנגל אין איינפֿאַכקייט. ער האָט פֿאַרגעסן אַז די ליטעראַרישע איינפֿאַכקייט איז נישט קיין נאַטירלעכע דערשיינונג, נאָר אַ דערוואָרבענע. עס איז די דערגרייכונג פֿון אַ הייפֿל אויסדערווילטע. דאָס פֿאָלק פֿון די שטעט קאָן נישט זיין איינפֿאַך, עס זוכט כּסדר געקינצלטע אויסדריקן. אָלי־

ווייער האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי די דאָזיקע אָנגעפּלאָזענע מליצה קאָן מאַכן וואָס פֿאַר עס איז ווירקונג אויף די צוהערער. ער האָט עס נישט געקאָנט דערקלערן. מען רופֿט אָן פֿרעמדע שפּראַך, די שפּראַך פֿון אַן אַנדער ראַסע, און מען נעמט נישט אין באַטראַכט, אַז אין דער זעלבער ראַסע זענען פֿאַראַן אַזוי פֿיל שפּראַכן, וויפֿל עס זענען פֿאַראַן סאָציאַלע שיכטן. נאָר פֿאַר אַ קליינעם אויסדערוויילטן קרייז האָבן די ווערטער זייער טראַדיציאָנעלן און אַלטן זין; פֿאַר די אַנדערע זענען זיי נישט מער ווי דער אויסדרוק פֿון זייערע אייגענע דערפֿאַרונגען און פֿון זייער גרופּע. פֿיל ווערטער, וואָס ווערן באַנוצט און גלייכצייטיק פֿאַראַכט דורך די אויסדערוויילטע מענטשן, זענען ווי אַ פּוסט הויז, וווּ נאָכן אַרויסציִען זיך פֿון יענע האָבן זיך אַרײַנגעצויגן נײַע שטורמישע כּוחות און ליידנשאַפֿטן. — אויב מען וויל זיך באַקענען מיטן באַלעבאָס מוז מען אַרײַנגיין אין שטוב. קריסטאָף האָט אַזוי געטון.

מיט די אַרבעטער האָט ער זיך באַקענט, אַ דאַנק זײַנעם אַ שכן, אַ מלוכהשן באַן־באַאַמטן. אַלסיט גאַטיער איז געווען אַ מאַן פֿון אַ יאָר פֿינף און פֿערציק, קליין, פֿאַרעלטערט פֿאַר דער צײַט, מיט אַ באַקעטן שאַרבן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אָפּגעשיילט, טיפֿע אויגן, אײַנגעפֿאַלענע באַקן, מיט אַ ריזיקער, דיקער, געבויגענער נאָז, מיט קלוגע, שלעכט־געפֿאָרמטע ליפּן און צעקנייטשטע אויערן: מיט איין וואָרט — שטריכן פֿון אַ דעגענעראַט. ער האָט נישט געהערט צום פֿאָלק נאָר צום מיטלשטאַנד און האָט געשטאַמט פֿון אַ גוטער פֿאַמיליע, וואָס האָט אויסגעגעבן אויף דער דערציִונג פֿון איר בן־יחיד דעם גאַנצן קליינעם פֿאַרמעגן און לסוף צוליב מאַנגל אין מיטלען זיך נישט געקאָנט דערלויבן אים צו לערנען ווײַטער. ער האָט זייער יונג באַקומען אין דער רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע אַ שטעלע, וואָס האָט אויסגעזען בײַם פֿאַרעמטן בירגערטום, ווי אַ האַפֿן, און באמת איז עס געווען דער טויט — אַ לעבעדיקער קבֿר. האָט ער אײַנמאָל אָנגענומען די שטעלע, איז שוין נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט זיך דערפֿון צו באַפֿרײַען. ער איז באַגאַנגען דעם פֿעלער — ווײַל אין דער מאָדערנער

געזעלשאַפט איז עס אָנגענומען פאַר אַ פעלער — און חתונה געהאַט פון ליבע מיט אַ שיינער אַרבעטערין, וואָס איר פּראָסטקייט האָט זיך באַלד שטאַרק אַרויסגעוויזן. זי האָט אים געשאָנקען דריי קינדער. נאַטירלעך, האָבן זיי אַלע געוואָלט לעבן. דער מאַן, וואָס איז געווען אינטעליגענט און האָט געשטרעבט מיט אַלע כּוחות צו פאַרפאָלקאָמענען זיין בילדונג, האָט זיך דערפילט געבונדן פון דער נויט. ער האָט געפילט, אַז אין אים דרימלען כּוחות, וואָס שטיקן זיך צוליב דעם שווערן לעבן; דאָך האָט ער גאָרנישט געקאָנט העלפן: ער איז קיינמאָל נישט געווען אַליין. אַלס באַאַמטער האָט ער זיינע טעג פאַרבראַכט אין רעגירונגס־אַמט ביי אַ מעכאַנישער אַרבעט, צוזאַמען מיט אַנדערע קאָלעגן, וואָס זענען געווען זייער פּראָסט און האָבן ליב געהאַט צו פּלוידערן; זיי האָבן גערעדט נאַרישקייטן און זיך נוקם געווען אָן דעם אומזין פון זייער עקזיסטענץ דערמיט, וואָס זיי האָבן גערעדט לשון הרע אויף זייערע שעפן; זיי האָבן זיך לוסטיק געמאַכט איבער זיינע גייסטיקע שטרעבונגען, וואָס ער האָט זיי נישט ווילנדיק אָנפאַרטרויט. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער געפונען א מיאוסע דושנע שטוב, אַ טומלענדיקע פּראָסטע פרוי, וואָס האָט אים נישט פאַרשטאַנען און האָט אים באַהאַנדלט ווי אַ קאָמעדיאַנט אָדער ווי אַ משוגענעם. די קינדער זענען געווען אינגאַנצן געראָטן אין דער מאַמען. צי איז דאָס אַלץ געווען יושרדיק? צי איז געווען יושרדיק? די פיל אַנטוישונגען און ליידן, די אייביקע נויט, די פּראָפּעסיע, וואָס האָט אים איינגעשפּאַנט פון אינדערפרי ביזן אָוונט, די אוממעגלעכקייט צו געפינען אַ שעה פון קאָנצענטרירונג, אַ שעה פון שווייגן, האָבן אים געבראַכט אין אַ צושטאַנד פון נייראַסטענישער אויפרעגונג און אויסגעשעפּטקייט. כּדי זיך צו פאַרגעסן, האָט ער, פּונקט ווי פיל אַנדערע, זינט אַ געוויסע צייט, גענומען טרינקען; אָבער דערמיט האָט ער זיך אינגאַנצן געפּטרט.

קריסטאָף, וואָס איז געווען מיט אים באַקאַנט, איז געווען גערירט פון זיין טראַגישער געשיכטע; ער האָט געזען אין דעם דאָזיקן באַאַמטן אַ האַלבע נאַטור מיט צו ווייניק קולטור און אָן קינסטלערישן געשמאַק. אָבער אַ נאַטור, וואָס האָט געקאָנט שאַפן גרויסע זאַכן און איז צעקוועטשט געוואָרן פון דעם בייזן גורל. גאָטיער האָט זיך באַלד אָנגעקלאַמערט אין קריסטאָפן, ווי אַ שוואַכער מענטש, וואָס טרינקט זיך און דערפילט אויף זיך דעם אָרעם פון אַ גוטן שווימער.

ער האָט געפֿילט צו קריסטאָפֿן אַ סימפּאַטיע געמישט מיט קנאה. ער האָט אים מיטגעשלעפּט אויף פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען און געוויזן אים עטלעכע פֿירער פֿון דער סינדיקאַליסטישער פּאַרטיי, אָן וועלכע ער האָט זיך אָנגעשלאָסן מחמת האַס צו דער געזעלשאַפֿט. ווייל אין אים איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אַן אַריסטאָקראַט. ער האָט ביטער געליטן, וואָס ער געהערט צום פֿאָלק.

קריסטאָף, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אין זיך אַ סך מער פֿון דעם פֿאָלק — בפֿרט דערפֿאַר, וואָס קיינער האָט אים דערצו נישט געצווונגען, — האָט געפֿונען אַ פֿאַרגעניגן אין די דאָזיקע פֿאַרזאַמלונגען. די רעדעס האָבן אים געווײלט. ער האָט נישט געפֿילט דעם זעלבן עקל, וואָס אָליוויער. ער איז נישט געווען אַזוי עמפּפֿינדלעך אויף די לעכערלעכקייטן פֿון די שפּראַך־אויסדרוקן. בײַ אים האָט איין פֿלוי־דערזאַק געהאַט דאָס זעלבע פּנים ווי דער צווייטער. ער האָט בכלל גרינגגעשעצט אַלערליי רעדעס. נאָר אויב ער האָט זיך לחלוטין נישט געגעבן קיין מי צו פֿאַרשטיין די דאָזיקע רעטאָריק, איז ער אָבער געווען אונטער דעם לעבעדיקן איינדרוק פֿון דעם מוזיקאַלישן איינדרוק צווישן די רעדנער און די צוהערער. די ווירקונגס־קראַפֿט פֿון דעם רעדנער האָט זיך הונדערטפֿאַכיק פֿאַרשטאַרקט דורך דעם אָפּקלאַנג בײַ די צוהערער. אין אָנהייב האָט קריסטאָף געלעגט אַכט נאָר אויף די רעדנער און איז געווען נײַגעריק צו דערקענען עטלעכע פֿון זיי.

די גרעסטע השפּעה אויף דער מאַסע האָט געהאַט קאַזימיר זשוסיע, אַ ברונעט, בלאַס מענטשעלע צווישן דרײַסיק און פֿינף און דרײַסיק יאָר, מיט אַ פּנים פֿון אַ מאָנגאָל, מאָגער, קרענקלעך, מיט שטערנדיקע קאַלטע אויגן, שיטערע האָר און אַ שפּיציק בערדל. זײַן איינפֿלוס האָט ער געהאַט צו פֿאַרדאַנקען נישט אַזוי זײַן מימיק, וואָס איז געווען אָן אויסדרוק און האַסטיק און האָט זעלטן געשטימט מיט זײַנע רייד; ער האָט עס אויך נישט געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זײַן אַרט רעדן, ווייל זײַן שטים איז געווען רוי, פֿײַפֿנדיק און הייזעריק. ער האָט עס געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זײַן פּערזענלעכקייט, זײַן ליידנשאַפֿטלעכער איבערצייגונג און דעם ווילן, וואָס האָט פֿון אים געשטראַלט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער דערלאָזט נישט קיין שום אַנדערע געדאַנקען אויסער זײַנע; און אַזוי ווי ער האָט געזאָגט דאָס,

וואָס די צוהערער האָבן געוואָלט טראַכטן, איז אים נישט געווען שווער זיך מיט זיי צו פאַרשטענדיקן. ער האָט זיי איבערגעחזרט צוויי מאָל, ער האָט זיי איבערגעחזרט דריי מאָל, פיר און צען מאָל דאָס, וואָס זיי האָבן ערוואַרט. ער איז נישט מיד געוואָרן מיט אַ מאָדנער עקשנות צו שלאָגן כסדר אין זעלבן טשוואָק, און דער גאַנצער עולם איז געוואָרן אָנגעשטעקט און געשלאָגן, ביז דער טשוואָק איז אַריין אין פלייש. צו דעם פערזענלעכן איינדרוק איז נאָך צוגעקומען זיין פאַרגאַנגנהייט פול מיט צוטרוי און רייך אין פאַרשידענע אורטיילן, וואָס ער האָט באַקומען, אַ דאַנק זיינע ליידנשאַפטלעכע אַרטיקלען. עס האָט געשטראַלט פון אים אַן ענערגיע, וואָס איז שווער געווען צו באַזיגן; ווער ס'האָט אָבער געקאָנט קוקן, האָט געמוזט איינזען, אַז אין אים האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרויסע מידקייט, אַן עקל צו אַזוי פיל אָנשטרענגונגען און אַ צאָרן קעגן זיין גורל. ער האָט געהערט צו יענע מענטשן, וואָס גיבן אויס טאָג־טעגלעך מערער, ווי דאָס לעבן טראָגט זיי איין. פון קינדהייט אָן האָט ער זיך אויסגענוצט אין אַרבעט און נויט. ער האָט געפרווט אַלערליי פראָפעסיעס. געווען אַ גלעזער, אַ בלעכער אַ דרוקער, זיין געזונט איז אונטערגעגראָבן געוואָרן, און די שווינדזוכט האָט געמאַכט פון אים אַ תל. אַ דאַנק דעם האָט ער איבערגעלעבט אָנפאַלן פון ביטערער אַנטוישונג און שטומער פאַרצווייפלונג אין דער זאַך און אין זיך אַליין. אַן אַנדערש מאָל האָט עס אים שטאַרק אויפגערעגט. ער איז געווען אַ געמיש פון באַישובטער און קרענקלעכער ליידנשאַפט, פון פאָליטישע געלאַסנקייט און פון האַסטיקייט. ער איז געווען ווי־עס־איז געבילדעט, פאַר[illegible]אָט אַ ביסל ידיעות פון דער וויסנשאַפט, סאָציאָלאָגיע און פון זיינע פאַרשידענע פראָפעסיעס. אין אַנדערע זאַכן איז ער געווען אַן עם־הארץ. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אומעטום געפילט גלייך זיכער. ער איז געווען פול מיט אוטאָפיעס און ריכטיקע פאָרשטעלונגען, אומוויסנהייט און פראַקטישן זין, פאָראורטיילן, דערפאַרונגען און אומצוטרוילעכן האַס צו דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו באַציען זיך פריינטלעך צו קריסטאָפן. זיין שטאָלץ האָט זיך געפילט געשמייכלט, וואָס אַ באַקאַנטער קינסטלער זוכט זיין געזעלשאַפט. ער האָט געהערט צו דער ראַסע פון פירער. און האָט געקוקט אויף איינפאַכע אַרבעטער פון אויבן אַראָפ. כאָטש ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געשטרעבט צו פאָלקאָמענער גלייכהייט.

האָט ער עס אָבער פּראַקטיש אַרויסגעוויזן צו די סאָציאַל־העכערע פון אים, ווי די סאָציאַל־נידעריקערע.

קריסטאָף האָט באַגעגנט נאָך אַנדערע פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. קיין שטאַרקע סימפּאַטיע איז צווישן זיי נישט געווען. אויב עס האָט זיי פאַרייניקט — אויך מיט גרויסע שוועריקייטן — דער שותּפותדיקער קאַמף און מעשים, איז אָבער נישט געווען צווישן זיי די איינהייט פון די הערצער. זייערע באַציונגען זענען געווען אויסערלעך און אויבערפלעכלעך, לויט די קלאַסן־אונטערשיידן. די אַלטע סתּירות זענען געווען פאַרמאַסקירט און פאַרדעקט, אָבער זיי האָבן עקזיסטירט. מענטשן פון צפון און פון דרום זענען געשטאַנען מיט דער איינגעוואָרצלטער פאַראַכטונג, וואָס זיי האָבן געפילט איינער צום צווייטן. די באַרופן האָבן מקנא געווען איינער דעם אַנדערן און יעדערער האָט פאַרמאָגט אַ נישט פאַרבאָרגן געפיל, אַז ער שטייט העכער פון יענעם. דער עיקר־אונטערשייד איז אָבער באַשטאַנען און וועט אייביק באַשטיין אין די טעמפּעראַמענטן. פוקסן און וועלף און אַנדערע חיות, רויב־חיות און מעלה־גרהדיקע חיות, אַזעלכע, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן צו פרעסן און אַזעלכע, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ רויב, אַלע האָבן אַרומגעשמעקט איינער דעם צווייטן אין דער סטאַדע, ווי דער צופאַל פון שותּפותדיקע קלאַסן און אַלגעמיינע אינטערעסן האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט. זיי האָבן איינער דעם צווייטן דערקענט, און די הויט האָט אויף זיי געציטערט.

קריסטאָף האָט אָפטמאָל געגעסן מיטאָג אין אַ קליינעם רעסטאָראַן, וואָס האָט געהערט צו גוטיערס אַן אַלטן קאָלעגע מיטן נאָמען סימאָן, אַ באַן־באַאַמטער, וואָס איז צוליב שטרייקן דערוויטערט געוואָרן פון זיין שטעלע. דער לאָקאַל איז באַזוכט געוואָרן פון סינדיקאַליסטן. זיי פלעגן דאָ זיצן זאַלבעפינפט אָדער זאַלבעזעקסט אין אַ הינטערשטן צימער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין אַן ענגן, פינסטערן הויף, פון וואַנען עס האָט זיך אָן אויפהער אַדורכגעשלאָגן דער פאַרליבטער געזאַנג פון צוויי פאַרשפאַרטע קאַנאַריקלעך. זשוסיע פלעגט דאָרט קומען מיט זיין געליבטער, די שיינע בערטע, אַ געזונט קאָקעטיש מיידל מיט אַ בלאַסער הויט, ברענענדיק רויטע האָר און שטענדיק־אומרויקע, לאַכנדיקע אויגן. זי האָט אַרומגעשלעפּט מיט זיך אַ שיין יינגל, אַן אינטעליגענטן חברה־מאַן, דעם מעכאַניק לעאָפּאָלד גראַציאַ. ער איז געווען דער עסטעט פון דער געזעלשאַפט. ער האָט

זיך געהאַלטן פאַר אַן אַנאַרכיסט, אָבער כאָטש ער האָט צערעדט אסור-לדבר אויפן גאַנצן בירגערטום, האָט ער אַליין פאַרמאָגט אַ קליינבירגערלעכע נשמה פון ערגסטן מין. זינט לאַנגע יאָרן האָט ער טאָגטעגלעך געשלונגען די ערגסטישע און דעקאַדענטישע ידיעות פון די ליטעראַרישע גראָשן-בלעטלעך. אָט דאָס לייענען האָט אים אויף אַ מאָדנעם אופן איבערגעדרייט דעם מוח. די גייסטיקע ראַפינירטקייט און זיינע פאָרשטעלונגען וועגן תענוג האָט זיך צונויפגעמישט אין אים מיט אַן אַבסאָלוטן מאַנגל אין קערפּערלעכע צאַרטקייט, מיט אַ גלייכגילטיקייט צו ריינקייט און מיט אַ פּראָסטן אַרט לעבן. עס איז געוואָרן פאַר אים אַ באַדערפעניש אויסצוטרינקען די כוסה מיטן פאַלשן אַלקאָהאָל, אַן אינטעלעקטועלער תענוג-אַלקאָהאָל, וואָס האָט אַרויסגערופן אומגעזונטע אָנרעגונגען פון קראַנקע גבורים. אַזוי-ווי ער האָט נישט געקאָנט געבן זיין קערפּער די דאָזיקע פאַרגעניגנס, האָט ער עס איינגעזאַפּט אין מוח. עס איז געשמאַקלאָז, און דער מענטש ווערט שטייף און נאַריש. אָבער מען טוט דערמיט נאָך דעם רייכן און מען האָט אים דערביי פיינט.

קריסטאָף האָט אים נישט געקאָנט פאַרטראָגן. מער סימפּאַטיע האָט ער שוין געפילט צום עלעקטראָטעכניקער סעבאַסטיאַן קאָקאַר, וואָס האָט צוזאַמען מיט זשוסיען געהערט צו די אָנגעזעענסטע רעדנער. ער האָט זיך נישט פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט קיין טעאָריעס. נישט שטענדיק האָט ער געוווסט, וווהין עס פירט אים זיין וועג, אָבער שטענדיק איז ער געגאַנגען גלייך. ער איז געווען אַן עכטער פראַנצויז, אַ דיקער יונג פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ גרויסן, רויטן פּנים, אַ רונדן קאָפּ מיט רויטע האָר, אַ געדיכטע באָרד און מיט אַ נאַקן און שטים פון אַווילדער חיה. פונקט ווי זשוסיע, איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער אַרבעטער, נאָר האָט ליב געהאַט צו הוליען און צו טרינקען. דער קרענקלעכער זשוסיע האָט מיט קנאה געקוקט אויף זיין חברס געזונט, און אַ פאַרבאָרגענע שנאה איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי, הגם זיי זענען געווען פריינט.

די באַלעבאָסטע פון דעם קליינעם רעסטאָראַן אורעליע, איז געווען אַ בראַווע פרוי פון אַ יאָר פינף און פערציק. זי האָט אַמאָל געמוזט זיין שיין און איז עס איצט נאָך אויך געווען, כאָטש די שווערע אַרבעט האָט געלאָזט שטאַרקע שפּורן אויף איר פּנים. זי איז געזעסן מיט אַ האַנט-אַרבעט, צוגעהערט זיך מיט אַ פריינטלעכן שמייכל

צו זייערע רייד און באַוועגט מיט די ליפּן, בעת זיי האָבן גערעדט; ביי אַ געלעגנהייט האָט זי אַריינגעוואָרפֿן אַ וואָרט און אַרבעטנדיק ווייטער, באַגלייט אירע ווערטער מיט קליינע קאָפּ-באַוועגונגען. זי האָט געהאַט אַן אויסגעגעבענע טאָכטער און צוויי קינדער פֿון זיבן און צען יאָר, אַ יינגל און אַ מיידל, וואָס האָבן געמאַכֿט זייערע שולאַרבעטן ביים צווייטן עק פֿון דעם פֿאַרשמירטן טיש און בשעת-מעשה צוגעהערט זיך צום שמועס, וואָס איז נישט באַשטימט געווען פֿאַר זיי.

אָליוויער האָט געפּרוווט אַ צוויי-דריי מאָל באַגלייטן קריסטאָפֿן, נאָר ער האָט זיך געפֿילט שלעכֿט צווישן די דאָזיקע מענטשן. ווען די אַרבעטער האָבן נישט געמוזט אָפּהיטן קיין באַשטימטע אַרבעטס-שעהן, ווען דער פֿאַבריק-פֿייף האָט זיי נישט גערופֿן, זענען זיי געווען זייער פֿאַרשווענדעריש מיט דער צייט, סיי נאָך דער אַרבעט, סיי אין אַ פֿרייער שעה בייטאָג. זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפּט און האָבן גאָרנישט געטון. קריסטאָף, וואָס האָט דעמאָלט געלעבט אין אַ פּעריאָד פֿון ליידיקגייערישער פֿרייהייט, בעת דער גייסט פֿאַרענדיקט איין ווערק און וואַרט אויף דער געשטאַלטיקונג פֿון אַ צווייטן, האָט געהאַט אַזוי פֿיל צייט, ווי זיי. ער איז געבליבן מיט זיי זיצן. גערויכֿערט, געטרונקען און געפּלוידערט, אָנשפּאַרנדיק די עלנבויגנס אויפֿן טיש. אָבער אָליוויער האָט זיך געפֿילט שלעכֿט און זיינע בירגערלעכֿע אינסטינקטן, אין זיינע טראַדיציאָנעלע געוווינהייטן פֿון גייסטיקער דיסציפּלין, רעגלמעסיקער אַרבעט און שפּאָרזאַם-איינגעטיילטער צייט. ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרלירן אויף אַזאַ אופֿן אַזוי פֿיל שעהן. אגב, איז ער נישט געווען קיין טרינקער און נישט קיין פּלוידערזאַק. דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ קערפּערלעכֿער עקל, אַ געהיימע אַנטיפּאַטיע, וואָס טיילט פֿונאַנדער די קערפּער פֿון פֿאַרשידענע מינים מענטשן. אַ שנאה פֿון די חושים, וואָס ווילן זיך נישט צוזאַמענמישן מיט די נשמות, און דאָס בלוט, וואָס בונטעוועט זיך קעגן האַרצן. ווען אָליוויער איז געווען אַליין מיט קריסטאָפֿן, האָט ער גערירט גערעדט וועגן דעם חוב צו פֿאַרברודערן זיך מיטן פֿאָלק; קוים אָבער איז ער געקומען אין באַרירונג מיטן פֿאָלק גופא, האָט ער ביים בעסטן ווילן נישט געוווסט, וואָס צו טון. דערפֿאַר האָט קריסטאָף, וואָס האָט חוזק געמאַכֿט פֿון אָליוויערס אידעען, געקאָנט אָן שום קונצן זיך באַפֿריינדן מיטן ערשטן בעסטן אַרבעטער, וואָס ער האָט

אָנגעטראָפן אין גאַס. אָליוויער האָט אויפריכטיק עגמת-נפש געהאַט, וואָס ער שטייט אַזוי ווייט פון די דאָזיקע מענטשן. ער האָט געפרווט זיין גלייך מיט זיי. טראַכטן ווי זיי און רעדן ווי זיי. ער האָט עס אָבער נישט געקאָנט. זיין שטים איז געווען פאַרשטיקט, פאַרשלייערט און האָט נישט געקלונגען, ווי זייערע שטימען. ווען ער האָט געפרווט איבערצונעמען פון זיי געוויסע אויסדרוקן, זענען אים די ווערטער געבליבן שטעקן אין האַלז אָדער געקלונגען פאַלש. ער האָט זיך אַליין אָבסערווירט און געוווסט גענוי, אַז ער פילט זיך שלעכט און שטעקט אָן אויך די אַנדערע. ער האָט געוווסט, אַז ער איז פאַר זיי אַ פאַרדעכטיקער פרעמדער, אַז קיינער איז נישט גוט געשטימט צו אים, און אַז נאָך זיין אַוועקגיין וועט יעדערן גרינגער ווערן אויפן האַרצן. אָפטמאָל האָט ער אויפגעכאַפּט בייזע קאַלטע בליקן, בליקן פיינטלעכע, מיט וועלכע די פאַרביטערטע אַרבעטער קוקן אָן די בורזשואַזיע. אפשר האָט קריסטאָף אויך באַקומען זיין חלק, נאָר ער האָט עס נישט באַמערקט.

די איינציקע, וואָס האָבן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט חשק געהאַט זיך צו דערנענטערן צו אָליוויערן, זענען געווען אָליוויערס קינדער. זיי האָבן געפילט צו אַ בירגער אַ סך מער סימפּאַטיע, ווי שנאה. פאַרן קליינעם יינגל איז די בירגערלעכע געדאַנקען-וועלט געווען אַ פאַרכישופטער גאָרטן; ער איז געווען גענוג קלוג, כּדי זי ליב צו האָבן, אָבער צו ווייניק קלוג, כּדי זי צו פאַרשטיין. דאָס שיינע מיידעלע, וואָס אָליוויער האָט איינמאָל מיטגענומען מיט זיך צו כּרויצאַרנאָ, איז געווען ווי היפּנאָטיזירט פון דעם לוקסוס. זי איז געווען שטום פון התפּעלות, בעת זי האָט זיך געזעצט אין אַ שיינעם פאָטעל, אָנגערירט שיינע קליידער און געקאָנט זיין צוזאַמען מיט שיינע דאַמען; דער אינסטינקט פון אַ קליינער פרוי האָט געבענקט אין איר אַרויסצורייסן זיך פון דעם פאָלק צום גן-עדן פון עשירות און בירגערלעכער באַקוועמלעכקייט. אָליוויער האָט נישט בדעה געהאַט צו אַנטוויקלען אין איר אַזעלכע נייגונגען, און די קינדערישע ליבע, וואָס דאָס מיידעלע האָט אַרויסגעוויזן צו זיין סאָציאַלן קלאַס, איז געווען פאַר אים אַ קנאַפּע דרייסט אין פאַרגלייך מיט דער שטומער שנאה פון די אַנדערע חברים. ער האָט געליטן צוליב דער דאָזיקער שנאה. ס'איז אים געגאַנגען אין לעבן זיי צו פאַרשטיין! און ער האָט זיי באמת פאַרשטאַנען, אפשר צו גוט, ווייל ער האָט זיי צו שאַ־

אָבסערווירט און דאָס האָט זיי אויפגעבראַכט. ער האָט עס נישט געטון צוליב אומדיסקרעטער נייגעריקייט, נאָר פון געוווינהייט צו אַנאַליזירן נשמות און צוליב דער באַדערפעניש ליב צו האָבן.

אינגיכן האָט ער דערזען די פאַרבאָרגענע דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין זשוסיעס לעבן: די קראַנקהייט, וואָס האָט אים אויפגעפרעסן, און דאָס גרויזאַמע שפּיל פון זיין געליבטער. זי האָט אים ליב געהאַט, געווען שטאָלץ מיט אים, נאָר זי איז געווען פול מיט לעבן; ער האָט געוווסט, אַז זי גליטשט זיך אים אַרויס, אַז זי וועט זיך אים ווען-עס-איז אַרויסגליטשן, און די אייפערזוכט האָט אים געפרעסן. דאָס האָט זי געוויילט. זי האָט גערייצט די מענער, אַרומגענומען זיי מיט אירע בליקן, מיט איר זינלעכער אַטמאָספער, זי האָט זיך פּשוט נאָכגעיאָגט נאָך מענער, אפשר האָט זי אים פאַראַטן מיט גראַיאָן, אפשר האָט זי זיך נאָר געוויילט מיט זיין שרעק, לכל־הדעות, אויב זי האָט עס נישט געטון היינט, האָט זי דאָך עס געקאָנט טון מאָרגן. זשוסיע האָט נישט געהאַט קיין מוט צו פאַרווערן איר ליב צו האָבן, וועמען זי וויל. האָט ער דען נישט געפּרעדיקט דאָט רעכט אויף פרייהייט פאַר דער פרוי אַזוי גוט, ווי פאַרן מאַן? זי האָט עס אים דערמאָנט מיט פרעכער חוצפּה, ווען ער האָט איז איינמאָל אָנגעזידלט צוליב דעם. אַ צעבונטעוועטער קאַמף האָט זיך דערוועקט אין אים, אַ קאַמף צווישן זיינע פרייע אידעען און די אומגעצוימטע אינסטינקטן. לויט זיין האַרץ איז ער נאָך געווען אַ מאַן פון דער אַלטער צייט, דעספּאָטיש און אייפערזיכטיק; לויטן פאַרשטאַנד אַ מאַן פון דער צוקונפט — אַן אוטאָפּיסט. זי אָבער איז געווען אַ פרוי פון נעכטן און פון מאָרגן, דאָס ווייב פון אַלע צייטן. -- און אָליוויער, וואָס איז געווען דער געהיימער עדות פון אָט דעם געראַנגל, וואָס זיין אַכזריות האָט ער געקענט פון אייגענער דערפאַרונג, האָט געזען זשוסיעס שוואַכקייט און האָט געפילט צו אים אַ טיפן מיטלייד. אָבער זשוסיע האָט פאַרשטאַנען, אַז אָליוויער לייענט אין זיין נשמה, און ער איז אים געווען ווייניק דאַנקבאַר דערפאַר.

נאָך עמעצער האָט זיך צוגעקוקט מיט אַ מיטליידפולן בליק צו דעם דאָזיקן שפּיל פון ליבע און האַס. דאָס איז געווען די באַלעבאָסטע אוירעליע. זי האָט אַלץ געזען, כאָטש קיינער האָט עס נישט באַמערקט. זי האָט געקענט דאָס לעבן. די דאָזיקע בראַווע פרוי, וואָס איז געווען געזונט, רויק און אָרנטלעך, האָט געהאַט הינטער זיך אַ

גאַנץ לייכטזיניקע יוגנט. זי איז געווען אַ בלומען־אַרבעטערין, גע־האַט אַ געליבטן פון די בירגערלעכע ספערן, אָבער אויך אַנדערע געליבטע. דערנאָך האָט זי חתונה געהאַט מיט אַן אַרבעטער און איז געוואָרן אַ גוטע פאַמיליען־מוטער. אָבער זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען, אַלע משוגעתן פון האַרצן, זשוסיעס אייפערזוכט אַזוי גוט, ווי דאָס יונגע בלוט, וואָס האָט זיך געוואָלט לאָזן ווילגיין. מיט עטלעכע האַרציקע ווערטער האָט זי טיילמאָל געפּרוווט שלום מאַכן צווישן די דאָזיקע ביידע מענטשן.

— מען מוז האָבן פאַרשטענדעניש, עס לוינט נישט צו האָבן עגמת־נפש צוליב אַ נאַרישקייט...

זי האָט זיך נישט געוווּנדערט, וואָס אירע ווערטער מאַכן נישט קיין שום איינדרוק.

— אַזוי איז עס. דער מענטש מוז זיך שטענדיק שאַפן דאגות...

זי האָט פאַרמאָגט די שיינע זאָרגלאָזיקייט פון דעם פאָלק, וואָס יעדעס אומגליק גליטשט זיך אַראָפּ איבער אים. זי אַליין האָט אויך געהאַט אירע צרות. מיט דריי חדשים צוריק האָט זי פאַרלוירן אַ פּופּצן־יעריק ייִנגל, וועלכן זי האָט זייער ליב געהאַט. דאָס איז גע־ווען פאַר איר אַ גרויסער ווייטיק. אָבער איצט האָט זי ווידער גע־לאַכט און איז ווידער געווען טעטיק. זי פלעגט זאָגן:

— אויב מען זאָל שטענדיק נאָכגעבן דעם טרויער, וואָלט דאָס לעבן געווען אומדערטרעגלעך.

און מער האָט זי דערפון נישט געטראַכט. דאָס איז נישט גע־ווען קיין עגאָיזם. זי האָט אַנדערש נישט געקאָנט. איר לעבנס־קראַפט איז געווען צו שטאַרק. די געגנוואַרט האָט זי אַזוי פאַרשלונגען, אַז זי האָט נישט געקאָנט טראַכטן וועגן דער פאַרגאַנגנהייט. זי האָט געלעבט מיט איר געגנוואַרט און איז געווען גרייט אויפצונעמען די צוקונפט. ווען ס'וואָלט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע און וואָלט אַלץ איבערגעקערט, וואָלט זי נאָך אַלץ בכּוח געווען צו שטיין פעסט אויף די פיס. זי וואָלט שטענדיק אויסגעפילט דאָס אָרט, ווו מען האָט זי אַוועקגעשטעלט. אייגנטלעך, האָט זי געהאַט אַ קנאַפּן צוטרוי צו דער רעוואָלוציע. זי האָט בכלל געגלויבט אין זייער ווייניק זאַכן. נאַטיר־לעך, האָט זי אין מינוטן פון שוואַכקייט געהייסן זיך לעגן קאָרטן און האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו מאַכן אַ קרייץ בעת אַ לויה. נישט געקוקט אויף איר גרויסער אינערלעכער פרייהייט און טאָלע־

ראַנץ, האָט זי פאַרמאָגט דעם סקעפטיציזם פון פאַריזער פאָלק, יענעם געזונטן סקעפטיציזם, וואָס צווייפלט פונקט אַזוי פריילעך, ווי ער אָטעמט. הגם זי איז געווען אַ פרוי פון אַ רעוואָלוציאָנער, האָט זי אַרויסגעוויזן צו די אידעען פון איר מאַן און צו זיין פאַרטיי — און אויך צו די אידעען פון די אַנדערע פאַרטייען — די זעלבע מוטערלעכע איראָניע, ווי צו די נאַרישקייטן פון דער יוגנט און פון דעם רייפערן עלטער. זי האָט זיך נישט אויפגערעגט צוליב יעדער קליניקייט, אָבער זי האָט זיך אין יעדער זאַך באַטייליקט. זי איז געווען גרייט אויפצונעמען סיי גליק, סיי אומגליק. בכלל איז זי געווען אַן אָפּטימיסטין.

— מען דאַרף זיך נישט אויפפרעסן... אַבי מען איז נאָר געזונט, וועט שוין אַלץ זיין אין אָרדנונג...

אַזאַ מענטש האָט זיך, נאַטירלעך, גוט פאַרשטענדיקט מיט קריסטאָפן. זיי האָבן נישט געדאַרפט קיין סך רעדן. כדי איינצוזען, אַז זיי זענען פון איין טייג געקנאָטן. פון צייט צו צייט האָבן זיי אויסגעטוישט צווישן זיך אַ שמייכל פון פאַרשטענדיקונג, בעת די אַנדערע האָבן זיך געקריגט און געשריגן. אָפטער אָבער האָט זי אַליין געשמייכלט, קוקנדיק אויף קריסטאָפן, וואָס האָט זיך געלאָזט מיטרייסן פון די דיסקוסיעס און האָט זיך באַטייליקט אין זיי נאָך ליידנשאַפטלעכער, ווי די איבעריקע.

קריסטאָף האָט נישט באַמערקט אָליוויערס איינזאַמקייט און זיין פאַרלעגנהייט. ער גופא האָט זיך נישט געגעבן קיין מי אַריינצוקוקן אין די נשמות פון די מענטשן. אָבער ער האָט מיט זיי געגעסן און געטרונקען, געלאַכט און געבייזערט זיך. זיי האָבן נישט פאַרלוירן צו אים דעם צוטרוי, הגם זיי האָבן זיך טיילמאָל שאַרף איבערגעווערטלט. ער האָט נישט איבערגעקליבן קיין ווערטער. באמת וואָלט ער זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט, ווען מען וואָלט אים אַ פרעג געטון, צי ער איז אויף זייער זייט אָדער קעגן זיי. ער האָט זיך דערפון נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון. ווען ער זאָל מוזן אויסקלייבן, וואָלט ער וואַרשיינלעך געוואָרן אַ סינדיקאַליסט קעגן דעם סאָציאַליזם און

אַלע מלוכה־סיסטעמען, די דאָזיקע אומגעהוירע מאַשין, וואָס שאַפט זיך אירע באַאַמטע. זיין פאַרשטאַנד האָט אָנערקענט די גוואַלדיקע אָנשטרענגונג פון יענע אָרגאַניזירטע גרופּן, וואָס זייער צווייטשאַרפיקע שווערד איז געווענדט גלייכצייטיק קעגן דער טויטער אַבסטראַקציע פון דער פראַנצויזישער מלוכה אין דעם אומפּרוכטבאַרן אינדיווידואַליזם, יענע צעברעקלטקייט פון ענערגיע, יענע צעשפּליטערונג פון דער קאָלעקטיווער קראַפט אויף אינדיווידועלע שוואַכקייטן, — דער גרויסער עלנט פון דער היינטיקער צייט, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז טיילווייז אין דעם שולדיק.

אָבער די נאַטור איז שטאַרקער פון דעם שכל. ווען קריסטאָף איז געקומען אין באַרירונג מיט די סינדיקאַליסטן—דורך יענע פאַרבינדונגען, וואָס זענען געפערלעך פאַרן שוואַכן — האָט זיך צעבונטעוועט אין אים זיין קרעפטיקער אינדיווידואַליזם. ער האָט געמוזט פאַראַכטן די דאָזיקע מענטשן, וואָס כדי צו גיין אין קאַמף, מוזן זיי זיך צוזאַמענשמידן; און אויב ער האָט מסכּים געווען, אַז אַנדערע זאָלן זיך אונטערוואַרפן דעם דאָזיקן געזעץ, האָט ער אָבער געמוזט דערקלערן, אַז פאַר אים איז דער דאָזיקער געזעץ נישט גילטיק. ס'איז כדאי צוצוגעבן, אַז כּל־זמן זיי זענען אונטערדריקט, זענען זיי סימפּאַטיש, אָבער זיי הערן עס אויף צו זיין, ווי נאָר זיי ווערן אַליין די אינטערדריקער. קריסטאָף, וואָס האָט אַמאָל געשריגן צו די אָפּגעזונדערטע, גוטע מענטשן: „פאַראייניקט אייך!"—האָט איצט דערפילט אַ פריקרען איינדרוק, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען זיך צווישן די דאָזיקע גוטע מענטשן, ווייל צווישן זיי זענען אין דער אמתן אויך געווען ווייניק גוטע; אַלע זענען אָבער געווען פליכטבאַוווסטע, פול מיט קראַפט און גלייכצייטיק גרייט צו מיסברויכן זייערע פליכטן. די בעסטע, די, וואָס קריסטאָף האָט ליב געהאַט, די פריינט, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף אַלע שטאָקן פון דעם „הויז", האָבן נישט געמאַכט קיין געברויך פון אָט די קאַמפּס-פאַרבאַנדן. זיי זענען געווען צו צאַרט און נישט דרייסט, כדי נישט דערשראָקן צו ווערן; זיי אַליין זענען פאַרמשפּט געווען צעטרעטן צו ווערן פון די דאָזיקע גרופּן. אין באַציונג צו דער אַרבעטער־באַוועגונג זענען זיי געווען, פּונקט ווי אָליוויער און ווי די בעסטע פון די יונגע בירגער. זייערע סימפּאַטיעס האָבן געהערט צו די יונגע אַרבעטער, אָבער זיי זענען דערצויגן געוואָרן אין דעם קולט פאַר דער פרייהייט, און

די רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאַט אַ קנאַפּע שייכות דערמיט. ווער זאָרגט היינט בכלל פאַר דער פרייהייט? אַ הייפל מענטשן, וואָס האָט נישט קיין שום השפּעה אויף די וועלט־געשעענישן. די פרייהייט לעבט איבער פינסטערע טעג. די פויבסטן פון רוים לעשן אויס דאָס ליכט פון דעם שכל. די פויבסטן פון פּאַריז לעשן אויס דאָס ליכט פון הימל. און די הערן רעפּובליקאַנער דרייען אַראָפּ די גאַסן־לאַמ־טערנעס. אומעטום טריאומפירט דער אימפּעריאַליזם: דער טעאָקראַטי־שער אימפּעריאַליזם פון דער רוימישער קירך; מיליטערישער אימפּער־יאַליזם אין די מלוכות פון קרעמער און בעלי־חלומות; דער ביוראָ־קראַטישער אין די רעפּובליקן פון די פריימויערער; דער דיקטאַטאָרי־שער אימפּעריאַליזם פון די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן! אָרעמע פריי־הייט, דו ביסט נישט פון דער וועלט... דער מיסברויך פון דער מאַכט, וואָס די רעוואָלוציאָנערן האָבן באַגאַנגען און געפּרעדיקט, האָט אויפגעבראַכט קריסטאָפן און אָליווערן. זיי האָבן געפילט ווייניק דרך ארץ פאַר די אַנטי־סאָציאַליסטישע בעל־מלאכות, וואָס האָבן נישט גע־וואָלט ליידן פאַר דער אַלגעמיינער זאַך. אָבער זיי האָבן געהאַלטן פאַר עקלדיק צו צווינגען יענעם מיט געוואַלט. נאָר סוף־כל־סוף מוז מען דאָך אויסקלויבן אַ פּאַרב. באמת איז נישטאָ היינט אויסצוקלויבן צווישן אימפּעריאַליזם און פרייהייט, נאָר צווישן איין אימפּעריאַליזם און אַ צווייטן. אָליווער האָט געזאָגט:

— איך וויל זיי ביידע נישט, איך בין פאַר די אונטערדריקטע.

קריסטאָף האָט פּיינט געהאַט די טיראַניע פון די אונטערדרי־קער, אָבער ער איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דער אַרמיי פון די רע־וואָלוציאָנערע אַרבעטער.

ער האָט עס אַליין קוים געוווּסט. זיינע חברים האָט ער דער־קלערט, אַז ער געהערט נישט צו זיי.

— כל־זמן עס גייט אייך נאָר וועגן מאַטעריעלע אינטערעסן, — האָט ער געזאָגט, — אינטערעסירט איר מיך נישט. אין דעם טאָג, ווען איר וועט אַרויסטרעטן צו פאַרטיידיקן אַן איבערצייגונג, וועל איך זיין אויף אייער זייט. וואָס האָב איך צו טון צווישן בייכער? איך בין אַ קינסטלער, איך האָב צו פאַרטיידיקן נאָר די קונסט און איך דאַרף זי נישט שטעלן אין דינסט פון אַ פּאַרטיי. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אין דער לעצטער צייט האָבן זיך אַנדערע שריפטשטע־לער, וואָס זוכן כבוד, געטריבן פונם פאַרלאַנג צו אומגעזונטער פּאַ־

פונאַריטעט, געגעבן אַ שלעכטן ביישפּיל. מיר דאַכט זיך, אַז זיי האָבן נישט געבראַכט אַזאַ גרויסן נוצן דער זאַך, וועלכע זיי האָבן געוואָלט אויף אַזאַ אופן פאַרטיידיקן; אָבער די קונסט האָט זיי פאַרראַטן. אונזער ריכטיקע אויפגאַבע איז צו ראַטעווען דאָס ליכט פון דעם גייסט. ער דאַרף דורך אייערע בלינדע קאַמפן נישט פאַרטונקלט ווערן. ווער וועט האַלטן דעם שטורקאַץ, ווען מיר וועלן אים אַרויסלאָזן פון האַנט אַרויס? און אייך וועט זיין זייער אָנגענעם נאָך דער שלאַכט צו געפינען דאָס ליכט נישט פאַרלאָשן. עס מוזן שטענדיק זיין אַר-בעטער, וואָס זאָלן לעגן פייער אין קעסל, בעת אויף דער דעק פון דער שיף שלאָגט מען זיך. מען מוז אַלץ פאַרשטיין און נישט האַסן. דער קינסטלער איז דער קאָמפּאַס, וואָס אַפילו בעתן שטורם ווייזט ער נאָך אַלץ אויף צפון.

זיי האָבן אים גערופן פּראַזעלאָג און געזאָגט, אַז ער האָט אַליין פאַרלוירן זיין קאָמפּאַס. זיי האָבן זיך אַפילו דערלויבט אויף אַ פריינטלעכן אופן אים גרינגצושעצן. צו זיין אַ קינסטלער, האָט פאַר זיי געהייסן צו זיין אַ כיטרער קעפּל, וואָס אָרדנט זיך איין דאָס לעבן ווי-ווייט-מעגלעך באַקוועמער, כדי וואָס ווייניקער צו אַרבעטן.

ער האָט געענטפערט, אַז ער אַרבעט אַזויפיל, ווי זיי, און אַפילו נאָך מער, און אַז ער האָט נאָך ווייניקער מורא פאַר דער אַרבעט, ווי זיי. קיין זאַך האָט אים אַזוי נישט אויפגערעגט, ווי דער סאַבאָטאַזש, ווי די פוילקייט, וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו אַ פּרינציפּ.

— ווי די דאָזיקע נעבעכדיקע מענטשעלעך ציטערן עס פאַר זייערע ביינער, — האָט ער געטראַכט. — גאָט מיינער! איך אַליין אַר-בעט שוין זינט מיין צענטן יאָר אָן אויפהער. איר האָט אָבער נישט ליב די אַרבעט. איר זענט, אין גרונט גענומען, בירגער... ווען איר וואָלט, לפּחות, פעיק געווען חרוב צו מאַכן די אַלטע וועלט! אָבער איר קאָנט עס נישט! איר ווילט עס אַפילו נישט, כאָטש איר ליאַרמט, דראָט און קערט וועלטן, גלייך ווי איר וואָלט געגאַנגען אַלץ חרוב מאַכן. איר האָט דאָך נאָר איין געדאַנק אין קאָפּ: צו פאַרכאַפּן די וועלט, זיך אַליין צו לעגן אין דעם בירגערלעכן אויסגעוואַרעמטן בעט. מיטן אויסנאַם פון העכסטנס אַ פּאָר הונדערט אָרעמע שדים פון די שאַכטן, וואָס זענען גרייט איינצושטעלן זייער אייגענע הויט, אָדער אַ פרעמדע, אַליין נישט ווויסנדיק צי צוליב פאַרגעניגן אָדער ווייטיק,

הונדערט יעריקן ווייטיק, וואָס קומט בײַ זיי צום אויסברוך, — אויסער דעם קליינעם הײַפֿל, טראַכטן אַלע נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי בײַ דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט זיך אַרײַנצוגליטשן אין די בירגערלעכע רייען. זיי ווערן סאָציאַליסטן, זשורנאַליסטן, רעדנער, שריפֿטשטעלער, דעפּוטאַטן, מיניסטאָרן... ווייס איך וואָס! רעגט זיך נישט אַזוי אויף קעגן די דאָזיקע מענטשן! איר זענט נישט בעסער פֿון זיי. דאָס זענען פֿאַררעטער, זאָגט איר?.. גוט. וועמענס ריי איז איצט? איר וועט עס אַלע דורכמאַכן. קיין איינער פֿון אײַך וועט נישט בײַשטיין דעם נסיון. ווי וואָלט איר עס געקאָנט? קיין איינער פֿון אײַך גלויבט נישט אין דער אומשטערבלעכקייט פֿון דער נשמה. איר זענט בײַכער, זאָג איך אײַך. פּוסטע בײַכער! און איר טראַכט נישט וועגן קיין שום אַנדער זאַך, ווי נאָר, מיט וואָס זיי אָנצופּילן.

זיי זענען בייז געוואָרן און געשריגן אַלע מיטאַמאָל. און אין מיטן דער קריגערײַ איז געשען, אַז קריסטאָף מיטגעריסן פֿון זײַן טעמפּעראַמענט, איז געוואָרן נאָך רעוואָלוציאָנערער, ווי אַלע אַנדערע. ווען ער זאָל זיך אַפֿילו פֿאַרטיידיקן קעגן דעם, וואָלט גאָרנישט געהאָלפֿן. זײַן אינטעלעקטועלער שטאָלץ, די אָפּטימיסטישע פֿאָרשטעלונג פֿון אַ ריין-עסטעטישער וועלט, וואָס איז באַשאַפֿן פֿאַר דער פֿרייד פֿון גייסט, האָט זיך פֿאַרשעמט באַהאַלטן בײַם אָנבליק פֿון אַן עוולה. צי קאָן זײַן עסטעטיש אַזאַ וועלט, ווו אויף יעדע צען מענטשן לעבן אַכט אין נויט, אָדער ענגשאַפֿט, אין קערפּערלעכן אָדער גייסטיקן עלנט? מען מוז זײַן אַן אומפֿאַרשעמטער פּריווילעגירטער, כּדי צו האָבן אַזאַ מיינונג. אַ קינסטלער, ווי קריסטאָף, האָט לויט זײַן געוויסן נישט געקאָנט שטיין אויף אַן אַנדער זײַט, ווי נאָר אויף דער זײַט פֿון די אַרבעטנדיקע. ווער לײַדט שטאַרקער פֿונם גייסטיקן אַרבעטער אונטער דער אוממאָראַלישקייט פֿון די סאָציאַלע לעבנס-באַדינגונגען, אונטער דער אויפֿרעגנדיקער נישט גלײַכער פֿאַרמעגן-פֿאַרטיילונג צווישן די מענטשן? דער קינסטלער שטאַרבט פֿון הונגער אָדער ער ווערט אַ מיליאָנער בלויז צוליב דעם קאַפּריז פֿון דער מאָדע, אָדער פֿון די מענטשן, וואָס שפּעקולירן מיט איר. אַ געזעלשאַפֿט, וואָס לאָזט אונטערגיין אירע בעסטע מענטשן אָדער זי באַפֿרידיקט זיי אויף אַן איבערגעטריבענעם אופֿן, איז אַן עקלדיקע געזעלשאַפֿט, וואָס פֿאַרדינט אויסגעראָטן צו ווערן. יעדער מענטש, צי ער אַרבעט יאָ אָדער נישט, האָט דאָס רעכט אויף אַ געוויסן מינימום פֿון לעבן. יעדע אַרבעט,

צי איז גוט אָדער מינדערוועדטיק, מוז באַלוינט ווערן נישט לויט איר ווירקלעכן ווערט (ווייל ווער קאָן עס אָן אַ שום טעות אָנכשיידן), נייערט לויט די גערעכטע און נאָרמאַלע באַדערפעניש פון דעם אַרבעטנדיקן. דעם קינסטלער, דעם געלערנטן, דעם דערפינדער, וואָס פאַרשאַפט דער געזעלשאַפט כבוד, מוז מען פאַרזיכערן גענוג צייט און מיטלען, כדי ער זאָל דער געזעלשאַפט נאָך מער כבוד פאַרשאַפן. דאָס און נישט [illegible]ר. די מאָנאַ ליזאַ איז נישט ווערט קיין מיליאָן. צווישן אַ סומע געלט און אַ קונסטווערק זענען נישט פאַראַן קיין שום באַציונגען; דאָס ווערק שטייט נישט איבער און נישט אונטער דעם ווערט פון געלט; עס שטייט אויסער דעם. עס האַנדלט זיך נישט איבגאַנצן פאַר דעם ווערק; עס האַנדלט זיך אין דעם, אַז דער קינסטלער זאָל קאָנען לעבן. גיט אים גענוג, ער זאָל קאָנען עסן און רויק אַרבעטן. עס איז נאַריש און מיאוס צו מאַכן אים פאַר אַ גנב פון אַ פרעמדן אייגנטום. מען דאַרף עס זאָגן אָפן: יעדער מענטש, וואָס באַזיצט מער, ווי ער דאַרף האָבן פאַר זיין עקזיסטענץ, פאַר דער עקזיסטענץ פון זיינע אייגענע און פאַר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון זיין גייסט, איז אַ גנב. וואָס ער פאַרמאָגט צופיל, פאַרמאָגן אַנדערע צו ווייניק. וויפיל מאָל האָבן מיר געהערט רעדן וועגן דער אומדערשעפּלעכער עשירות פון פראַנקרייך, וועגן די ריזיקע אוצרות, — מיר האָבן דעמאָלט טרויעריק געשמייכלט, מיר, די אַרבעטער, די אינטעלעקטועלע מענער און פרויען, וואָס מיר האָבן זיך פון אונזער געבוירן אָן אויסגעשעפּט ביי דער אַרבעט, כדי צו פאַרדינען כאָטש אַזוי פיל, מיר זאָלן נישט דאַרפן שטאַרבן פון הונגער, און אויך דאָס האָבן מיר נישט פאַרדינט; ווייל מיר זעען, ווי אונזערע בעסטע פאַלן אונטער דער לאַסט פון אָנשטרענגונג, — מיר, וואָס זענען די מאָראַלישע און גייסטיקע אויסדערוויילטע פון דעם פאָלק! איר, וואָס פאַרמאָגט מער רייכטום פון דער וועלט, ווי אייך קומט, איר זענט רייך דורך אונזערע לײדן און אונזער אָרעמקייט. דאָס שטערט אייך נישט; עס פעלן אייך נישט קיין סאָפיזמען, וואָס באַרויקן אייך: איר רעדט וועגן הייליקן אייגנטום־רעכט, וועגן געזעצמעסיקן לעבנס־קאַמף, וועגן די וויכטיקע אינטערעסן פון מולכס מלוכה און פון פראָגרעס, אָט דעם פאַנטאַסטישן פאַרזעעניש, אָט דעם פראָבלעמאַטישן „אויסדערוויילטן”, וואָס פאַר זיין לעבן איז מען מקריב דאָס גליק פון אַנדערע. אָבער איר וועט קיינמאָל נישט קאָנען אָפּלייקענען דורך אייערע סאָפיזמען, אַז: „איר האָט צום לעבן מער,

ווי איר נויטיקט זיך. מיר האָבן צו ווייניק. און מיר זענען פּונקט אַזוי פיל ווערט, ווי איר, און אַנדערע צווישן אונז זענען ווערט פיל מער, ווי איר אַלע צוזאַמען.״

אָט אַזוי איז קריסטאָף געוואָרן אָנגעשטעקט פון די ליידנשאַפטן, וואָס האָבן געבראַוזט אַרום אים. שפּעטער האָט ער זיך אַליין געוווגדערט אויף די דאָזיקע אָנפאַלן פון באַרעדעוודיקייט, נאָר ער האָט אויף זיי קיין אַכט נישט געלעגט. עס האָט אים געווײלט די אויפרעגונג, וואָס האָט זיך, לויט זיין מיינונג, געשאַפן פון טרינקען. ער האָט נאָר באַדויערט, וואָס דער ווײַן איז נישט בעסער און ער האָט געריממט זײַנע רהײַנישע ווײַנען. ער איז אויך ווייטער געווען איבערצייגט, אַז ער האָט נישט קיין שום שייכות מיט די רעוואָלוציאָנערע אידעען. נאָר עס פלעגט געשען אַ מערקווירדיקע זאַך, אַז קריסטאָף בעת ער איז געווען אויפגעבראַכט אויף די דאָזיקע אידעען אָדער ער האָט זיי אינגאַנצן אונטערגעגראָבן, האָט ער בשעת-מעשה גערעדט מיט אַ וואַקסנדיקער ליידנשאַפט, בעת זײַנע חברים זענען, דאַכט זיך, געוואָרן אַלץ מער אָפּגעקילט.

אין דער אמתן האָבן זיי פאַרמאָגט אַ סך ווייניקער אילוזיעס, ווי ער. אפילו די ווילדסטע רעדל-פירער, וואָס דאָס בירגערטום האָט פאַר זיי צום שטאַרקסטן מורא געהאַט, איז אין גרונט געווען זיכער און טייוולאָניש בירגערלעך. קאָקאַר מיט זיין געלעכטער, ווי פון אַ הירזשענדיק פערד, האָט געלאָזט דונערן זיין שטימע און שרעקלעך געמאַכט מיט די הענט; ער האָט נאָר טיילווייז געגלויבט אין זײַנע רייד. עס האָט אים געטריבן די פרייד צו רעדן, צו באַפוילן, צו באַוועגן זיך. ער איז געווען אַ מויל-העלד וואָס האָט פאַרטיידיקט די פויסט; ער האָט דורך-און-דורך געזען די בירגערלעכע געמיינהייטן און ער האָט מיט דער גרעסטער הנאה אָנגעוואָרפן אויף זיי אַ פחד און בשעת-מעשה געמאַכט זיך שטאַרקער, ווי ער וואָלט געווען אין דער ווירקלעכקייט. ער האָט עס מיט אַ געלעכטער און אָן שום קונצן מודה געווען קריסטאָפן. גראַיאָ האָט אַלץ קריטיקירט, און מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אויספירן עפּעס. זשוסיע האָט שטענדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט מודה

זיין, אַז ער איז אומגערעכט. ער האָט געזען גאַנץ קלאָר די פאַלשקייט פון זיינע אויספירונגען, נאָר ער האָט זיי נאָך עקשנותדיקער פאַר־טיידיקט; ער וואָלט מקריב געווען דעם נצחון פון דער זאַך פאַרן שטאָלץ פון זיינע פרינציפּן. אָבער פון די אָנפאַלן און שטאַרקן גלויבן פלעגט ער לייכט אַריבער אין איראָנישן פּעסימיזם, ווו ער האָט גע־משפּט מיט פאַרביטערונג די פאַלשקייט פון די אידעאָלאָגן און די צוועקלאָזיקייט פון יעדער אָנשטרענגונג.

אָט אַזוי האָט אויסגעזען דאָס רוב אַרבעטער. אין איין אויגנ־בליק האָבן זיי געקענט אין פאַרשיכּורטע ווערטער אַריבער אין דער טיפסטער נידערגעשלאָגנקייט. זיי האָבן נאָך געהאַט אָן אַ שיר אילו־זיעס, וואָס האָבן זיך אויף קיין שום זאַך נישט געשמיצט; זיי האָבן זיי נישט דערגרייכט מיט אַ סך מי און נישט געשאַפן אַליין, נאָר איבערגענומען פאַרטיקערהייט לויטן געזעץ פון דער קלענסטער קראַפט, וואָס האָט זיי געטריבן צו פאַרוויילן זיך אין די קרעטשמעס אָדער אין טינגל. די אומהיילבאַרע פוילקייט פון געדאַנק איז געווען אַ פאַרענטפערטע; זיי זענען געווען, ווי שלעכט־באַהאַנדלטע פי, וואָס פאַרלאַנגט נישט קיין שום אַנדערע זאַך, ווי נאָר זיך אַוועקצולייגן און מעלה־גרה צו זיין איר פאַשע און אירע חלומות. קוים אָבער זענען די דאָזיקע חלומות אַוועקגעפלויגן, איז געבליבן בלויז נאָך אַ גרעסערע מידקייט און אַ קאַצן־יאָמער. אָן אויפהער האָבן זיי זיך באַגייסטערט פאַר אַ פירער, אָבער האָבּי זיי איינעם געהאַט, האָבן זייגע וואָרפן אויף אים אַ חשד און אים געלאָזט אונטערגיין. דאָס טרויעריקע איז געווען, וואָס זיי זענען אין אַ גרויסער מאָס געווען גערעכט: די פירער זענען אייגער נאָכן אַנדערן צעפּאַלעוועט געוואָרן דורכן רייץ פון עשירות, ערפאָלג און פוסטער גאווה. אויסער איין זשוסיע, וואָס די נאָגנדיקע שווינד־זוכט און די נאָענטקייט פון טויט האָבן אים אָפּגעהיט פון יעדן נסיון, זענען אַלע פירער געווען פאַרעטער אָדער אָפּטריניקע! זיי זענען געווען אַ קרבן פון דער ווונד, וואָס האָט געפרעסן די דע־מאָלטיקע פּאָליטיקער אין כּמעט אַלע פּאַרטייען: די דעמאָראַליזאַציע צוליב דער פרוי אָדער צוליב געלט. פרוי און געלט! (די דאָזיקע ביידע מכּות זענען אייגנטלעך איינע). סיי ביי דער רעגירונג און סיי ביי דער אָפּאָזיציע זענען געווען זייער באַגאַבטע מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט ווערן גרויסע מלוכה־מענער (אין די צייטן פון רישעליע וואָלטן זיי עס אפשר געוואָרן); אָבער זיי האָבן נישט פאַרמאָגט קיין

איבערצייגונג, קיין כאַראַקטער; די באַדערפעניש צו לעבנס־תענוגים און די געוווינהייט דערצו האָבן צעררייצט זייערע נערוון; און אַ דאַנק דעם האָבן זיי, שאַפנדיק זייערע גרויסע פּלענער, בשעת־מעשה געהאַנדלט אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג אָדער גאָר פּלוצלינג אַוועקגעוואָרפן אַלע אַקטועלע ענינים, דאָס פאָטערלאַנד און די אַלגעמיינע זאַך, כּדי זיך אָפּצורוען און צו געניסן פון לעבן. זיי זענען געווען גענוג מוטיק צו לאָזן זיך דערהרגענען אין שלאַכט, אָבער זייער ווייניק פון די דאָזיקע פירער זענען געווען פעיק צו שטאַרבן ביי זייער אַרבעט, אומבאַוועגלעך צו בלייבן שטיין אויף זייער פּאָסטן, מיט דער האַנט ביים סטער און מיטן בליק צום אומגעזעענעם ציל.

דער באַוווסטזיין פון אָט דער טיף־איינגעוואָרצלטער שוואַכקייט האָט איבערגעשניטן דעם לעבנס־פאָדעם פון דער רעוואָלוציע. די אַרבעטער האָבן פאַרבראַכט זייער צייט מיט טענות איינער צום צווייטן. זייערע שטרייקן האָבן זיך קיינמאָל נישט איינגעגעבן, — צוליב די אייביקע סכסוכים צווישן די פירער אָדער פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, צווישן די רעפאָרמיסטן און די רעוואָלוציאָנערן, און צוליב צו גרויסער שרעק פאַר די דראָענדיקע גרויסע מיילער; דערצו האָט אויך מיטגעווירקט די סטאַדע־לויפעניש, וואָס האָט ביי דער ערשטער וואָרבונג פון געזעץ געפירט די צעבונטעוועטע אונטערן אַלטן יאָך; דאָס האָט זיך אויך גענומען פון עגאָיזם אין געמיינהייט, ווייל אַנדערע מענטשן האָבן זיך באַנוצט מיטן אויפשטאַנד, כּדי נושא־חן צו זיין ביי די אַרבעטס־געבער און טייער צו פאַרקויפן זייער אויסגערעכנטע טרייהייט. שוין אָפּגערעדט וועגן דער דיסציפּלינלאָזיקייט און פאָלקסטימלעכע אַנאַרכיע אין די מאַסן. זיי האָבן געוואָלט מאַכן פּראָפעסיאָנעלע שטרייקן, וואָס זאָלן טראָגן דורכויס אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער; אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט, מען זאָל זיי באַהאַנדלען, ווי רעוואָלוציאָנערן. די באַיאָנעטן האָבן זיי לחלוטין נישט געשמעקט. זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז מען קאָן מאַכן אַ פיינקוכן, נישט צעקלאַפּנדיק קיין אייער. אַלנפאַלס האָבן זיי בעסער געוואָלט, אַז די אייער זאָלן אַנדערע אויסשלאָגן.

אָליוויער האָט געזען און לחלוטין זיך נישט געוווּנדערט. ער האָט באַלד דערקענט אויף ווי ווייט נידעריקער די דאָזיקע מענטשן שטייען פון דעם ווערק, וואָס זיי האָבן געדאַרפט שאַפן. אָבער ער האָט אויך דערקענט די פאַטאַלע קראַפט, וואָס האָט זיי מיטגעריסן,

און ער האָט באַמערקט, ווי קריסטאָף שווימט-מיט אומבאַוווּסט מיטן שטראָם. אים גופא, אָבער, וואָס זיין גאַנצער ווונש איז געווען אויך מיטגעריסן צו ווערן, האָט דער שטראָם נישט גענומען. ער איז גע־בליבן שטיין ביים ברעג און געקוקט אויף דאָס פליסנדיקע וואַסער.

דאָס איז געווען אַ שטאַרקער שטראָם: ער האָט אויפגעוועקט אַן אומגעהויערע מאַסע פון ליידנשאַפטן, אינטערעסן און איבערציי־גונגען, וואָס האָבן זיך געשטויסן איינע אויף די אַנדערע, געריבן זיך און זיך צונויפגעשמאָלצן צוזאַמען מיטן שווימענדיקן וואַסער און קעגנזעצלעכע שטראָמען. די פירער זענען געשווומען פאָרויס. זיי זע־נען געווען ווייניקער פריי פון אַנדערע, ווייל זיי זענען געשטויסן געוואָרן פון אַלע זייטן, און אפשר האָבן זיי אויך געגלויבט ווייני־קער פון אַלע. אַמאָל האָבן זיי געגלויבט, אַז זיי זענען, ווי די פרי־סטער, פון וועלכע זיי האָבן געחוזקט; ווי די פריסטער, וואָס זענען געבונדן מיט שבועות, מיטן גלויבן, וועלכן זיי האָבן אַמאָל פאַרמאָגט און געמוזט באַזיצן ביזן סוף. הינטער זיי האָט געצויגן די גרויסע סטאַדע, וואָס איז געווען ברוטאַל, אומזיכער און קורצזיכטיק, די־מערהייט האָט געגלויבט צוליב צופאַל, אָדער צוליב דעם, וואָס דער שטראָם איז גראָד געגאַנגען אין דער ריכטונג פון יענע אוטאָפּיעס. ווען דער שטראָם ענדערט זיין ריכטונג, וואָלטן זיי אין דעם זעלבן אָוונט אויפגעהערט צו גלויבן. אַנדערע האָבן געגלויבט צוליב דעם דראַנג צו מעשים, צוליב דער נייגונג איבערצולעבן אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען און צוליב ראָמאַנטישע נאַרישקייט. אַנדערע ווידער אויפן גרונט פון אַ באַרעדעוודיקער לאָגיק, וואָס איז געווען דערווידער יעדען געזונטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד; טייל האָבן געגלויבט צוליב גוטסקייט. די ליטרע קעפּלעך האָבן זיך באַנוצט מיט די אידעען, ווי מיט אַ געווער אין קאַמף; זייער ציל איז געווען נאָענט און דירעקט. זיי האָבן געקעמפט פאַר אַ גוטער שכירות, פאַר אַ באַשטימטער צאָל אַרבעטס־שעהן. די ערגסטע האָבן אין דער שטיל געהאָפט זיך נוקם צו זיין ברוטאַל פאַר זייער עלנט לעבן.

אָבער דער שטראָם, וואָס האָט זיי געטראָגן, איז געווען קלי־גער פון זיי, ער האָט געוווּסט זיין ציל. וואָס האָט עס אים געאַרט, וואָס ער האָט זיך דערווייל געמוזט צעשלאָגן אָן דער מחיצה פון דער אַלטער וועלט! — אָליוויער האָט פאָרויסגעזען, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע וואָלט אין יענער צייט דערשטיקט געוואָרן. ער האָט

אָבער אויך געוווּסט, אַז זי וועט דערגרייכן איר ציל סיי דורך אַ מפּלה און סיי דורך אַ נצחון; ווייל די אונטערדריקער גיבן נאָך דעם פאַרלאַנג פון די אונטערדריקטע נאָר דעמאָלט, ווען די דאָזיקע אונטערדריקטע וואַרפן אָן אויף זיי אַ שרעק. אָט אַזוי האָט די געוואַלדטעטיקייט פון די רעוואָלוציאָנערן געדינט דער אַלגעמיינער זאַך נישט ווייניקער, ווי די גערעכטיקייט פון דער זאַך גופא, ביידע זענען געווען אַ טייל פון דעם געזעץ פון דער בלינדער, אָבער זיכערער קראַפט, וואָס פירט די מענטשהייט.

„ווייל איר, וואָס דער האַר האָט אייך גערופן, באַטראַכט זיך, ווער איר זענט, לויטן לייב זענען נישטאָ צווישן אייך קיין סך קלוגע, נישט קיין שטאַרקע, נישט קיין איידעלע, אָבער ער האָט אויסדערוויילט די משוגעתן פון דער דאָזיקער וועלט, כּדי צו דערנידעריקן די קלוגע; און ער האָט אויסדערוויילט די שוואַכע פון דער דאָזיקער וועלט, כּדי צו דערנידעריקן די שטאַרקע; און ער האָט אויסדערוויילט די געמיינהייטן און עקלדיקייטן פון דער וועלט און אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען אינגאַנצן נישטאָ, כּדי אַראָפּצוואַרפן די, וואָס זענען דאָ...“

אָבער מיט דער וועלט און מיט אַלע אירע זאַכן האָט געמעגט רעגירן דער פאַרשטאַנד אָדער די פאַרשטאַנדלאָזיקייט; עס האָט אפילו געמעגט די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, צוגעגרייט דורכן סינדיקאַליזם, צוזאָגן אויף דער צוקונפט אַ פאַרהעלטענישמעסיק־גליקלעכן ערפאָלג, — ווי עס זאָל נישט זיין, האָט אָליוויער פונדעסטוועגן געמיינט, אַז פאַר אים און קריסטאָפן לוינט נישט איבערצוגעבן די גאַנצע קראַפט פון זייערע אילוזיעס און קרבנות־גרייטקייט דעם ערדישן קאַמף, וואָס עפנט נישט אויף קיין שום נייע וועלט. ער איז געווען אַנטוישט אין זיין מיסטישער האָפענונג אויף דער רעוואָלוציע. דאָס פאָלק האָט ביי אים נישט אויסגעזען בעסער און נאָך ווייניקער אויפריכטיק, ווי די אַנדערע קלאַסן; דערצו האָט ער זיך נישט גענוג אונטערגעשיידט פון די אַנדערע קלאַסן. אינמיטן די שטאַרקע כוואַליעס פון אינטערעסן און שמוציקע ליידנשאַפטן האָט אָליוויערס בליק און האַרץ געצויגן צו די פרייע אינזלען, צו די קליינע גרופן אמת־גלויביקע, וואָס האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעטויכט, ווי בלומען אויפן וואַסער. די אויסדערוויילטע מעגן זיך ווי שטאַרק צונויפמישן מיטן המון: זיי וועלן שטענדיק בלייבן אויסדערוויילטע — די אויסלייזער

פון אַלע קלאַסן און אַלע פּאַרטייען — די, וואָס טראָגן דאָס פייער. און זייער הייליקער חוב איז צו וואַכן, אַז דאָס פייער אין זייערע הענט זאָל נישט אויסגיין.

אָליווער האָט שוין זיינס אויסגעוויילט.

עטלעכע הייזער פון זיין וווינונג איז געווען אַ געוועלב פון אַ שוסטער. דער שטח איז געלעגן אַביסל נידעריקער ווי די גאַס, און דאָס שטיבל איז געווען צונויפגעקלאַפּט פון אַ פּאָר ברעטער; די פענסטער זענען געווען שמוציק און טיילווייז פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר. מ'האָט געמוזט אַראָפּגיין דריי טרעפּלעך און דעמאָלט געקאָנט בלייבן שטיין נאָר איינגעבויגן. עס איז גראָד געווען גענוג פּלאַץ פּאַר אַ רייע אַלטע שיך צו פאַרריכטן און צוויי דריי קאָפּיטעס. אַ גאַנצן טאָג האָט מען לויט דער קלאַסישער טראַדיציע פון דעם שוסטער, דעם לאַטוטניק, געקאָנט הערן דעם גרזאַנג פון באַלעבאָס, ער האָט גע-פייפט, געקלאַפּט זיינע זוילן. געזונגען מיט אַ הייזעריקער שטים גאַסן-לידלעך און רעוואָלוציאָנערע לידער אָדער הינטער דער ווירקונג פון זיין כוסה געשמועסט מיט פאַרבייגייענדיקע שכנטעס. עס פלעגט אים באַזוכן עפּעס אַ ווראָנע מיט אַ צעבראָכענעם פליגל, וואָס האָט גע-וווינט אין דער דירה פון דעם הויזוועכטער און פלעגט קומען צוגיין האָפּקענדיק איבערן הויף. זי פלעגט זיך זעצן אויפן אויבערשטן טרעפּל ביים אַריינגאַנג און געקוקט אויפן שוסטער. ער פלעגט אויף אַ ווײַלע איבעררייסן די אַרבעט, כדי איר צו דערציילן מיט זיין פלייטן-שטים אַ פּאָר וויצן, אָדער ער האָט זיך באַמיט אויסצופייפן פאַר איר דעם „אינטערנאַציאָנאַל". זי איז געשטאַנען און ערנסט זיך צוגעהערט אויפ-הויבנדיק דעם שנאָבל אין דער הויך; פון צייט צו צייט האָט זי ווי אַרונטערגעטוילכט, אויסגעשטרעקט דעם שנאָבל, ווי זי וואָלט עמעצן געגריסט און אומגעשיקט געשלאָגן מיט די פליגל, כדי אויפצוהאַלטן איר גלייכגעוויכט; דעמאָלט האָט זי זיך פלוצלינג אויסגעדרייט, אי-בערשלאָגנדיק דעם שוסטער אינמיטן די רייד און איז אַרויפגעפלויגן מיט איר איינציקן פליגל אויפן אָנלען פון אַ באַנק, ווו זי האָט גע-קאָנט חוזק מאַכן פון אַלע הינט פון דער געגנט. דער לאַטוטניק האָט

זיך דעמאָלט ווייטער גענומען צו זיינע זוילן, אָבער דאָס פאַרשווינדן פון זיין צוהערער האָט אים נישט געשטערט צו דערפירן דעם איבערגעריסענעם שמועס ביזן סוף.

ער איז אַלט געווען זעקס-און פופציק יאָר. געהאַט אַ גוטמוטיק, אַביסל-אָנגעברוגזט פנים, קליינע שמייכלענדיקע אויגן אונטער דיקע ברעמען, אַ שאַרבן וואָס איז ביים שפיץ געווען נאַקעט און האָט אַרויסגעקוקט ווי אַן איי פון אַ האָריקן נעסט, באַוואַקסענע אויערן, אַ שוואַרצן מויל-חלל מיט צעבראָכענע ציין, וואָס האָט זיך ביים אָנפאַל פון געלעכטער געעפנט ווי אַ ברוגעם; אַ שמוציקע צעקנאָדערטע באָרד, וואָס ער פלעגט צוקעמען מיט זיינע דיקע, מיט פעך-באַשמירטע לאַפעס. אין דער געגנט איז ער געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „פאָטער פעיע” אָדער „פאַפאַ לאַ פאַיעט”, נאָר ווער עס האָט אים געוואָלט דערגיין די יאָרן, האָט אים גערופן קורץ „לאַ פעיעט”, ווייל אין דער פּאָליטיק איז דער אַלטער געווען שרעקלעך „שאַרלאַך-רויט”. אַלס גאַנץ יונגער מענטש האָט ער זיך באַטייליקט אין דעם אויפשטאַנד פון דער קאָמונע, פאַרמשפט געוואָרן צום טויט און לסוף פאַרשיקט געוואָרן; ער האָט שטאָלצירט מיט זיינע זכרונות און דערמאָנט מיט גרויל די נעמען פון באַדינגעט, געליפעט, און פוטריקעט. ער פלעגט פינקטלעך קומען אויף אַלע רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען און איז געווען אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון קאָקאַרן, צוליב דעם נקמה-אידעאַל וואָס דער דאָזיקער מאַן מיט דער שיינער דונער-שטימע, האָט געפרעדיקט. ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איינע פון זיינע רעדעס. ממש געטרונקען זיינע ווערטער, מיט אַן אָפן מויל געלאַכט פון זיינע וויצן, מיט-געמאַכט זיין כעס און געפרייט זיך מיט די קאַמפן און דעם צוגעזאָגטן גן עדן. דעם צווייטן פרייטיק האָט ער געלייענט אין דער צייטונג דעם קורצן אינהאַלט פון זיינע רעדעס; ער האָט זיי נאָכאַמאָל איבערגעלייענט פאַר זיך און זיין געזעלן. און כדי מער הנאה צו האָבן פון זיי, האָט ער זיי געהייסן דעם יינגל נאָכאַמאָל פאָרלייענען און אים אַ קלאַפ געטון, ווען ער האָט דורכגעלאָזן אַ שורה. דעריבער פלעגט ער זיין אַרבעט נישט אָפּגעבן צו דער באַשטימטער צייט, דערפאַר איז עס אָבער געווען אַ סאָלידע אַרבעט: זי האָט קאַליע געמאַכט די פיכ, וואָס האָבן זי געטראָגן, אָבער זיך אַליין האָט זי שטאַרק געשוינט.

דער אַלטער האָט געהאַלטן ביי זיך אַ דרייצן-יאָריקן אייניקל,

אַ קרענקלעכן, ראַכיטישן הויקערל, וואָס איז געווען זיין שיק-ייִנגל און זיין געזעלן. זיין מוטער האָט מיט זיבצן יאָר צוריק פאַרלאָזן די פאַמיליע און איז אַנטלאָפן מיט איינעם אַן אַרבעטער, וואָס איז געוואָרן אַן אַפּאַש; עס האָט נישט לאַנג געדויערט ביז מען האָט אים דערשמעקט און פאַרמשפּט; דעמאָלט איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן. זי איז געבליבן אַליין מיטן קינד, פאַרשטויסן פון גאָט און פון לייט, און זיך איבערגעגעבן דער דערציִונג פונם קליינעם עמאַנועל. אויף אים האָט זי איבערגעטראָגן איר ליבע און האַס, וואָס זי האָט געפילט צו איר געליבטן. זי איז געווען אַ פרוי פון אַ קרענקלעך-ליידנשאַפטלעכן און אייפערזיכטיקן כאַראַקטער. זי האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט איר קינד און פונדעסטוועגן באַהאַנדלט עס ברוטאַל. ווען ער איז געווען קראַנק איז זי פשוט אויסגעגאַנגען פון פאַרצווייפלונג. און ווען זי איז געווען שלעכט געשטימט, האָט זי אים געהייסן גיין שלאָפן אָן אַ שטיקל ברויט. ווען זי האָט אים פאַר דער האַנט געשלעפּט דורך די גאַסן, און ער איז פאַרמאַטערט געוואָרן, נישט געוואָלט ווייטער גיין און זיך אַרונטערגעלאָזן אויף דער ערד, האָט זי אים געשטופּט פאָרויס מיטן פוס. איר אַרט רעדן איז געווען אָן שום צוזאַמענהאַנג; פון טרערן האָט זי געקאָנט אַריבער אין היסטערישער פריילעכקייט. זי איז פריצייטיק געשטאָרבן. דער זיידע האָט דעמאָלט דעם זעקס-יעריקן ייִנגל גענומען צו זיך. ער האָט אים האַרציק ליב געהאַט, נאָר ער האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם אופן, ווי אַרויסצווייזן זיין ליבע. ער איז זיך מיט אים שלעכט באַגאַנגען, איבערגערופן מיט די פאַרשידנסטע מיאוסע נעמען, געצויגן פאַר די אויערן, און געטיילט קלעפּ פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט, כדי אים גוט אויסצולערנען זיין מלאכה. גלייכצייטיק האָט ער אין אים איינגעפלאַנצט זיין סאָציאַלן און אַנטי-קלעריקאַלן קאַטעכיזם.

עמאַנועל האָט געוווּסט, אַז דער זיידע איז נישט קיין שלעכטער. אָבער ער איז שטענדיק גרייט געווען צו פאַרשטעלן זיך מיטן עלנבויגן פאַר די קלעפּ. דער אַלטער האָט אָנגעיאָגט אויף אים אַ פּחד, דער עיקר אין די אָוונטן, ווען ער האָט געטרונקען. ווייל דער פאָטער לאַ פעיעט (וואָס באַדייט: אַ פעסל) האָט נישט אומזיסט באַקומען זיין צונעמעניש: ער האָט זיך צוויי אָדער דריי מאָל אין חודש אָנגעטרונקען. דעמאָלט האָט ער גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, געלאַכט, געמאַכט זיך עלעגאַנט און לסוף געבייזערט זיך אויפן

קליינעם. ער האָט אָן אַ שיעור געשריגן אָבער נישט געמיינט אים
צו שלאָגן. דאַן האָט דאָס קינד מורא געקריגן. זיין קרענקלעכער צו-
שטאַנד האָט אים געמאַכט עמפּינדלעכער פון אַנדערע קינדער. ער
האָט פאַרמאָגט אַ פאַרשטאַנד, וואָס איז צו פרי רייף געוואָרן, און פון
דער מוטער אַ ווילד אומגעצוימט האַרץ. די ברוטאַליטעט פון זיין
זיידן האָט אים פונקט אַזוי אויפגעבראַכט, ווי זיינע רעוואָלוציאָנערע
דעקלאַמאַציעס (ביידע זענען געקומען גלייכצייטיק, ווייל דער אַלטער
האָט דער עיקר נביאות געזאָגט, בעת ער איז געווען שיכּור). אַלע
געשרייען פון דער אויסערלעכער וועלט האָבן אין אים אָפּגעקלונגען
ווי אין דעם קליינעם געוועלב, וואָס האָט אופגעציטערט פון די
שווערע אמניבוסן, וואָס זענען פאַרבייגעפאָרן. אין עמאַנועלס צעטראָגע-
נער פאַנטאַזיע האָבן זיך צוזאַמענגעמישט, ווי צעוויגטע גלאָקן, זיינע
טאָג-טעגלעכע איינדרוקן, זיינע גרויסע קינדער-יסורים, די טרויעריקע
זכרונות פון אַ פריצייטיקער דערפאַרונג. צוזאַמען מיט די באַ-
ריכטן פון דער קאָמונע, ברעקלעך פון די אָוונט-פאָרלעזונגען, צייטונגס
פעליעטאָנען, רעדעס פון די פאַרזאַמלונגען, טונקעלע ווילדע סעקסו-
עלע אינסטינקטן, וואָס ער האָט געירשנט פון זיינע עלטערן. דאָס
אַלץ צוזאַמען האָט פאָרגעשטעלט אַ ריזיקע אויפרעגנדיקע וועלט פון
חלומות, וואָס אין זייער פינסטערער נאַכט פון דעם זומפּיקן כאַאָס
האָבן טיילמאָל אויפגעבליצט בלענדנדיקע האָפנונגס-שטראַלן.
דער שוסטער דער פאַרטאַטש האָט טיילמאָל מיטגענומען זיין
אייניקל אין אויבעליעס שענק, דאָרט האָט אַליוויערס אויפמערקזאַמקייט
צוגעצויגן דאָס קליינע הויקערל מיט דער קלאָרער פויגעלשער שטימע.
בעת ער איז אַזוי צוזאַמען געזעסן מיט די אַרבעטער, מיט וועלכע ער
האָט ווייניק גערעדט, האָט ער געהאַט גענוג צייט צו שטודירן דאָס
קרענקלעכע קינדערשע פּנים מיטן ריזיקן שטערן און מיטן ווילדן
נידערגעשלאָגענעם אויסדרוק; ער איז געווען אַן עדות פון די היימי-
שע גראָבקייטן, וואָס מען האָט צו אים געזאָגט און וואָס האָבן צוזאַ-
מענגעקאָרטשעט די שטריכן פון דעם קליינעם אין אַ שווייגנדיקן ווייי-
טיק. ער האָט געזען ווי ביי געוויסע רעוואָלוציאָנערע רעדעס צע-
שטראַלן זיך מיט גליק זיינע קאַשטאַן-ברוינע, סאַמעט-ווייכע אויגן,
וואָס ווערן פול מיט פאַנטאַסטישער התפּעלות — פול מיט אַ גליק,
וואָס אַפילו אויב עס זאָל אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן, וועט עס קנאַפּ-
וואָס קאָנען ענדערן אין דער טרויעריקער עקזיסטענץ פון דעם דאָזיקן

מענטשלעכע. אין אַזעלכע מאָמענטן פּלעגט זיין בליק אַזוי באַשיינען זיין מיאוס פּנים, אַז מען פּלעגט פאַרגעסן אָן זיין מיאוסקייט. דער שיינער בערטען איז עס געוואָרן אויפגעפאַלנדיק. זי האָט עס אים אפילו איינמאָל געזאָגט, און איידער ער האָט זיך באַוויזן אַרומצוזען, האָט זי אים אַ קוש געטון אין די ליפּן. דאָס קינד איז געוואָרן אויסער זיך; עס איז געוואָרן בלאַס פון אויפרעגונג און האָט זיך מיט עקל אַ וואָרף געטון צוריק. דאָס מיידל האָט נישט געהאַט קיין צייט עס צו באַמערקן: זי האָט זיך שוין ווידער אַרומגעריסן מיט זשוסיען. נאָר אָליוויער האָט באַמערקט עמאַנועלס צעטומלטקייט; ער האָט פאַרפאָלגט דעם קליינעם מיט די אויגן און ער האָט געזען ווי ער האָט זיך מיט אַ געזונקענעם קאָפּ און מיט ציטערנדיקע הענט צוריקגעצויגן אין דער טונקלקייט און פון דער זייט געוואָרפן גליענדיקע און אויפגערעגטע בליקן אויף דעם מיידל. ער איז צוגעגאַנגען צו אים און גערעדט מיט אים איידל און העפלעך אַזוי, אַז דאָס יינגל איז מיט אים היימיש געוואָרן...

ווי אומענדלעך גוט אַ פריינטלעך וואָרט קאָן מאַכן אַ האַרץ, וואָס בענקט צו פריינטשאַפט! דאָס איז ווי אַ וואַסער־טראָפּן, וואָס די טרוקענע ערד זאַפּט דורשטיק איין, ס'איז גענוג געווען נאָר עטלעכע ווערטער, נאָר אַ שמייכל, אַז דער קליינער עמאַנועל זאָל טיף אין האַרצן זיך איבערגעבן אָליוויערן און אַנטשיידן ביי זיך, אַז אָליוויער געהערט צו אים. ווען ער האָט אים שפּעטער באַגעגנט אין גאַס און האָט אַנטדעקט, אַז זיי זענען שכנים, איז עס געווען פאַר אים פּונקט ווי אַ געהיימנישפולער צייכן פון גורל, אַז ער האָט נישט קיין טעות געהאַט. ער האָט אָפּגעוואַרט אָליוויערן פאַרן געוועלב, כדי אים צו זאָגן „גוטמאָרגן"; און ווען דער צערודערטער אָליוויער האָט אַמאָל פאַרבייגייענדיק נישט אַ קוק געטון אויף זיין זייט, האָט עמאַנועל זיך געפילט טיף באַליידיקט.

ער האָט זיך געפילט איבערגליקלעך, ווען אָליוויער איז אַריינגעקומען צו זיין זיידן עפּעס באַשטעלן. ווען די אַרבעט איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער עס אָוועקגעטראָגן צו אָליוויערן. ער האָט אָפּגעוואַרט, ווען אָליוויער איז געגאַנגען צוריק אהיים, כדי צו זיין זיכער אים צו טרעפן אין שטוב. אָליוויער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיין אַרבעט, אַז ער האָט אים קוים באַמערקט; ער האָט באַצאָלט און האָט מער גאָרנישט געזאָגט; ס'האָט אויסגעזען, אַז דאָס קינד

וואַרט נאָך אויף עפּעס, ס'האָט זיך אַרומגעקוקט אויף רעכטס און אויף לינקס און מיט באַדויערונג געקליבן זיך אַוועקצוגיין. אָבער אַליוויער האָט מים זיין גוטסקייט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאַר אין דעם ייִנגל; ער האָט אַ שמייכל געטון און נישט געקוקט אויף דער פאַרלעגנהייט, וואָס ער האָט געפילט. בעת ער פלעגט רעדן מיט עמעצן פון פאָלק, האָט ער געפּרוווט צו פאַרבינדן אַ שמועס. דאָס מאָל איז אים געלונגען צו געפינען גאַנץ איינפאַכע. טרעפלעכע ווער-טער. מיט דער פעיקייט צו פילן יענעמס ליידן, האָט ער באַמערקט (אויף אַ גאַנץ איינפאַכן אופן) אין דעם קינד אַ קליין פויגעלע, וואָס איז פונקט ווי ער פאַרוווּנדעט געוואָרן פון דעם לעבן, וואָס האַלט אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ אונטערן פליגל, זיצט צוזאַמענגעקאָרטשעט און טרויעריק אויף זיין שטאַנג און טרייסט זיך מיט חלומות וועגן אַ ווילדן פלי צו דער זון. דאָס קינד האָט געפילט צו אים אַן ענ-לעך געפיל פון אינסטינקטיוון צוטרוי; דאָס איז געווען אונטער דעם איינדרוק פון דעם שווייגנדיקן מענטשן, וואָס האָט נישט געשריגן, נישט באַנוצט קיין רויע ווערטער און וואָס ביי אים האָט מען זיך געפילט באַשיצט פאַר דער ברוטאַליטעט פון דער גאַס. און דאָס מיט ביכער אָנגעפּולטע צימער, ווו אַרום די ווענט זענען געלאָפן רייען בענדער, וואָס האָבן פאַרבאָרגן אין זיך די חלומות פון יאָר-הונדער-טער, האָט דערוועקט אין אים אַ רעליגיעזן יראַת-הכבוד. ער האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר אָליוויערס פראַגן. ער האָט געענטפערט גערן, כאָטש מיט אומגעריכטע אויסברוכן פון שטאָלצער ווילדקייט. עס האָבן אים געפעלט ווערטער, אָליוויער האָט מיט אַ סך געדולד און פאָרזיכטיקייט געעפנט די דאָזיקע טרויעריקע און שטאַמלענדיקע נשמה. ביסלעכווייז האָט זיך אים איינגעגעבן צו לייענען אין איר, צו דערקענען אירע האָפענונגען און לעכערלעכקייטן, דעם רירנדיקן גלויבן אין אַ בעסערער וועלט, וואָס זי האָט פאַרבאָרגן אין זיך. ער האָט נישט געהאַט בדעה צו לאַכן פון איר, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז זי טרוימט פון אוממעגלעכקייטן און אַז זי וועט די מענטשן נישט איבעראַנדערשן. אויך די קריסטן האָבן געטרוימט וועגן אוממעגלעכקייטן און אויך זיי האָבן דעם מענטשן נישט געענדערט. ווו איז דער מאָ-ראַלישער פראָגרעס צווישן דער עפּאָכע פון פעריקלעס און דער צייט פון דעם הער פאַליער? אָבער יעדע איבערצייגונג איז שיין. און ווען איין גלויבן פאַרשווינדט מוז מען באַגריסן דעם נייעם: עס איז

קייגמאָל נישט פאַראַנען צופיל גלויבן. מיט שטייגנדיקן אינטערעס האָט אָליוויער אָבסערווירט דאָס אומרויקע ליכט, וואָס האָט געברענט אין דעם גייסט פון דעם יינגל. וואָס פאַר אַ מאָדנער מוח! אָליוויערן האָט זיך נישט איינגעגעבן אָנצויאָגן דעם לויף פון די דאָזיקע געדאַנקען. אָט דער גייסט איז נישט געווען פעיק צו אַ כסדרדיקער געדאַנקלעכער אָנשטרענגונג. בעת מען האָט גערעדט מיטן יינגל, זענען זיינע געדאַנקען געבליבן הינטערשטעליק, נישט געקאָנט אָניאָגן און זיך אָנגעקלאַמערט אָן עפּעס אַ בילד, וואָס איין גאָט ווייסט ווי אַזוי עס איז ארויסגערופן געוואָרן; דעמאָלט האָבן די געדאַנקען פּלוצלינג אַ שפּרונג געטון ווייט איבער דעם שמועס און פון אַן אַלטעגלעכן געדאַנק, פון אַ פּאָרזיכטיקן בירגערלעכן זאַץ אויפגעבויט אַ גאַנצן פאַרכשופטע וועלט, אַ העלדישן פאַנטאַסטישן אני-מאמין. אָט די דרימלענדיקע נשמה, וואָס האָט פּלוצלינג דערוואַכט, איז געווען פול מיט קינדערישן שטאַרקן פאַרלאַנג צו אָפּטימיזם; צו אַלץ וואָס מען האָט אים געזאָגט וועגן קונסט אָדער וויסנשאַפט, האָט ער אין האַרצן צוגעגעבן אַ גוטן מעלאָדראַמאַטישן סוף, וואָס האָט זיך פאַרבונדן מיט זיינע חלומות און זיי צופרידנגעשטעלט.

זונטיק האָט אָליוויער פאַרגעלייענט דעם קליינעם אַ בוך, כדי צו זען ווי ער וועט עס אויפנעמען. ער האָט געמיינט, אַז עס וועלן אים אינטערעסירן רעאַליסטישע פאַמיליען-מעשיות, און ער האָט אויסגעקליבן טאָלסטויס קינדער-זכרונות. אויפן קליינעם האָט ער געמאַכט אַ קנאַפּן איינדרוק. ער האָט געזאָגט:

— נו, יאָ. אַזוי קומט עס פאָר, מען ווייסט עס.

און ער האָט נישט פאַרשטאַנען צו וואָס גיט מען זיך אַזוי פיל מי צו שרייבן וועגן ווירקלעכע זאַכן...

— דאָס איז אויך אַ קליין בידנע יינגל, — האָט ער געזאָגט מיט פאַראַכטונג.

פּונקט אַזוי ווייניק איז ער געווען עמפּינדלעך אויף געשיכטע, און די וויסנשאַפט האָט אים אינגאַנצן געלאַנגווייליקט; זי איז געווען פאַר אים אַ לאַנגווייליקע פאָררעדע צו אַ מעשה: פון אומגעזעענע כוחות, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון מענטשן, גלייך ווי די שרעקלעכע געפענטעטע דעמאָנען. צו וואָס די אַלע דערקלערונגען? אויב מען האָט עפּעס געפונען, דאַרף מען נישט זאָגן ווו, נאָר וואָס מען האָט געפונען. געדאַנקען-אַנאַליז איז אַ בירגערלעכער לוק-

ס׳וס. די נשמה פון פֿאָלק דאַרף האָבן דעם סינטעז, זי דאַרף האָבן פּאַרטיקע אידעען, צי זיי זענען גוט אָדער שלעכט; זיי מעגן אפילו זיין מער שלעכט ווי גוט, אָבער זיי מוזן שטרעבן צו מעשים, צו אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט לעבן און מיט עלעקטריציטעט. פון דער גאַנצער ליטעראַטור, וואָס עמאַנועל האָט געקאָנט דערקענען, האָט אים צום שטאַרקסטן גערירט דער עפּישער פּאַטאָס פון געוויסע שטעלן ביי הוגאָ און די טונקעלע רעטאָריק פון די רעוואָלוציאָנערע רעדנער, וואָס ער האָט נישט גוט פאַרשטאַנען און וואָס האָבן אַליין פּונקט ווי הוגאָ, נישט שטענדיק פאַרשטאַנען זיך גופא. די וועלט איז געווען פאַר אים פּונקט ווי פאַר זיי, נישט קיין כסדרדיקע קייט פון סיבות און ווירקונגען, נאָר אַן אומענדלעכער, אין חושך פאַרזונקענער און פון ציטערנדיקן ליכט־באַלויכטענער חלל, וואָס דורך אים האָבן זיך געצויגן אין דער נאַכט זון־בליצן ווי ריזיקע פאָכנדיקע פליגל. אומזיסט האָט אָליוויער געפּרוווט איינפלאַנצן אין אים זיין בירגערלעכע לאָגיק. די צעבונטעוועטע און פאַרלאַנגווייליקטע נשמה האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון אונטער די הענט. זי האָט זיך בעסער געפילט אין דער אומבאַשטימטקייט און אין דעם צוזאַמענשטויס פון אירע האַלוצינאַציעס, ווי אַ ליבענדיקע פרוי, וואָס גיט זיך איבער מיט געשלאָסענע אויגן.

דאָס וואָס איז אין דעם קינד געווען ענלעך צו אָליווירן, האָט אים געצויגן און גלייכצייטיק באַאומרויקט: זיין איינזאַמקייט, זיין שטאָלצע שוואַכקייט, זיין אידעאַליסטישע באַגייסטערונג און — וואָס עס איז אים געווען גאַנץ פרעמד — יענער קרומער שכל, די בלינדע און ווילדע באַגערן. די ענלעכע ווילדקייט, וואָס זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום פאָרשטעלונג וועגן גוטס און שלעכטס. ווי די בירגערלעכע מאָראַל באַגרייפט עס. דערביי האָט אים עמאַנועל געלאָזט דערקענען זיין ווילדן טעמפּעראַמענט נאָר טיילווייז און ווען אָליוויער דערקענט אים אינגאַנצן, וואָלט ער ממש דערשראָקן געוואָרן. ער האָט לחלוטין נישט געקענט די דאָזיקע וועלט פון טונקעלע ליידנשאַפטן, וואָס האָבן זיך געכוואַליעט אין האַרצן און אין מוח פון זיין קליינעם פריינט. אונזער בירגערלעכער אַטאַוויזם האָט אונז געמאַכט צו איבערגעשפּיצט. מיר דערוועגן זיך נישט אַריינצוקוקן אפילו אין זיך אַליין. ווען מיר זאָלן ברענגען דעם אויסדרוק אַ הונדערט־חלק פון די חלומות, וואָס עס האָט אַן אָנשטענדיקער מאַן,

אָדער די באַגערן וואָס באַאומרויקן אַן אָרנטלעכע פרוי, וואָלטן מיר זיך פארן קאָפּ געכאַפּט. לאָמיר בעסער צורו לאָזן די דאָזיקע שרעקבילדער און מער וועגן זיי נישט רעדן! אָבער לאָמיר זיך קלאָר מאַכן, אַז זיי זענען פאַראַן און אַז אין די יונגע נשמות ווירקן זיי אומגעצוימט. דאָס יינגל האָט פארמאָגט אַלע באַגערן און אַלע עראָטישע טרוימען, וואָס גילטן אומעטום פאַר פערווערזע; זיי זענען אים באַפאלן פלוצלינג און האַסטיק, ווי אַ ווירבל־ווינט; און אַזוי ווי זיין מיאוסקייט האָט אים פאַרייניזאַמט, זענען זיינע באַגערן געווען נאָך הייסער. אָליוויער האָט דערפון גאָרנישט געוווּסט. עמאַנועל האָט זיך געשעמט פאַר אים. אָליוויערס רויקייט און ריינקייט האָבן געווירקט אויף אים. דער ביישפיל פון אַזאַ לעבן האָט אים געצוימט. דאָס קינד האָט דערפילט צו אָליוויערן אַ הייסע ליבע. און זיינע דערשטיקטע ליידנשאַפטן האָבן געווירבלט אין שטורמישע טרוימען: דאָס גליק פון דער מענטשהייט, סאָציאַלע ברידערלעכקייט, די וווּנדער פון דער וויסנשאַפט, פאַנטאַסטישע אויפשוווּנג, ווילדע און באַרבאַרישע דיכטונג, — דאָס איז געווען אַ גאַנצע העלדישע, עראָטישע, קינדערשע, גרויסאַרטיקע און נידעריקע וועלט, אין וועלכער זיין פאַרשטאַנד און זיין ווילן האָבן אומרויִק און פיבערדיק אַרומגעבלאָנדזשעט.

ער האָט נישט געהאַט קיין סאַך צייט נאָכצוגעבן זיינע חלומות, בפרט אינם געוועלבל פון זיין זיידן, וואָס האָט קיין איין מינוט נישט גערוט און האָט פון דער מאָרגן ביזן אָוונט געפייפט, געקלאַפּט און געפּלוידערט, אָבער פאַר טרוימען געפינט זיך נאָך שטענדיק אַן אָרט. וויפיל טעג פון חלומות קאָן מען דורכלעבן אין איין איינציקער רגע שטייענדיק מיט אָפענע אויגן! — דער אַרבעטס-טאָג פון אַן אַרבעטער פאַסט זייער גוט צו די דאָזיקע שפרינגנדיקע אָפּגעריסענע געדאַנקען. אַ לענגערע לאָגיש ענג-פאַרבונדענע געדאַנקען-קייט וואָלט צו שווער געפאַלן אויף זיין גייסט, לכל הדעות וואָלט זי געפאָדערט אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג פון דעם ווילן. ווען עס געלינגט אים אַפילו יאָ, וואָלטן אים דאָ און דאָרט געפעלט עטלעכע רינגען. אָבער אין די הפסקות צווישן איין ריטמישער באַוועגונג און אַ צווייטער קומען אויף אידעען, טויכן אַרויס בילדער, די רעגלמעסיקע באַוועגונגען פון דעם קערפּער פאַרשטאַרקן זיך, פונקט ווי דאָס פייער אונטערן בלאָז-זאַק. געדאַנקען פון פאָלק! זיי זענען ווי רויך און פייער-גאַרבן, אַ רעגן פון פונקען, וואָס לעשן זיך אויס, צינדן זיך אָן און ווערן ווידער פאַרלאָשן:

טיילמאָל אָבער צעפלאַקערט זיך אַ פונק, געטראָגן פונעם ווינט, און צינדט אָן די וועלדער און די פולע בירגערלעכע שייערן.

אָליווירן האָט זיך איינגעגעבן איינצואָרדענען עמאַנועלן אין אַ בוך-דרוקעריי. דאָס קינד האָט דערצו געבענקט, און דער זיידע האָט זיך נישט אַ קעגן געשטעלט. ער איז געווען זייער צופרידן, וואָס זיין אייניקל וועט זיין מער געבילדעט ווי ער, און פאַר דרוק-אותיות האָט ער שטאַרק דרך-ארץ געהאַט. די נייע אַרבעט האָט אַסאַך מער אויסגעמאַטערט ווי די אַלטע, אָבער צווישן דער גרויסער צאָל אַרבעטער האָט זיך דאָס יינגל געקאָנט בעסער איבערגעבן זיינע געדאַנקען איידער אין געוועלב, ווו ער איז געזעסן אַליין מיט זיין זיידן.

צום שענסטן איז געווען די פרישטיק-פויזע. ער האָט זיך געהאַלטן פון דער ווייטן פון דער כוואַליע אַרבעטער, וואָס האָט פאַרפלייצט די קליינע טישלעך אין די וויין-שענקן פונעם שטאָט-קוואַרטאַל, און איינגעקאָרטשעטערהייט איז ער הינקענדיק אַנטלאָפן אין דעם שכנותדיקן גאָרטן. דאָרט האָט ער זיך רייטנדיק געזעצט אויף אַ באַנק אונטער דעם סך פון קאַשטאַנען-בלעטער נעבן אַ פאַון פון בראָנז, וואָס האָט געהאַלטן אין האַנט אַ וויינטרויב; דאָרט האָט ער אויפגעוויקלט זיין ברויט און זיין שטיק וווּרשט, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין אַ פאַרפעצטן פאַפיר און ער האָט עס פאַמעלעך, מיט הנאה געגעסן אַרומגערינגלט פון אַ מחנה שפערלינגען. פאָנטאַנען האָבן געשפריצט אַ פיין רעגנדל אויפן גרינעם גראָז. בלויע טויבן מיט רונדע אויגן האָבן געוואָרקעט אין אַ באַזוניקטן בוים און אַרום האָט געקלונגען דער אייביקער הו-האַ פון פאַריז, דער טומל פון די וואָגנס, דער רוישנדיקער ים פון די טריט, די באַקאַנטע גאַסן-געשרייען, דאָס ווייטע פריילעכע פייפן פון אַ טעפער, דער האַמער פון אַ שטיין-העקער, וואָס האָט געקלונגען אויפן בריק, די צאַרטע מוזיק פון אַ פאָנטאַן, — עס האָט אים אַרומגעהילט יענער פיבערדיקער גאָלדענער צויבער-מאַנטל, וואָס האָט אויך איינגעהילט דעם טרוים „פאַריז". — און דאָס קליינע הויקערל, וואָס האָט געקייט רייטנדיק אויף דער באַנק, האָט געלאַסן געשלונגען יעדן ביס. ער האָט געטרוימט אין דער תענוגלעכער שכרות און האָט נישט געפילט דעם ווייטיק אין זיין רוקן און זיין טרויעריקע נשמה: ער איז ווי פאַרזונקען געוואָרן אין אַן אומקלאָרן באַרוישנדיקן גליק...

... וואַרעמע ליכט, זון פון גערעכטיקייט, וואָס דו וועסט אונז מאָרגן אויפשיינען, צי לייכטסטו נישט שוין איצט? אַלץ איז אַזוי גוט, אַזוי שיין! מען איז שטאַרק, מען איז געזונט. מען האָט ליב... איך ליב, איך ליב אַלע, אַלע ליבן מיך... אַך, ווי שיין עס איז! ווי שיין עס וועט מאָרגן זיין!

די פאַבריק־סירענען האָבן אַ פייף געטון. דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט, אראָפּגעשלונגען זיין ביסן. אַ שטאַרקן שלונג געטון דאָס וואַסער פון דעם שכנותדיקן ברונעם, איז צוריק אַריינגעקראָכן אין זיין הויקערדיקער שאָל, און מיט זיין שפּרינגענדיקן, הינקענדיקן גאַנג ווידער געלאָזט זיך גיין אויף זיין אָרט אין דער דרוקעריי צו די קאַסטנס מיט די מאַגישע אותיות, וואָס וועלן אַ געוויסן טאָג אָנשרייבן דעם „מנא תקל ופרסין״—פון דער רעוואָלוציע.

דער פאָטער פּעיע האָט געהאַט אַן אַלטן פריינט, טרויאַ, אַ פּאַפּיר-הענדלער, וואָס האָט געוווינט קעגנאיבער אויף דער גאַס. ער האָט געהאַט אַ געוועלב פון פּאַפּיר און פון געמישטע סחורות; אויף זיין שויפענסטער האָט מען געזען ראָזע און גרינע צוקערלעך, און קוישלעך, און פּאַפּירענע ליאַלקעס אָן הענט און אָן פיס. אָפטמאָל זענען ביידע שכנים געשטאַנען פאַרן טיר און זיך איבערגעוווּנקען איבערן גאַס, אָדער געשאָקלט מיט די קעפּ און געגעבן איינער דעם אַנדערן פאַרשידענע צייכנס. אין געוויסע שעהן, ווען דער שוסטער איז מיד געוואָרן צו קלאַפּן און האָט געפילט, ווי ער האָט געזאָגט, אַז עס דרייט אים שוין אין הינטן, האָבן זיי זיך געגעבן סיגנאַלן: לאַ פּעיעט מיט זיין מערקווירדיקער שטים און טרויאַ מיט זיין אומדייטלעכן מרוטשען, ווי אַ הייזעריק קאַלב. דעמאָלט זענען זיי צוזאַמען אַריינגעגאַנגען אין נאָענטן שענק, כדי צו מאַכן אַ כוסה. זיי האָבן זיך נישט געאיילט צוריק אַהיים. זיי זענען געווען שרעקלעכע פּלוידערזעק. כמעט אַ האַלבער יאָרהונדערט, ווי זיי האָבן זיך שוין געקענט. אויך דער פּאַפּיר-הענדלער האָט געשפּילט זיין קליינע ראָל אין דער גרויסער מעלאָדראַמע פון יאָר 1871. דאָס וואָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן, בעת מען האָט אַ קוק געטון אויפן רויקן,

דיקן מאַן, מיטן שוואַרצן קאַפּל און ווייסער בלוזע, מיט די גרויע וואָנסן פון אַן אַלטן סאָלדאַט, מיט די שווימענדיקע בלאַס-בלויע, רויט געאָדערטע אויגן, וואָס אונטער זיי האָבן זיך געשאַפן זעקעלעך, און מיט די גלאַנצענדיקע פאַרשוויצטע באַקן; אָט דעם מאַן, וואָס האָט שטענדיק געשוויצט, מיטגעשלעפּט מיט זיך איין פוס, געליטן אויף אַ קורצן אָטעם און גערעדט מיט אַ שווערער צונג, ער האָט אָבער גאָרנישט פאַרלוירן פון זיינע אַמאָליקע אילוזיעס. אין משך פון די עטלעכע יאָר, ווען ער האָט אַלס עמיגראַנט פאַרבראַכט אין דער שווייץ, האָט ער זיך באַקענט מיט חברים פון פאַרשידענע נאַציעס, און קודם-כל מיט רוסן, וואָס האָבן אים אויפגעקלערט די שיינקייטן פון אַ ברידערלעכער אַנאַרכיע. אין דעם פּרט איז ער נישט געווען איינשטימיק מיט לאַ פעיעטן, וואָס איז געווען אַ פראַנצויז פון אַלטן שניט, אַן אָנהענגער פון פויסט און פון אַבסאָלוטיזם אין דער פריי־הייט. איבעריקנס האָבן זיי ביידע שטאַרק געגלויבט אין דער סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע און אין דער מלוכה פון דער צוקונפט. יעדער איינער פון זיי וואָלט געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער פאַר עפּעס אַ פירער, אין וועלכן ער האָט געזען יענעם אידעאַל, וואָס ער האָט אַליין געוואָלט ווערן. טרויע איז געווען אַן אָנהענגער פון זשו-סיען, און לאַ פעיעט פון קאַקאַרן. זיי האָבן זיך אָן אויפהער אַרומ-געריסן צוליב זייער מיינונגס-פאַרשידנהייט, איבערצייגט, אַז זייערע שותּפותדיקע געדאַנקען האָבן אַ פאַרזיכערטע צוקונפט: (זיי זענען גע־ווען גאַנץ זיכער אין זייער זאַך, און צווישן איין כּוסה און אַ צוויי־טער האָבן זיי שיר נישט געגלויבט, אַז זי איז שוין פאַרווירקלעכט.) דער שוסטער האָט געקאָנט מערער רעדן. ער האָט געגלויבט צוליב שכלדיקע סיבות. לפּחות אַזוי האָט ער זיך איינגערעדט; ווייל איין גאָט ווייס, אַז זיינע אַרגומענטן זענען געווען פון אַ מערקווירדיקן מין, און קיינער אויסער אים האָט זיי נישט געקאָנט באַגרייפן. נאָר אַזוי ווי ער האָט די שכל־אַרגומענטן פאַרשטאַנען ווייניקער, ווי זיין שוסטערשע מלאכה, האָט ער פאַרלאנגט, אַז אַלע אַנדערע זאָלן אַריין אין זיין קאָפּיטע. דער ווייניקער-קאַמפּסלוסטיקער און פּוילערער פּאַ־פּיר-הענדלער האָט זיך נישט מטריח געווען צו באַגרינדן זיין איבער־צייגונג. מען באַגרינדעט נאָר דאָס, אין וואָס מען צווייפלט. ער האָט אָבער לחלוטין נישט געצווייפלט. זיין שטענדיקער אָפּטימיזם האָט געזען די וועלט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. און ווען זי האָט זיך

געענדערט, האָט ער זי אין גאַנצן נישט געזען אָדער פאַרגעסן אָן
איר. צוליב זיין שטאַרקן ווילן אָדער אפשר צוליב מאַנגל אין עמ־
פינדלעכקייט האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין עגמת־נפש. די
סתירותדיקע דערפאַרונגען האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט איבער זיין הויט,
נישט לאָזנדיק נאָך זיך קיין שפּורן. — זיי זענען ביידע געווען אַל-
טע ראָמאַנטישע קינדער, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט קיין זין פאַר־
דער ווירקלעכקייט, און די רעוואָלוציע, וואָס בלויז איר נאָמען האָט
זיי פאַרשיכּורט, איז געווען פאַר זיי עפּעס אַ שיינע געשיכטע, וואָס
מען דערציילט זיך גאַנץ געמיטלעך און מען ווייס נישט גענוי, צי
זי וועט אַמאָל געשען אָדער צי זי איז שוין פאָרגעקומען. צוליב די
געירשנטע געוווינהייטן, וואָס האָבן זיך אין משך פון יאָרהונדערטער
געבויגן פאַרן מענטשן־זון, האָבן זיי ביידע געגלויבט אין דער גאָט־
מענטשהייט. נאַטירלעך זענען זיי ביידע געווען אַנטיקלעריקאַל.

ס'איז געווען פּשוט אַ שפּאַס, וואָס דער פיינער פּאַפּיר־הענ־
דלער האָט געוווינט מיט זיין העכסט־פרומער שוועסטערן־טאָכטער,
וואָס האָט געמאַכט מיט אים, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט. די קליינע
טונקל־ברונעטע, דיקלעכע פרוי מיט די לעבעדיקע אויגן האָט פאַר־
מאָגט אַ צונג, ווי אויף שרויפן, און אירע רייד זענען נאָך באַזונ־
דערס באַטאָנט געוואָרן צוליב איר מארסיילער דיאַלעקט. זי איז גע־
ווען אַן אלמנה נאָכן סעקרעטאַר פון האנדלס־מיניסטעריום. די דאָזי־
קע אויסגעשפּראָכן־בירגערלעכע פרוי איז געבליבן אַליין אָן אַ פאַר־
מעגן מיט אַ קליין מיידעלע. דער פעטער האָט זי אריינגענומען צו
זיך, און זי האָט געמיינט, אַז זי טוט דעם קרעמער, איר קרוב, אַ
גרויסע טובה, וואָס זי פאַרקויפט אין זיין געוועלב. זי האָט געטראָגט
אויף איר אָרט מיטן אויסדרוק פון אַן אַראָפּגעזעצטער קיניגן, וואָס
איז אָבער צום גליק געמילדערט געוואָרן לטובת דעם פעטערס גע־
שעפטן און לטובת דער קונדשאַפט אַ דאַנק איר פלוידעריי און בעדער־
פעניש צו רעדן. פרוי אַלעקסאַנדרינע איז געווען, ווי ס'האָט געפּאַסט
פאַר אַ פאַרשוין פון איר שטאַנד, אַ ראָיאַליסטין און קלעריקאַלין: זי
האָט זיך אָפן אַרומגעטראָגן מיט אירע געפילן און געמאַכט עס אויף
אַ טאַקטלאָזן אופן, פונקט ווי ס'וואָלט איר געטון אַ בייזווייליקע הנאה
מצער צו זיין דעם אלטן אומגלויביקן, ביי וועלכן זי האָט געבאַלע־
באַטעוועט. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר דער באַלעבאָסטע פון הויז און
האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געוויסן פון אַלע שכנים.

אויב זי האָט נישט געקאָנט פרום מאַכן דעם פעטער, — און זי האָט זיך געשווירן אים סוף־כל־סוף צו פאנגען, — האָט זי זיך געווילט דערמיט, וואָס זי האָט דעם טייוול דערשטיקט אין דער סאמע הייליקייט, אויף די ווענט זענען געהאנגען בילדער פון דער געטלעכער מוטער פון לורד און פון דעם הייליקן אנטאָניוס פון פּאַדואַ. דעם קאָמין האָט זי באפוצט מיט קליינע פארביקע רעליקוויעס אונטער גלאז, און אינם אלקער פון איר טאָכטער האָט זי אַריינגעשטעלט, ווען די צייט איז געקומען, אַ קליין קאפעל פון דעם חודש מאַריעס, מיט קליינע בל־יע לעכטלעך. עס איז נישט געווען גאנץ קלאָר, וואָס דאָ האָט איבערגעוויגן אין איר הייסער פרומקייט; די אויפריכטיקע צוגעבונדנקייט צום פעטער, וועלכן זי האָט געוואָלט אויפריכטן, אָדער דאָס פארגעניגן צו פארשאפן אים עגמת־נפש.

דער אָרנטלעכער מאַן, וואָס איז בטבע געווען אַביסל אַפּאַטיש און פאַרשלאָפן, האָט אַלץ דערלויבט. ער האָט נישט געהאַט קיין מוט נאָך מער אויפצורייצן זיין שרעקלעכע פלימעניצע, וואָס איז געווען אַזוי קריגעריש געשטימט. ס'איז געווען אוממעגלעך מלחמה צו האַלטן מיט אַזאַ שאַרפער צונג. בלויז איין איינציק מאָל איז ער בייז געוואָרן, ווען אַ קליינער הייליקער יאָזעף האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין צימער און האָט זיך אויפגעהאָנגען איבער זיין בעט. אָט דער ענין איז אַנטשיידן געוואָרן צו זיין גונסטן, ווייל ער האָט צוליב דער דאָזיקער געשיכטע שיר נישט באַקומען קיין האַרץ-שלאַג. זיין פלימעניצע האָט זיך פשוט דערשראָקן און דער עקספּערימענט האָט זיך מער נישט איבערגעחזרט. אָבער בכלל האָט ער נאָכגעגעבן און זיך געמאַכט נישט זעענדיק. ס'פלעגט אים ווערן אַביסעלע נישט גוט פון די דאָזיקע פרומע ריחות, נאָר ער האָט דערפון נישט געוואָלט טראַכטן. אין פלוג האָט ער באַוונדערט זיין שוועסטערן-טאָכטער און געפונען אַפילו אַ געוויסן רייץ אין דעם, וואָס זי באַהאַנדלט אים שלעכט. נאָר ווען עס איז געקומען צו צערטלען דאָס מיידעלע, די קליינע רענע אָדער רענעט, האָבן זיי ביידע געהאַט איין מיינונג.

דאָס מיידעלע איז אַלט געווען אַ יאָר צוועלף-דרייצן און האָט שטענדיק געקרענקט, זינט לאַנגע חדשים האָט זי די קאָקסאַלגע צוגעשמידט צום בעט, און זי האָט געמוזט ליגן אויסגעצויגן אויף איין זייט אין גיפס, ווי די קליינע דאַפנע אינם גאַרטל פון קאָרע. זי האָט געהאַט אַ פּאָר אויגן פון אַ פאַרוווּנדעטער הירשין און אַ בלייכע

הויט פון פנים, ווי ביי פלאַנצן, וואָס האָבן נישט קיין זון, אַ צו
גרויסן קאָפּ, וואָס די העל-בלאָנדע, זייער שיינע גלאַט-געקעמטע האָר
האָבן אים געמאַכט נאָך גרעסער, אָבער אַ באַוועגלעך, איידל פּנים,
אַן אויסדרוקפולע קליינע נאָז און אַ גוטן קינדערשן שמייכל. די אי-
בערגעטריבענע ⊂ומקייט פון איר מוטער איז ביים ליידנדיקן און
אומעטיקן קינד דערגאַנגען ביז עקזאַלטאַציע. זי האָט געקאָנט פאַר-
ברענגען גאַנצע שעהן, באַוויינענדיק דעם „ראָזן-קראַנץ", אַ קליינער
רויזן-קראַנץ פון קאָרעלן, וואָס דער פויפּסט האָט געהייליקט. פון צייט
צו צייט האָט זי איבערגעריסן די תפילה, כדי אים ליידנשאַפטלעך
צו קושן. די קליינע האָט אַ גאַנצן טאָג כמעט גאָרנישט געטון, האַנט-
אַרבעט איז איר געווען לאַנגווייליק, און פרוי אַלעקסאַנדרינע האָט זי
דערצו נישט צוגעוווינט. העכסטנס האָט זי געלייענט אַ פּאָר נאַרישע
זאַכן, אָפּגעשמאַקטע וווּנדער-מעשיות, וואָס זייער גוזמאדיקער באַנאַלער
סטיל האָט ביי איר אויסגעזען, ווי די פּאָעזיע אַליין, אָדער די באַ-
ריכטן וועגן פאַרברעכנס מיט די פאַרביקע אילוסטראַציעס אין די
וונטיק-צייטונגען, וואָס די נאַרישע מוטער האָט איר געגעבן. זי האָט
קוים געשטריקט אַ פּאָר מינוט, באַוועגנדיק בעת-מעשה מיט די ליפּן,
און האָט ווייניקער אַכט געלעגט אויף איר אַרבעט, ווי אויפן שמועס,
וואָס זי האָט געפירט מיט איינער פון אירע פאַרטרויטע הייליקע
אָדער מיט גאָט אַליין. ווייל מען דאַרף נישט גלויבן, אַז מען דאַרף
דווקא זיין אַ יונגפרוי פון אָרלעאַן, כדי צו קומען מיט אַזעלכע ווי-
זיטן; מיר האָבן זיי אַלע אויפגענומען. נאָר די הימלישע געסט, בעת
זיי זעצן זיך ביי אונזער פייער, לאָזן זיי אונז רעדן און אַליין שווייגן
זיי. רענעט האָט דערויף קיין אַכט נישט געלעגט און קיין פאַראיבל
נישט גענומען: ווער עס ענטפערט נישט, דער שטימט צו. אַגב, האָט
זי געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן, אַז זי האָט קוים געגעבן צייט צו ענ-
טפערן. זי האָט בעסער געוואָלט אַליין ענטפערן אָנשטאָט זיי. זי איז
געווען אַ שווייגנדיקע פלוידערין. פון איר מוטער האָט זי געירשנט
די באַרעדעוודיקייט, אָבער דער דאָזיקער שטראָם האָט זיך געגאָסן
אין איר אינערלעך, ווי אַ טייכל, וואָס פאַרשווינדט אונטער דער
ערד. — נאַטירלעך האָט זי זיך אויך באַטייליקט אין דער פאַרשווע-
רונג קעגן דעם פעטער, כדי אים פרום צו מאַכן. זי האָט זיך גע-
פרייט פאַר יעדעס מאָל, ווען אין שטוב האָבן די ליכטיקע גייסטער
מנצח געווען איבער די פינסטערע גייסטער און זיי אָפּגעשטויסן כאָטש

אויף איין צאָל. און נישט איינמאָל האָט זיך איר איינגעגעבן אַריינ־צונייען דעם אַלטן אַן אַמולעט אין דעם אונטערשלאַג פון אנצוג אָדער אַריינצוואַרפן אין איינער פון זיינע קעשענעס אַ קערנדל פון דעם רויזן־קראַנץ, וואָס דער פעטער, כּדי איר נאָכצוגעבן, האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק. — די דאָזיקע הערשאַפט פון די צוויי פרומע פרויען איבערן אַנטיקלעריקאַל האָט אַרויסגערופן ביים שוסטער אי אויפרעגונג, אי פרייד. ער האָט נישט אויפגעהערט זיך צו חכמענען אויף דעם חשבון פון די ווייבער, וואָס זענען געגאַנגען אין די הויזן, און האָט גענומען אויפן צימבל זיין פריינט, וואָס איז געווען אונטערן פּאַנטאָפל. אייגנטלעך, האָט ער נישט געהאַט קיין שום סיבה צו שפּילן דעם בייזוויליקן רשע, ווייל ער אַליין האָט צוואַנציק יאָר געליטן אונטערן יאָך פון זיין קאַמפּלוסטיקער פרוי, וואָס האָט אים באַהאַנדלט, ווי אַן אַלטן שיכּור, און געפירט אים פאַרן נאָז. ער האָט עס אָבער קיינמאָל נישט דערמאָנט. דער פּאַפּיר־הענדלער האָט זיך אַ פאַרשעמ־טער שוואַך פאַרטיידיקט און געפּרוווט פריידיקן טאָלעראַנץ, לויט קראַפּאָטקין.

רענעט און עמאַנועל זענען געווען באַפריינדעט. פון זייער פריעסטער קינדהייט אָן האָבן זיי זיך טאָג־טעגלעך געזען. דעם אמת זאָגנדיק, האָט עמאַנועל נאָר זעלטן זיך דערוועגט אַריינצוגיין צו איר אין שטוב. פרוי אַלעקסאַנדרינע האָט געקוקט אויף אים פרום, ווי אויף אַן איינִיקל פון אַן אומגלויביקן און ווי אויף אַ שמוציקן קליי־נעם שוסטערל. אָבער רענעט האָט פאַרבראַכט אירע טעג אויפן בעט, ביים פענסטער פון פּאַרטער. עמאַנועל פלעגט פאַרבייגייענדיק אָנקלאַפּן אין פענסטער, צוגעדריקט די נאָז צו דער שויב און געזאָגט גוט־מאָרגן. זומער, ווען דאָס פענסטער איז געווען אָפן, פלעגט ער בלייבן שטיין, אָנגעשפּאַרט די אָרעמס וואָס־מעגלעך העכער אויף דער פענ־סטער־ראַם (ווייל ער האָט זיך איינגערעדט, אַז די פּאָזיציע איז פאַר אים באַקוועמער און אַז די אויפגעהויבענע אָרעמס פאַרשטעלן אַביסל זיין קערפּערלעכע מיאוסקייט), און אָט אַזוי האָבן זיי צוזאַמען גע־פּלוידערט. רענעט, וואָס איז נישט קאַליע געוואָרן צוליב צופיל ווי־זיטן, האָט נישט געלעגט קיין אַכט, וואָס עמאַנועל איז אַ קאַליקע. עמאַנועל ווידער, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר מיידלעך און געפילט צו זיי אַן עקל, האָט געמאַכט אַן אויסנאַם פאַר רענעט. די קליינע קראַנקע, וואָס איז האַלב געלעגן אין גיפּס, האָט געפילט צו אים

עפעס אַן אומבאַגרייפלעך, ווייט, כמעט אומרעאַל געפיל. נאָר יענעם אָוונט, ווען די שיינע בערטע האָט אים אַ קוש געטון אין מויל, און אויך אין די שפעטערדיקע טעג, האָט ער אויסגעמיטן רענעט מיט אינסטינקטיוון עקל. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפגעלאָזטן קאָפ, נישט געבליבן שטיין פאַר איר הויז און זיך אַרומגעשלעפט צעשראָקן און אומצוטרוילעך, ווי אַ ווילדער הונט, ערגעץ נישט ווייט. דערנאָך איז ער געקומען צוריק. זי איז געווען אַזוי ווייניק ווייבלעך! ווען ער איז אַרויסגעקומען פונם וואַרשטאַט און געמאַכט זיך וואָס־קלענער, ווייל ער האָט געמוזט אַדורכגיין צווישן די איינבינדערינס, וואָס זענען געשטאַנען אין זייערע לאַנגע אַרבעטס־קיטלען, ווי אין נאַכט־העמדער, ווען די גרויסע ליאַרמדיקע און לאַכנדיקע מיידלעך האָבן מיט זייערע גיריקע אויגן אויסגעטון יעדן דורכגייער, — ווי שנעל האָט ער דעמאָלט געאיילט צו רענעטס פענסטער. ער איז געווען דאַנקבאַר זיין פריינדין, וואָס זי איז קראַנק: ער האָט געקאָנט לגבי איר אָננעמען די פאָזע פון אַ העכערן אָדער אפילו פון אַ בעל־טובה. ער האָט זיך געמאַכט וויכטיק, דערציילט וועגן די געשעענישן פון גאַס און געשטעלט זיך בשעת־מעשה אין אַ גוטן ליכט. טיילמאָל, ווען ער איז געווען אין אַ העפלעכער שטימונג, האָט ער געבראַכט רענעטן ווינטער־צייט געבראָטענע קאַשטאַנעס און אין זומער אַ בינטל קאַרשן. זי האָט אים געגעבן דערפאַר אירע פאַרביקע צוקערלעך, וואָס האָבן אָנגעפולט צוויי גלעזער אין דעם שוי־פענסטער, און דערנאָך האָבן זיי צוזאַמען באַטראַכט אילוסטרירטע קאַרטלעך. דאָס זענען געווען גליקלעכע מאָמענטן, זיי האָבן ביידע פאַרגעסן דעם טרויעריקן קערפער, וואָס האָט געפענטעט זייערע קינדערשע נשמות.

אָבער עס האָט אויך געטראָפן, אַז זיי האָבן, פונקט ווי די גרויסע, גענומען רעדן וועגן פאָליטיק און רעליגיע. דעמאָלט זענען זיי געוואָרן פונקט אַזוי נאַריש, ווי די גרויסע. די קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. זי האָט גערעדט וועגן נסים, וווּנדער, וועגן פרומע, הייליקע בילדער און תעניתים. ער האָט געטענהט, אַז דאָס זענען נאַרישקייטן און אויסגעטראַכטע זאַכן, וואָס ער האָט געהערט פון זיין ייִדן. אָבער ווען ער האָט איר גענומען דערציילן וועגן די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, וווּ דער אַלטער פלעגט אים מיטנעמען, און וועגן די רעדעס, וואָס ער האָט געהערט, האָט זי אים מיט פאַראַכטונג איבערגעשלאָגן די רייד און געזאָגט, אַז די

אַלע מענטשן זענען שיכּורים. דער שמועס איז געוואָרן פאַרשאַרפט, און ס'איז דערגאַנגען צו אַ מיינונגס־אויסטויש וועגן זייערע משפּחות. דאָס, וואָס ער האָט געהערט וועגן איר מוטער און זי וועגן זיין זיידן, אַלע רכילותן האָבן זיי זיך איצט געזאָגט גלייך אין די אויגן אַריין, דערנאָך האָבן זיי גערעדט וועגן זיך אַליין. זיי האָבן געזוכט איינער אויפן צווייטן נישט אָנגענעמע ווערטער, און דאָס איז זיי אָנגעקומען גאַנץ לייכט. ער האָט גערעדט ברוטאַל, און זי האָט צו־געקליבן די בייזוויליקסטע ווערטער. דעמאָלט פלעגט ער אַוועקגיין, און ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער דערציילט, אַז ער האָט פאַרבראַכט מיט אַנדערע מיידלעך, אַז זיי האָבן צוזאַמען זייער פיל געלאַכט און אַז זיי וועלן זיך דעם נאָענטסטן זונטיק נאָכאַמאָל טרעפן. זי האָט גאָרנישט געזאָגט און געמאַכט זיך, ווי זיינע ווערטער וואָלטן זי לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען, אָבער פלוצלינג פלעגט זי ווערן בייז, אַ וואָרף געטון אים אַ שפּיזל אין קאָפּ, געשריגן, ער זאָל זיך אָפּ־טראָגן און אַז זי קאָן אים נישט אָנקוקן, — און זי האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט. ער איז אַוועקגעגאַנגען אָן שום שטאָלץ צוליב זיין נצחון. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט אויסצוציען די מאָ־גערע הענטלעך און צו זאָגן איר, אַז דאָס איז נישט אמת. אָבער דער שטאָלץ האָט אים נישט געלאָזט זיך אומקערן.

איינמאָל האָט רענעט אָן אים נקמה גענומען. ער איז געווען אין דער געזעלשאַפט פון זיינע חברים אין וואַרשטאַט. זיי האָבן אים נישט געקאָנט פאַרטראָגן, מחמת ער האָט זיך געהאַלטן פון דערווייטן און געשוויגן, אָדער ער האָט גערעדט צו גוט אויף אַ פּרעטענציעזן אופן, ווי אַ בוך אָדער אַ צייטונגס־אַרטיקל (ער איז געווען דערמיט אָנגעשטאָפּט). יענעם טאָג האָבן זיי גערעדט וועגן דער רעוואָלוציע און וועגן דער צוקונפט. ער איז אַריינגעפאַלן אין באַגייסטערונג און איז געוואָרן לעכערלעך, איינער פון די חברים האָט צו אים ברוטאַל אויסגעשריגן:

— קודם־כּל ביסטו דאָרטן איבעריק, דו ביסט צו מיאוס. אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט וועלן נישט זיין קיין הויקערס. מען וועט זיי דערטרינקען באַלד ביים געבוירן ווערן.

דאָס האָט אים אַראָפּגעשליידערט פון זיין הויכער באַרעדעוודי־קייט. ער איז אַ פאַרשעמטער אַנטשוויגן געוואָרן, די אַנדערע האָבן זיך געקייקלט פון געלעכטער, דעם גאַנצן נאָכמיטאָג האָט ער נישט

אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט. אין אָוונט האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים. ער האָט זיך געאײַלט צו קומען אין שטוב, כּדי זיך צו באַהאַלטן אין אַ ווינקל און צו בלײַבן אַליין מיט זײַן ווייטיק. אויפן וועג האָט אים באַגעגנט אָליוויער. ער האָט באַמערקט זײַן אויסגעלאָשן פּנים און פאַרשטאַנען, אַז ער לײַדט.

— דו לײַדסט עפּעס. וואָס איז געשען?

עמאַנועל האָט נישט געוואָלט רעדן. אָליוויער איז מיט האַרציקייט צוגעשטאַנען. דער קליינער האָט זיך אײַנגעעקשנט אין זײַן שווײַגן, אָבער זײַן קין האָט געציטערט, ווי ער וואָלט געהאַלטן בײַם וויינען. אָליוויער האָט אים גענומען בײַ דער האַנט און אַוועקגעפירט אים צו זיך אין שטוב. הגם ער האָט געפילט צו דער מיאוסקייט און קראַנקהייט דעם זעלבן אינסטינקטיוון און גרויזאַמען עקל, ווי אַלע, וואָס זענען נישט געקומען אויף דער וועלט מיט דער נשמה פון אַ באַרמהאַרציקער שוועסטער, האָט ער עס דאָך לחלוטין נישט אַרויסגעוויזן.

— מען האָט דיך באַליידיקט?

— יאָ.

— וואָס האָט מען דיר געטון?

דער קליינער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז מיאוס און דערציילט, וואָס די חברים האָבן געזאָגט: אַז די רעוואָלוציע איז נישט פאַר אים.

— אָבער פאַר זיי איז זי אויך נישט, מײַן טײַערער, און נישט פאַר אונז. די רעוואָלוציע ווערט נישט אין איין טאָג. מען אַרבעט פאַר די, וואָס וועלן קומען נאָך אונז.

דער קליינער איז געווען אַנטוישט, וואָס עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ ווייטער צײַט.

— איז עס נישט קיין פרייד פאַר דיר צו טראַכטן, אַז דו אַרבעטסט פאַרן גליק פון טויזנטער ייִנגלעך, ווי דו, פאַר טויזנטער מענטשן?

עמאַנועל האָט אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— און פונדעסטוועגן וואָלט גוט געווען אַליין אויך צו געניסן אַ ביסל גליק.

— מײַן ייִנגל, מען טאָר נישט זײַן אומדאַנקבאַר. דו לעבסט אין דער שענסטער שטאָט, אין אַ צײַט, וואָס איז אומגעוויינלעך רײַך אין

וואונדער. דו ביסט נישט נאַריש און האָסט גוטע אויגן. גיב אַ טראַכט, וויפיל זאַכן זענען דאָ אַרום אונז צו זען און ליב צו קריגן.

ער האָט אָנגעוויזן אויף עטלעכע זאַכן.

דאָס קינד האָט זיך צוגעהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— יאָ. אָבער ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז מען מוז שטענדיק בלייבן שטעקן אין דער דאָזיקער הויט.

— ניין, דו וועסט אַמאָל אַרויסקומען.

— נו, דעמאָלט וועט שוין זיין דער סוף.

— וואָס קאָנסטו וויסן וועגן דעם?

דער קליינער איז געווען איבעראַשט. דער מאַטעריאַליזם האָט געהערט צו זיין זיידנס אַני-מאמין. ער האָט געמיינט, אַז נאָר די גלחים גלויבן אין אַן אייביק לעבן. ער האָט געוווּסט, אַז זיין פריינט געהערט נישט צו זיי. און ער האָט געפרעגט ביי זיך, צי האָט אָלי-וויער גערעדט ערנסט. אָבער אָליוויער האָט אָנגענומען זיין האַנט און לאַנג צו אים גערעדט: וועגן זיין אידעאַליסטישן גלויבן, וועגן דער איינהייט פון גרענעצלאָזן גלויבן, וואָס האָט נישט נישט קיין אָנהויב און נישט קיין סוף און וואָס זיינע מיליאַרדן בּרואים און מיליאַרדן רגעס זענען נישט מער, ווי די שטראַלן פון דער איינאיינציקער זון. ער האָט עס אים נישט געזאָגט אין אַזאַ אַבסטראַקטער פאָרם. אינ-סטינקטיוו האָט ער זיך צוגעפּאַסט מיט זיינע ווערטער צום קינדס געדאַנקען-וועלט; די אַלטע לעגענדן, די מאַטעריעלע פאָרשטעלונגען פון די אַלטע באַשאַפונגס-געשיכטעס זענען אים ווידער געקומען אויפן זינען. האַלב-לאַכנדיק און האַלב-ערנסט האָט ער גערעדט וועגן די גלגולים פון די נשמות און וועגן די אומציילּיקע פאָרמען, דורך וועל-כע די נשמה שטראָמט און רייניקט זיך, פונקט ווי אַ קוואַל, וואָס פליסט אַריבער פון בעקן צו בעקן. ער האָט אַריינגעפלאָכטן אין זיי-נע דערציילונגען אַלטע קריסטלעכע לעגענדן און דאָס בילד פון דעם זומערדיקן אָוונט, וואָס האָט זיי ביידן אַרומגערינגלט. ער איז געזעסן ביים אָפענעם פענסטער. דער קליינער איז געשטאַנען נעבן אים און געהאַלטן זיין האַנט אין אָליוויערס. עס איז געווען שבת אין אָוונט. די גלאָקן האָבן געקלונגען. די ערשטע שוואַלבן, וואָס זענען נישט לאַנג צוריקגעקומען האָבן לייכט אָנגערירט די מויערן פון די הייזער. דער ווייטער הימל האָט געלייכט איבער דער שטאָט, וואָס האָט זיך

אָגגעהויבן איינצוהילן אין חושך. דאָס קינד האָט זיך מיט אַן איינ־געהאַלטענעם אָטעם צוגעהערט צו דער מעשה, וואָס זיין גרויסער פריינט האָט אים דערציילט. און אָליוויער, וואָס די אויפמערקזאַמ־קייט פון זיין קליינעם צוהערער האָט אים צעברענט, האָט זיך אַלץ שטאַרקער געלאָזט מיטרייסן פון זיינע אייגענע געשיכטעס.

עס זענען פאַראַן אין לעבן אַנטשיידנדיקע שווערע מאָמענטן, ווען עס לייכט־אויף דאָס אייביקע ליכט אין דער טונקעלער נשמה, פּונקט ווי די עלעקטרישע ליכטער פון דער גרויסער שטאָט צינדן זיך פּלוצלינג אָן אין דער נאַכט. עס איז גענוג איין פונק, וואָס שפּריצט אַרויס פון אַ נשמה, כדי זי זאָל איבערוואַרפן דער צווייטער וואַרטנדיקער נשמה דאָס פּראָמעטעישע פייער. אין יענעם פרילינג־אָוונט האָט דאָס רויקע וואָרט אָליוויערס אָנגעצונדן אַן אומאויסלעש־באַר ליכט אין דעם גייסט, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין דעם פאָרמ־לאָזן קערפּער, פּונקט ווי אַן איינגעהויקערטע לאַמטערנע. אָליוויערס שכלדיקע אַרגומענטן האָט ער לחלוטין נישט פאַרשטאַנען, ער האָט זיי קוים געהערט. אָבער די לעגענדן, די בילדער, וואָס זענען גע־ווען פאַר אָליוויערן שיינע מעשיות, אַ מין משלים, זענען געוואָרן פאַר אים פליש און בלוט, זיי זענען געוואָרןווירקלעכקייט. די מעשה איז באַלעבט געוואָרן און האָט זיי אַרומגעוועבט. און אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט זען פון זיין פענסטער: די מענטשן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען אויפן גאַס, אָרעמע און רייכע, די שוואַלבן, וואָס האָבן לייכט באַרירט די מויערן, די פאַרמאַטערטע פערד, וואָס האָבן געשלעפּט זייער משא, און די שטיינער פון די הייזער, וואָס האָבן איינגעזויגן די בין השמשותדיקע טונקלקייט, און דער אויסגע־בלייכטער הימל, ווו דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען, — אָט די גאַנצע אויסערלעכע וועלט האָט ער פּלוצלינג אויפגענומען אין זיך, ווי אַ קוש. דאָס איז געווען ווי אַ בליץ. דערנאָך איז אַלץ פאַרלאָשן גע־וואָרן. ער האָט געטראַכט וועגן רענעט און געזאָגט:

— אָבער ווער עס גייט צו דער מעסע, ווער עס גלויבט אין גאָט, דער איז דאָך אַ נאַר?

אָליוויער האָט אַ שמייכל געטון:

— זיי גלויבן, ווי מיר, — האָט ער געזאָגט, — מיר גלויבן אַלע אין דער זעלבער זאַך, נאָר זיי גלויבן וויינקער, ווי מיר. דאָס זע־נען די מענטשן, וואָס כדי צו זען דאָס ליכט, מוזן זיי פאַרמאַכן די

לאָדנס פון די פענסטער און אָנצינדן דעם לאָמפּ. זיי פאַרקערפּערן גאָט אין אַ מענטשלעכער געשטאַלט. מיר האָבן בעסערע אויגן, אָבער שטענדיק האָבן מיר ליב דאָס זעלבע ליכט.

דער קליינער האָט זיך אומגעקערט אַהיים דורך די טונקעלע גאַסן, ווו דער גאַז איז נאָך נישט געווען אָנגעצונדן, אָליוויערס ווערטער האָבן אים געזשומעט אין קאָפּ. ער האָט זיך געטראַכט, אַז ס׳איז פּונקט אַזוי אכזריותדיק אָפּצולאַכן פון מענטשן, וואָס האָבן שלעכטע אויגן, ווי פון די, וואָס זענען קאַליקעס. און ער האָט געטראַכט וועגן רענעט, וואָס האָט דאָך געהאַט שיינע אויגן. און ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז ער האָט זי דערפירט ביז טרערן. דאָס איז געווען פאַר אים אומדערטרעגלעך. ער האָט זיך אומגעקערט און זיך געלאָזט גיין צום הויז פונם פּאַפּיר־הענדלער. דאָס פענסטער איז נאָך געווען האַלב־אָפן. פאָרזיכטיק האָט ער אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און האָט שטיל אַ רוף געטון:

— רענעט.

זי האָט נישט געענטפערט.

— רענעט, זיי מיר מוחל.

רענעטס שטים האָט געענטפערט אין שאָטן:

— ביסט אַ שלעכטער. כ׳האָב דיך פיינט.

— זיי מוחל. — האָט ער איבערגעחזרט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט ער פלוצלינג אַ זאָג געטון נאָך שטילער, צעטומלט און פאַרלעגן:

— רענעט, דו ווייסט, אַז איך גלויב אין די גוטע געטער פּונקט ווי דו?

— באמת?

— באמת.

ער האָט עס געזאָגט, ווייל ער האָט געוואָלט זיין גרויסמוטיק. אָבער קוים האָט ער עס געזאָגט, האָט ער אַליין גענומען אין דעם גלויבן.

אַ לאַנגע צייט זענען זיי געבליבן שטיל. זיי האָבן איינער דעם צווייטן נישט געזען. ווי שיין עס איז אויף דרויסן געווען די נאַכט!

דער קליינער קאַליקע האָט געמורמלט:

— ווי שיין עס וועט זיין נאָכן טויט.

מען האָט געקאָנט הערן רענעטס לייכטן אָטעם.

ער האָט געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט, קליינער פּראש.

רענעט האָט מיט אַ געריזטער שטים געענטפערט:

— אַ גוטע נאַכט.

ער איז אַוועק מיט אַ לייכטערן געמיט, ער איז געווען צו־פרידן, וואָס רענעט האָט אים מוחל געווען, און טיף אין האַרצן איז דעם קליינעם ליידנדיקן ייִנגל געווען אפשר גאַנץ אָנגענעם, וואָס אַן אַנדער מענטש האָט צוליב אים געליטן.

אָליוויער האָט זיך באַלד איינגאַנצן צוריקגעצויגן און נאָך אים קריסטאָף. ס׳איז באמת פאַר זיי נישט געווען קיין אָרט אין דער סינ־דיקאַליסטישער באַוועגונג. אָליוויער האָט זיך נישט געקאָנט צוזאַמען מיט די דאָזיקע מענטשן שטעלן אין דינסט פון אַ פּאַרטיי. קריסטאָף האָט עס נישט געוואָלט. אָליוויער האָט זיך צוריקגעצויגן אין נאָמען פון די שוואַכע און אונטערדריקטע, קריסטאָף אין נאָמען פון די שטאַרקע און אומאָפּהענגיקע. אָבער הגם זיי האָבן זיך דערווייטערט פון צוויי באַזונדערע זייטן, זענען זיי פונדעסטוועגן געווען אויף איי־נער און דער זעלביקער שיף, וואָס האָט געטראָגן די אַרבעטער־אַרמיי און די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט. קריסטאָף האָט פריי און מיט אַ זי־כערקייט, מיט אַן אַרויספאָדערנדיקן אינטערעס, באַטראַכט די פּאַריי־ניקונג פון די פּראָלעטאַריער. ער האָט געמוזט אַמאָל אַרונטערטויכן אינעם ים פון פאָלק: דאָס האָט אים אָפּגעפרישט. ער האָט אויפגע־האַלטן זיינע באַציונגען מיט קאָקאַרן און איז פון צייט צו צייט גע־קומען אויף מיטאָג צו אוירעליען. איז ער נאָר דאָרט אַריין, האָט ער שוין איבער זיך נישט געהערשט. ער האָט זיך איבערגעגעבן זיינע פאַנטאַסטישע שטימונגען. דער פּאַראַדאָקס האָט אים נישט געשראָקן. און ער האָט געהאַט אַ בייזוויליקן פאַרגעניגן צו טרייבן די פראַגן־שטעלער צו די ווייטסטע קאָנסעקווענצן פון זייערע אומזיניקע, משוגענע פּרינציפּן. מען האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, צי ער רעדט ערנסט אָדער נישט; ווייל אינמיטן רעדן פלעגט ער באַגייסטערט ווערן און לסוף פאַרלירן פון אויג זיינע פריערדיקע פּאַראַדאָקסאַלע

כוונות. דער קינסטלער אין אים האָט זיך געלאָזט באַרוישן פון דער שיכּרות פון אַנדערע. אין אַזאַ מאָמענט פון עסטעטישער אויפרעגונג איז געשען, אַז ער האָט איינמאָל אין הינטער-צימער פון אוירעליעס רעסטאָראַן אימפּראָוויזירט אַ רעוואָלוציאָנער ליד, וואָס איז באַלד גע-וואָרן איבערגעזונגען און איבערגעחזרט, און באַלד אויף צומאָרגנס פאַרשפּרייט צווישן די אַרבעטער-גרופּן. דערמיט האָט ער זיך אַוועק-געשטעלט אין אַ שלעכטער לאַגע. די פּאָליציי האָט אים אָבסערווירט. מאַנעס, וואָס האָט געהאַט די פאַרצווייגסטע באַציונגען, האָט באַקומען אַן התראה דורך איינעם פון זיינע פריינט, קסאַוויער בערנאַר, אַ יונגן פּאָליציי-באַאַמטן, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט ליטעראַטור און גע-טענהט, אַז ער איז באַגייסטערט פון קריסטאָפס מוזיק. (ווייל דער די-לענטאַנטיזם און דער אַנאַרכיסטישער גייסט האָט זיך אויך אַריינגע-שלייכט צווישן די וואַכנדיקע הינט פון דער דריטער רעפּובליק).

— אייער קריסטאָף טרייבט אַ בייז שפּיל. — האָט בערנאַר געזאָגט — ער שפּילט דעם שמשון הגבור. מיר ווייסן, וואָס צו טראַכטן וועגן דעם. אָבער אין די העכערע ספערן וואָלט מען נישט בייז גע-ווען, ווען מען קאָן כאַפּן אין דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן מישמאַש אַ פרעמדן, דערצו נאָך אַ דייטש. דאָס איז אַ קלאַסישער מיטל צו דיס-קרעדיטירן די פּאַרטיי און צו וואַרפן אויף איר אַ חשד. אויב דער דאָזיקער חברה-מאַן וועט זיך נישט אַרומקוקן, וועלן מיר אים מוזן אַרעסטירן. דאָס וואָלט געווען נישט אָנגענעם. וואָרנט אים.

מאַנעס האָט געוואָרנט קריסטאָפן. אָליוויער האָט אים באַשווירן, ער זאָל זיין פאָרזיכטיק. קריסטאָף האָט נישט גענומען ערנסט זיי-ערע עצות.

— נו, מילא, — האָט ער געזאָגט, — מען ווייסט, אַז איך בין נישט געפערלעך. איך האָב דאָך דאָס רעכט זיך אַביסל צו אַמוזירן. איך האָב ליב די דאָזיקע מענטשן, זיי אַרבעטן, ווי איך, און פּונקט ווי איך, האָבן זיי אַן איבערצייגונג. אָפן גערעדט: מיר האָבן אַפילו נישט די זעלבע איבערצייגונג און מיר געהערן נישט צו דער זעל-בער פּאַרטיי... אויסגעצייכנט! וועלן מיר זיך אַלזאָ שלאָגן, דאָס גע-פעלט מיר. וואָס ווילסטו? איך קאָן נישט, אַזוי ווי דו, פאַרקריכן אין מיין נאָרע. איך מוז קאָנען אָטעמען. איך שטיק זיך צווישן די בורזשויען.

אָליוויער, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט אַזעלכע ברייטע לונגען,

האָט זיך געפֿילט זייער גוט אין זיין ענג שטיבל און אין דער רוי־קער געזעלשאַפֿט פֿון זיינע צוויי פֿריינדינס, הגם איינע פֿון זיי, מאַ־דאַם אַרנאָ, האָט זיך איבערגעגעבן דער ווילטעטיקער אַרבעט, און די אַנדערע, סעסיל, איז אַזוי פֿאַרנומען געווען מיט דער דערציונג פֿון קינד, אַז זי האָט גערעדט נאָר וועגן קינדער, אָדער דירעקט נאָר מיט קינדער, אין אַ פּישטשענדיקן קינדערשן טאָן, וואָס האָט זיך באַ־מיט נאָכצומאַכן אַ פֿויגעלע און אויפֿצוהויבן זיין אומפֿאָלקאָמען ליד צו אַ מענטשלעכער שפּראַך.

פֿון דער צייט, ווען ער איז געקומען אין באַרירונג מיט די אַרבעטער־קרייזן, זענען אים פֿאַרבליבן צוויי באַקאַנטשאַפֿטן, צוויי אומאָפּהענגיקע מענטשן ווי ער. איינער, גערען, איז געווען אַ טאַפּעצי־רער. ער האָט געאַרבעט לויט זיין פֿאַנטאַזיע, ווי עס איז אים געקו־מען אין קאָפּ אַריין, אָבער זייער געשיקט. ער האָט ליב געהאַט זיין מלאכה. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ נאַטירלעכן געשמאַק פֿאַר קונסט ווערק, וועלכן ער האָט אַנטוויקלט דורך אָבסערוואַציע, אַרבעט און אָפּטע באַזוכן אין די מוזעען. אָליווער האָט אים געגעבן צו פֿאַרריכטן עפּעס אַן אַלט מעבל־שטיק, די אַרבעט איז געווען שווער אָבער דער האַנדווערקער האָט עס געמאַכט זייער געשיקט. ער האָט פֿאַרווענדעט דערויף אַסאַך מי און צייט און האָט פֿאַרלאַנגט פֿון אָליווערן נאָר אַ באַשיידענעם לוין; אַזוי גליקלעך איז ער געווען, וואָס די אַרבעט האָט זיך אים איינגעגעבן. אָליווער האָט זיך מיט אים פֿאַראינטערע־סירט, אויסגעפֿרעגט אים וועגן זיין לעבן און געוואָלט פֿון אים אַרויס־קריגן, וואָס ער טראַכט וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג. גערען האָט בכלל וועגן דעם נישט געטראַכט, עס איז אים נישט אָנגעגאַנגען. אין פֿלוג, האָט ער צו קיין שום פּאַרטיי נישט געהערט. ער האָט ווייניק געלייענט. זיין גאַנצע אינטעלעקטועלע בילדונג איז פֿאַרגעקומען דורך די חושים, דורכן אויג, דורכן האַנט, דורכן איינגעבוירענעם געשמאַק, וועלכן עס פֿאַרמאָגט דאָס אמתע פּאַריזער פֿאָלק. ער איז געווען אַ גליקלעכער מענטש. דער דאָזיקער טיפּ איז נישט זעלטן אין דעם קליינבירגערטום פֿון די פּאַריזער אַרבעטער, וואָס זענען איינע פֿון די אינטעליגענטסטע גרופּן פֿון דער נאַציע, ווייל זיי פֿאַרווירקלעכן אַ שיין גלייכגעוויכט צווישן אַרבעט און גייסטיקער טעטיקייט.

אָליווערס צווייטער באַקאַנטער איז געווען פֿון אַן אָריגינעלערן מין. דאָס איז געווען אַ ברוּוטרעגער מיטן נאָמען הירטלו. ער איז

געוועזן אַ שיינער, הויכער מאַן מיט אַן אָפֿענעם פֿריילעכן אויסדרוק אויפֿן פּנים, העלע אויגן, אַ בלאָנד בערדל און וואָנסן. איינמאָל, ווען ער האָט געבראַכט אַן עקספּרעס-בריוו, איז ער אַריין צו אָליוויערן אין צימער. בעת אָליוויער האָט אונטערגעשריבן, איז ער צוגעגאַנגען צו דער ביבליאָטעק און האָט באַשמעקט די ביכער.

— אַהאַ! — האָט ער געזאָגט — איר האָט די קלאַסיקער...

און ער האָט צוגעגעבן:

— איך זאַמל אַלטע היסטאָרישע כּתבֿים. אַלע וועגן בורגאָניע.

— איר זענט אַ בורגאָניער? — האָט אָליוויער געפֿרעגט.

„בורגאָניער פֿאַרביסענער,
מיט דער שווערד ביי דער זייט,
מיט אַ לאַנגער באָרד
שפּרינג, בורגאָניער!"

האָט געענטפֿערט דער בריוטרעגער לאַכנדיק.

— איך שטאַם פֿון דער געגנט פֿון אַוואַליאָן. איך האָב יחוס־בריוו פֿון מיין משפּחה, וואָס שטאַמט פֿון דעם אָנהויב דריצנטן יאָר-הונדערט...

אָליוויער איז געוואָרן נייגעריק און האָט געוואָלט דערגיין עפּעס מער. הירטלו האָט מער נישט געדאַרפֿט און ער האָט באַלד גענומען דערציילן. ער האָט באמת געהערט צו איינער פֿון די עלטסטע פֿאַמי־ליעס אין בורגאָניע. איינער פֿון זיינע עלטער זיידעס האָט זיך באַ־טייליקט אין דעם קרייץ-צוג פֿון פֿיליפּ אויגוסט. אַ צווייטער איז גע-וועזן מלוכה-סעקרעטאַר אין די צייטן פֿון הענריך דעם צווייטן. פֿון זיבעצענטן יאָרהונדערט אָן האָט זיך אָנגעהויבן זייער ירידה. אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציע איז די פֿאַראָרימטע און געפֿאַלענע משפּחה אַראָפּגעזונקען צו די ברייטע פֿאָלקסמאַסן. איצט, אַ דאַנק דער אָרנט-לעכער אַרבעט, קערפּערלעכער און גייסטיקער קראַפֿט און אַ דאַנק דער פֿאַמיליען-טריישאַפֿט פֿון דעם בריוטרעגער הירטלו, האָט די משפּחה ווידער גענומען אַרויסשווימען. זיין ליבסטער צייט-פֿאַרטרייב איז געווען צו זאַמלען היסטאָרישע און געניאַלאָגישע דאָקומענטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו זיין פֿאַמיליע אָדער צו זיין פֿאָטער-לאַנד. אין זיינע פֿרייע שעהן איז ער געגאַנגען אין די אַרכיוון און קאָפּירט אַלטע פּאַפּירן. ווען ער האָט עפּעס נישט פֿאַרשטאַנען, האָט ער געבעטן אַן אויפֿקלערונג ביים אַרכיוויסט אָדער ביי אַ באַאַמטן פֿון

דער סאָרבאָנע, וואָס האָבן געהערט צו זיין אַרבעטס־קרייז. זיין יחוס־דיקע אָפּשטאַמונג האָט אים נישט פאַרדרייט דעם קאָפּ. ער האָט גע־רעדט וועגן דעם מיט אַ געלעכטער, אָן יעדן סימן פון פאַרלעגנהייט און אַ טענה צום בייזן גורל. ער האָט פאַרמאָגט אַ זאָרגלאָזע געזונ־טע פריילעכקייט, וואָס איז געווען אַ מחיה אָנצוקוקן. און בעת אָלי־וויער האָט אים אָנגעקוקט, האָט ער געטראַכט וועגן דער געהיימ־נישפולער וואַנדערונג פון די געשלעכטער, וואָס שטראָמט לאַנגע יאָר־הונדערטער מיט קראַפט, דערנאָך פאַרשווונדט עס אויף לאַנגע דורות אין דער ערד, ביז עס שווימט אַרויס, נאָכדעם ווי עס האָט זיך אין דער טיפעניש אָנגעזאַמלט פרישע ענערגיע. און דאָס פאָלק האָט אים אויסגעזען, ווי אַ ריזיקער בעקן, ווו עס פאַרלירן זיך די שטראָמען פון דער פאַרגאַנגענהייט און עס שווימען אַרויס די שטראָמען פון דער צוקונפט, וואָס בלייבן די זעלבע, כאָטש זיי ענדערן זייער נאָמען.

גערען און הירטלו זענען אים געווען סימפּאַטיש, נאָר ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז זיי זענען נישט געווען פאַר אים קיין געזעלשאַפט. צווישן זיי און אָליוויערן זענען נישט מעגלעך געווען קיין סך טע־מעס צו שמועסן. דער קליינער עמאַנועל האָט אים שטאַרקער אינ־טערעסירט, ער איז איצט געקומען צו אים יעדן אָוונט. זינט דעם סודותפולן שמועס מיט אָליוויערן איז אין קינד פאָרגעקומען אַן אי־בערקערעניש. ער האָט זיך איצט מיט אמתער דורשט גענומען צום לייענען. איבעראַשט און צעטומלט איז ער געשטאַנען פאַר זיינע בי־כער. ער האָט איצט אויסגעזען ווייניקער אינטעליגענט ווי פריער. ער האָט קוים גערעדט. און אָליוויערן האָט זיך מיט צרות איינגע־געבן אַרויסצוקריגן פון אים אַ פּאָר ווערטער. אויף זיינע פראַגן האָט דאָס יינגל געענטפערט מיט נאַרישקייטן. אָליוויער איז אַראָפּ פון מוט. ער האָט זיך באַמיט עס נישט אַרויסצווייזן, נאָר ער האָט גע־גלויבט, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט און אַז דער קליינער איז באמת נאַריש. ער האָט נישט געזען די אומגעהויערע אַרבעט און די פּי־בערדיקע אַנטוויקלונג, וואָס עס אי׳ז פאָרגעקומען אין די טיפעני־שן פון דער דאָזיקער נשמה. אגב, איז ער געווען אַ שלעכטער פּעדאַגאָג און ער איז געווען גיכער פעיק צו וואַרפן אויף די פעלדער גוטע קערנער מיט אַ פולער האַנט, איידער צו רייניקן און צו אַקערן די ערד. קריסטאָפס געגנוואַרט האָט נאָך פאַרשטאַרקט זיין צעטומלטקייט. אָליוויער האָט געפילט אַ געוויסע פאַרלעגנהייט זיך צו ווייזן פאַר

קריסטאָפֿן מיט זיין קליינעם פּראָטעזשירטן. ער האָט זיך געשעמט מיט עמאַנועלס נאַרישקייטן, וואָס איז אין קריסטאָפֿס געגנוואַרט געווען פשוט שרעקלעך, דאָס קינד האָט זיך דעמאָלט פארשלאָסן אין אַ פאַרביסענעם שווייגן. ער האָט פיינט געהאַט קריסטאָפֿן, ווייל אָליוויער האָט אים ליב געהאַט. ער האָט נישט פאַרטראָגן, וואָס אַן אַנדערער פארנעמט אַן אָרט אין זיין לערערס האַרצן. נישט קריסטאָף און נישט אָליוויער האָבן קיין השגה נישט געהאַט וועגן דער פאַנאַטישער אייפערזוכט, וואָס האָט אויפגעפרעסן די נשמה פון דעם יינגל. און דאָך האָט קריסטאָף אויך אַמאָל דאָס זעלבע דורכגעמאַכט. נאָר ער האָט זיך שוין נישט דערקענט אין דעם דאָזיקן יינגל, וואָס איז געווען געגאָסן פון אַן אַנדער מעטאַל. אין דעם דאָזיקן געמיש פון אומגעזונטע געירשנטע אינסטינקטן האָט אַלץ, די ליבע, דער האַס און די דרימלענדיקע באַגאַבטקייט געקלונגען מיט אַן אַנדערן טאָן.

דער ערשטער מאַי האָט זיך אָנגערוקט. אַן אומרויקער געמורמל איז דורך איבער פאַריז. די מויל־העלדן פון א. א. פ. (אַלגעמיינע אַרבעטער־פאַרייניקונג) האָבן געטון אַלץ צו פאַרשפרייטן די אומרויקע קלאַנגען. זייערע צייטונגען האָבן אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דער גרויסער טאָג קומט אָן, זיי האָבן געשאַפן אַן אַרבעטער־מיליץ און אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויפן עמפינדלעכסטן אָרט פון די קליינבירגער, אויפן מאָגן... זיי האָבן געדראָט מיט אַן אַלגעמיינעם שטרייק. די איבערגעשראָקענע פאַריזער זענען אַנטלאָפן אין די דערפער אָדער זיי האָבן זיך באַזאָרגט מיט שפייז, פונקט ווי פאַר אַ באַלאַגערונג. קריסטאָף האָט געטראָפן קאַנעטן אין זיין אויטאָ, ווי ער האָט געפירט אַהיים צוויי פעק ווורשט און אַ זאַק קאַרטאָפל. ער איז געווען אויסער זיך. ער האָט שוין אינגאַנצן נישט געוווסט צו וועלכער פאַרטיי ער געהערט, ער איז געווען אַן אַלטער רעפובליקאַנער, דערנאָך אַ ראָיאַליסט, דערנאָך ווידער אַ רעוואָלוציאָנער. זיין קולט פאַרן כח פון פויסט איז געווען ענלעך צו אַ משוגענעם קאָמפאַס, וואָס זיין ווייזער איז געשפרונגען פון דרום צו צפון און פון צ־

צו דרום, עפנטלעך האָט ער צוגעשטימט צו די געשרייען פון זיינע פריינט, אָבער אין שטוב וואָלט ער זיך פאַרייניקט מיטן ערשטן בעסטן דיקטאַטאָר, אַבי צו פאַרטרייבן דעם רויטן געשפּענסט.

קריסטאָף האָט געלאַכט פון דער אַלגעמיינער פּחדנות. ער איז געווען איבערצייגט, אַז עס וועט גאָרנישט געשען. אָליוויער איז געווען ווייניקער זיכער אין דעם. זיין בירגערלעכע אָפּשטאַמונג האָט אויף שטענדיק איבערגעלאָזט אין אים עטוואָס פון דער אייביקער שוואַכער שרעק, וואָס דאָס בירגערטום פילט אין דער דערוואַרטונג פון דער רעוואָלוציע.

— אַך, וואָס! —האָט קריסטאָף געזאָגט — קענסט רויק שלאָפן, דיין רעוואָלוציע הויבט זיך נאָך מאָרגן נישט אָן. איר האָט אַלע מורא. איר שרעקט זיך פאַר אַ שאָס. אומעטום הערשט דער פּחד: אין בירגערטום, אין פאָלק, אין דער גאַנצער נאַציע, אין אַלע נאַציעס פון דעם מערב. עס פעלט זיי בלוט. זיי האָבן עסמורא צו פאַרגיסן. זינט פערציק יאָר געשעעט אַלץ נאָר דורך ווערטער און צייטונגס־אַרטיקלען. קוקט זיך צו צו אייערע באַרימטע ענינים, ווי הויך האָט איר זיך געריסן: „טויט! בלוט! נידער מיט זיי!” אָ, איר, גאַסקאָנער קאַדעטן! וואָס פאַראַ הויפן פון ווערטער און טינט! און וויפיל טראָפּנס בלוט?

— גלויב נישט אין דעם, — האָט אָליוויער געזאָגט — די דאָזיקע שרעק פאַר בלוט איז דער געהיימער אינסטינקט, וואָס זאָגט אָן, אַז כּיים ערשטן פאַרגאָסענעם בלוט וועט די חיה ווילד ווערן, און פון דעם קולטור־מענטשן וועט אַרויסקריכן די בעסטיע, גאָט ווייס, ווער ס׳וועט זי דעמאָלט קאָנען צוימען. יעדערער שרעקט זיך איידער די מלחמה ברעכט אויס. אָבער קוים וועט זי אויסברעכן וועט זי זיין גרויזאַם.

קריסטאָף האָט געהויבן מיט די אַקסלען און געזאָגט, אַז נישט אומזיסט האָט די עפּאָכע אויסגעקליבן פאַר אירע העלדן דעם באַרימטן ציראַנאָ און דעם פלוידערזאַק שאַנטעקלער, די דאָזיקע העלדן פון פאַלשקייט.

אָליוויער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט געוווּסט, אַז אין פראַנקרייך איז דער בלאָף דער אָנהויב פון יעדער זאַך, פונדעסט־וועגן האָט ער צוזאַמען מיט קריסטאָפן נישט געגלויבט אין דער נאָענטקייט פון אן איבערקערעניש. מען האָט צו שטאַרק אָנגעזאָגט די

דאָזיקע בשורה און די רעגירונג איז געשטאַנען אויף דער וואַך. מען האָט געקאָנט ריכטיק גלויבן, אַז די סינדיקאַליסטן וועלן אָפּוואַרטן מיטן קאַמף ביז אַ גינסטיקערן מאָמענט.

אין דער צווייטער העלפט פון אַפּריל האָט אָליוויער באַקומען אַ גריפּע: דאָס פלעגט זיך איבערחזרן יעדן ווינטער אומגעפער אין דער זעלבער צייט און מיטגעבראַכט מיט זיך דעם אַלטן בראָנכיט. קריסטאָף האָט געוווינט ביי אים אַ צוויי אָדער דריי טעג. די קראַנקהייט איז געווען גאַנץ לייכט און איז שנעל אַריבער. נאָר ווי געוויינלעך האָט זי ביי אָליוויערן אַרויסגערופן אַ קערפּערלעכע און גייסטיקע מידקייט, וואָס האָט געדויערט אַ געוויסע צייט נאָכן פאַלן פון דער היץ. לאַנגע שעהן איז ער געלעגן אויסגעצויגן אין בעט און נישט געהאַט קיין חשק אויפצושטיין און נישט זיך אַ ריר צו טון. ער איז געלעגן און געקוקט אויף קריסטאָפן, וואָס איז געזעסן ביים טיש אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און געאַרבעט.

קריסטאָף איז געווען פאַרטיפט אין זיין אַרבעט. פון צייט צו צייט, ווען ער איז מיד געוואָרן פון שרייבן, איז ער פּלוצלינג אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צום פּיאַנינאָ. ער האָט אָבער נישט געשפּילט דאָס, וואָס ער האָט געשריבן, נאָר דאָס, וואָס עס איז אים געקומען אונטער די פינגער. דערביי איז פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקע דערשיינונג. בעת דאָס אָנגעשריבענע איז געווען אויפגעהאַלטן אין אַ סטיל, וואָס האָט דערמאָנט אָן זיינע אַלטע ווערק, איז דאָס, וואָס ער האָט איצט געשפּילט, געווען אינגאַנצן אַנדערש, ווי אַרויסגעזאָגט פון אַן אַנדער מענטשן. עס איז געקומען פון אַ וועלט מיט אַ שווערן רויען אָטעם. עפּעס אַ בלאָנדזעניש און אַ געוואַלטיקע צעברעקלטקייט פונם נאַטירלעכן שטראָם; עס האָט לחלוטין נישט פאַרמאָגט די שטאַרקע לאָגיק און די אָרדענונג, וואָס האָט געהערשט אין זיין איבעריקער מוזיק. עס האָט אויסגעזען, ווי די דאָזיקע אומבאַוווסטע אימפּראָוויזאַציעס, וואָס האָבן זיך, ווי אַ געשריי פון אַ חיה, אַרויסגעריסן מער פונם בלוט, ווי פון גייסט, וואָלטן פאַראַטן אַ מאַנגל אין גייסטיקן גלייכגעוויכט. אַ שטורם וואָס האָט זיך געגרייט אין

דער ווייטער צוקונפט. קריסטאָף גופא האָט עס נישט באַמערקט. נאָר אָליוויער האָט געהערט, ער האָט אָבסערווירט קריסטאָפן און ער האָט געפילט אַן אומבאַשטימטע אומרו. אין זיין שוואַכן צושטאַנד האָט זיין גייסט פאַרמאָגט אַ באַזונדערע דורכדרינגלעכקייט און העל־זעענ־דיקייט. ער האָט אַנטדעקט זאַכן, וואָס קיינער האָט נישט באַמערקט.

קריסטאָף האָט אַ שלאָג געטון דעם לעצטן אַקאָרד און איז געבליבן שטיין, באַדעקט מיט שוויס און צעחושט. ער האָט אָנגע־קוקט אָליוויערן מיט אַן אויסגעלאָשענעם בליק, גענומען לאַכן און זיך אומגעקערט צו זיין טיש.

אָליוויער האָט אים געפרעגט:

— וואָס איז עס געווען, קריסטאָף?

— גאָרנישט, — האָט קריסטאָף געענטפערט — איך מיש אין וואַסער, כדי צו כאַפּן פיש.

— וועסט עס אָנשרייבן?

— וואָס? אָט דאָס?

— דאָס, וואָס דו האָסט נאָר וואָס אויסגעדריקט.

— וואָרום וואָס האָב איך איצט אויסגעדריקט? איך הויב נישט אָן צו וויסן.

— אָבער וועגן וואָס האָסטו געטראַכט?

— איך וויים נישט, — האָט קריסטאָף געזאָגט און אַ וויש געטון מיט דער האַנט דעם שטערן.

ער האָט ווידער גענומען שרייבן. די שטילקייט האָט זיך ווי־דער געלעגט איבערן צימער פון דיביידע פריינד. אָליוויער האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף קריסטאָפן. קריסטאָף האָט דערפילט דעם בליק און האָט זיך אויסגעדרייט. אָליוויערס אויגן האָבן געקוקט אויף אים פול מיט ליבע.

— פוילע בריאה! — האָט ער פריילעך אויסגערופן.

אָליוויער האָט אַ זיפץ געטון.

— וואָס איז דיר? — האָט קריסטאָף געפרעגט.

— אָ, קריסטאָף? ווען איך גיב אַ טראַכט, וואָס אַן אוצרות עס דרימלען אין דיר, אין דיר, וואָס דו ביסט צו מיר אַזוי נאָענט, און זאָך זענען זיי נאָר פאַר אַנדערע. איך וועל פון זיי גאָרנישט נישט באַקומען.

— ביסט פון זינען אַראָפּ? וואָס פאַלט דיר איין?

— ווי וועט אויסזען דיין לעבן? וואָס פאַר אַ סכנות וועסטו נאָך דורכמאַכן? וואָס פאַר אַ צרות?.. איך וואָלט מיטגעגאַנגען מיט דיר. איך וואָלט געוואָלט זיין מיט דיר... נאָר איך וועל שוין גאָרנישט זען. איך וועל בלייבן נאַריש שטיין אין מיטן וועג.

— דו ביסט באמת נאַריש. גלויבסטו אפשר, אַז איך וואָלט דיר געלאָזט אינטערוועגס, אפילו ווען דו וואָלסט עס געוואָלט?

— דו וועסט מיך פאַרגעסן. — האָט אָליוויער געזאָגט.

קריסטאָף איז אויפגעשטאַנען און זיך געזעצט אויף אָליוויערס בעט. ער האָט אים אָנגענומען פאַר די הענט, וואָס זענען געווען פייכט פון אָפּגעשוואַכטקייט. דער קאָלנער פון זיין העמד האָט זיך אויפגעלאָזן. ס'האָט זיך באַוויזן זיין מאָגערע ברוסט, זיין דורכזיכטיקע הויט, וואָס איז געווען צאַרט און אָנגעצויגן ווי אַ זעגל, וואָס דער ווינט רייסט און בלאָזט אים אָן. קריסטאָפס פעסטע פינגער האָבן אומגעשיקט פאַרקנעפּלט זיין קאָלנער. אָליוויער האָט זיך געלאָזט.

— ליבער קריסטאָף, — האָט ער צערטלעך געזאָגט — איך האָב דאָך דערקענט אין מיין לעבן אַ גרויס גליק.

— לאָז צורו! וואָס עס פאַלט דיר אַלץ איין. עס גייט דיר פונקט אַזוי גוט ווי מיר.

— יאָ, — האָט אָליוויער געזאָגט.

— נו, צו וואָס זשע רעדסטו אַזעלכע נאַרישקייטן.

— דו ביסט גערעכט. — האָט אָליוויער פאַרשעמט און שמייכלענדיק געזאָגט, — די גריפּע איז אין דעם שולדיק. זי מאַכט פון מיר אַ תל.

— מען דאַרף זיך אָפּשאָקלען דערפון. שטיי אויף.

— איצט נישט. שפּעטער.

ער האָט ווייטער געטרוימט. דעם צווייטן טאָג איז ער אויפגעשטאַנען, אָבער נאָר צו זיצן אַ גאַנצן טאָג ביים קאַמין, דער אַפּריל איז געווען מילד און פאַרנעפּלט. הינטער דעם וואַרעמען שלייער פון די זילבערנע נעפּלען האָבן די קליינע בלעטלעך אויפגעעפנט זייערע קנאָספּן. די אומגעזעענע פייגל האָבן געזונגען וועגן דער זון, וואָס איז נאָך געווען באַהאַלטן. אָליוויער האָט געשפּינט זיינע זכרונות. ער האָט זיך ווידער דערזען, ווי ער זיצט אַלס קינד אין צוג, וואָס האָט אים אין נעפּל אַוועקגעטראָגן פון שטעטל צוזאַמען מיט זיין וויינענדיקער מוטער. אַנטואַנעט איז געזעסן אַליין אין צווייטן עק פון קופּע.

צאַרטע בילדער און סובטילע לאַנדשאַפטן זענען ווידער אַרויסגעשווו-מען פאַר זיינע אויגן. שיינע פּערזן זענען אים געקומען אויפן זינען און זייערע זילבן און זינגענדיקע ריטמען האָבן זיך פון זיך אַליין געפלאָכטן. ער איז געזעסן ביים טיש. ער האָט נאָר געדאַרפט אויס-שטרעקן זיין האַנט, כדי צו נעמען די פעדער און צו פאַרהאַלטן די חלומות. נאָר ער האָט קיין כוח נישט געהאַט. ער איז געווען מיד. ער האָט געוווסט, אַז דער ריח פון זיינע חלומות וועט פאַרשווונדן ווערן, ווי נאָר ער וועט זיי וועלן פאַרהאַלטן. אַזוי איז געווען שטענ-דיק: דאָס בעסטע פון זיין נשמה איז נישט געקומען צום אויסדרוק. זיין גייסט איז געווען פול מיט בלומען. אָבער קיינער האָט צו זיי קיין צוטריט נישט געהאַט. און קוים האָט מען אויסגעפליקט די בלו-מען, זענען זיי באַלד פאַרוועלקט געוואָרן. נאָר געציילטע בלומען האָבן אויסגעהאַלטן זייער קרענקלעך לעבן: עטלעכע צאַרטע נאָוועלן, עטלע-כע לידער, וואָס האָבן געאָטעמט מיט אַ זיסן, פאַרוועלקטן ריח. אָט די קינסטלערישע אָנמאַכט איז אַ לאַנגע צייט געווען זיין גרעסטער צער. פילן אין זיך אַזוי פיל לעבן און נישט קאָנען עס אויפהאַלטן!

איצט האָט ער דערמיט שלום געמאַכט. כדי צו בליען האָבן די בלומען זיך נישט גענויטיקט אין קיין עדות. צום שענסטן זענען זיי אויף די פעלדער, ווו קיין האַנט פליקט זיי נישט. גליקלעך זענען די בלומען-פעלדער, וואָס חלומען אויף דער זון! די זון האָט נאָך נישט געשיינט, אָבער אָליוויערס טרוימען האָבן נאָך שטאַרקער געבליט. וויפל טרויעריקע, צאַרטע, פאַנטאַסטישע מעשיות האָט ער זיך אַליין דערציילט אין די דאָזיקע טעג!

זיי זענען געקומען ווער ווייסט פון וואַנען, געשווומען ווי ווייסע וואָלקנס אויף אַ זומערדיקן הימל, צעגאַנגען אין דער לופטן, און אָנ-שטאָט זיי, זענען אָנגעקומען אַנדערע. דער הימל איז געווען פול מיט זיי, נאָר טיילמאָל איז ער געבליבן פוסט. אין זיין שיין האָט אָליוויער אַ פאַרגליווערטער געטרוימט אַזוי לאַנג, ביז די שווייגנדיקע שיפלעך פון טרוים האָבן זיך גענומען באַוועגן מיט זייערע גרויסע פּולע זעגלען.

אין אָוונט איז געקומען דאָס קליינע הויקערל, אָליוויער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיינע מעשיות, אַז ער האָט שמייכלענדיק און פאַרטראַכט דערציילט אים איינע פון זיי. ווי אָפט האָט ער אַזוי גערעדט אין זיין געגנוואַרט, און דאָס יינגל האָט קיין וואָרט נישט

אַרויסגערעדט! מען האָט לחלוטין פֿאַרגעסן אַז ער איז דאָ דערביי...
קריסטאָף, וואָס איז אָנגעקומען אין מיטן דער דערציילונג און איז געוואָרן פֿאַרכאַפּט פֿון איר שיינקייט, האָט געבעטן אָליוויערן, ער זאָל אָנהויבן די מעשה פֿון דאָס ניי. אָליוויער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— איך בין ווי דו, — האָט ער געזאָגט — איך געדענק שוין נישט.

— ס'איז נישט אמת, — האָט קריסטאָף געזאָגט — דו ביסט אַ טייוולשער פּראַנצויז, וועלכער ווייס גענוי, וואָס ער טוט און וואָס ער זאָגט. דו פֿאַרגעסט קיינמאָל נישט.

— ליידער. — האָט אָליוויער געענטפֿערט.

— הויב זשע אָן נאָכאַמאָל!

— עס מאַטערט מיך, צו וואָס?

קריסטאָף איז געוואָרן בייז.

— ס'איז זייער שלעכט, — האָט ער געזאָגט, — וואָס טויג דיר דיין געדאַנק? דאָס, וואָס דו פֿאַרמאָגסט, וואַרפֿסטו אַרויס. דאָס איז פֿאַרלוירן אויף אייביק.

— עס איז גאָרנישט פֿאַרלוירן, — האָט אָליוויער געזאָגט.

דאָס קליינע הויקערל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין אומבאַוועגלעכקייט, אין וועלכער אָליוויערס דערציילונג האָט אים אַריינגעבראַכט, אויסגעדרייט צום פֿענסטער מיט פֿאַרלאָפֿענע אויגן, אַ פֿיינטלעכן אויסדרוק און אַ געקנייטשט פּנים, פֿון וועלכן מען האָט גאָרנישט געקאָנט אַרויסלייענען. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און געזאָגט:

— מאָרגן וועט זיין אַ שיינער וועטער.

— איך וועט זיך מיט דיר. — האָט קריסטאָף געזאָגט צו אָליוויערן, — אַז ער האָט עס אפֿילו נישט געהערט.

— מאָרגן איז דער ערשטער מאַי — האָט עמאַנועל ווייטער גערעדט, און זיין אָנגעכמורעט פּנים האָט אויפֿגעלויכטן.

— דאָס ווידער איז דיין געשיכטע. — האָט געזאָגט אָליוויער.

— דו וועסט זי מיר מאָרגן דערציילן.

— נאַרישקייטן, — האָט קריסטאָף געזאָגט.

צומאָרגנס איז קריסטאָף געקומען צו אָליוויערן, כדי אים מיט־צונעמען אויף אַ שפּאַציר איבער פּאַריז. אָליוויער איז שוין געווען אויסגעהיילט, נאָר ער האָט נאָך אַלץ געפילט אַ מאָדנע מידקייט. ער האָט נישט קיין חשק געהאַט אַרויסצוגיין. אַן אומבאַשטימטע שרעק האָט אים געדריקט. ער האָט נישט ליב געהאַט זיך אויסצומישן מיט די מענטשן. זיין האַרץ און זיין גייסט זענען געווען פעסט, אָבער זיין גוף איז געווען שוואַך. ער האָט מורא געהאַט פאַר דער מענטשן־מאַסע, פאַרן טומל, פאַר יעדער ברוטאַליטעט. ער האָט צו גוט גע־ווּסט, אַז ער קאָן פאַלן אַ קרבן, ער וועט זיך אָבער נישט קאָנען און נישט וועלן פאַרטיידיקן, ווייל ער האָט געפילט אַן עקל אָנצוטון עמעצן אַ ווייטיק, פונקט ווי צו ליידן אַליין. קרענקלעכע קערפער צי־טערן מער פאַר פיזישע יסורים, ווי אַנדערע, ווייל זיי קענען זיי בע־סער, ווייל זיי פאַרמאָגן ווייניקער ווידערשטאַנדס־קראַפט, און ווייל זייער צערייצטע פאַנטאַזיע שטעלט זיי פאָר די ליידן דירעקטער און בלוטיקער. אָליוויער האָט זיך געשעמט מיט דער פּחדנות פון זיין קערפער, וואָס איז געווען אַ סתירה צום סטאָאיציזם פון זיין ווילן. ער האָט זיך געצווּנגען זי צו באַקעמפן. אָבער אין יענעם פרימאָרגן איז אים יעדע באַרירונג מיט די מענטשן געווען באַזונדערס פיינלעך. ער וואָלט זיך בעסער פאַרשפאַרט אויף אַ גאַנצן טאָג. קריסטאָף האָט זיך געבייזערט אויף אים, געלאַכט און געוואָלט פאַר יעדן פרייז, ער זאָל מיט אים אַרויסגיין און זיך באַפרייען פון זיין פאַרגליווערטקייט: זינט צען טעג איז ער נישט געווען אויף דער לופט. אָליוויער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. קריסטאָף האָט געזאָגט:

— גוט, גיי איך אַליין. איך וויל זען זייער ערשטן מאַי. אויב איך וועל היינט אין אָוונט נישט צוריקקומען, מעגסטו טראַכטן, אַז מען האָט מיך אַריינגעפּאַקט.

ער איז אַוועק. אויף די טרעפּ האָט אים אָליוויער אָנגעיאָגט. ער האָט נישט געוואָלט לאָזן קריסטאָפן גיין אַליין.

אויף די גאַסן זענען געווען ווייניק מענטשן. אַ פּאָר יונגע אַר־בעטערינס, באַפּוצט מיט צווייגעלעך פון מאַי־גלעקלעך, אַרבעטער אין יומטובדיקע קליידער האָבן שפּאַצירט מיט לאַנגווייליקע מינעס. אין די ווינקלען פון די גאַסן, ביי די טראַמוויי־סטאַציעס, זענען געשטאַנען גרופּן פּאָליציי־אַגענטן, די טויערן פונם לוקסעמבורג זענען געווען גע־שלאָסן. די לופט איז נאָך אַלץ געווען פאַרנעפּלט און וואַרעמלעך, מען

האָט שוין זייער לאַנג נישט געזען די זון!.. דיביידע פריינט זענען געגאַנגען געאָרעמט. זיי האָבן ווייניק גערעדט, אָבער זיי האָבן זיך האַרציק ליב געהאַט. אַ פּאָר ווערטער האָבן אַרויסגערופן נאָענטע און פאַרגאַנגענע זאַכן. פאַר עפּעס אַן אמת זענען זיי געבליבן שטיין אַ קוק צו טון דעם באַראָמעטער, וואָס האָט זיך פאַמעלעך געהויבן.

— מאָרגן וועל איך זען די זון. — האָט אָליוויער געזאָגט.

זיי זענען געווען גאַנץ נאָענט צו סעסילס הויז. זיי האָבן גע־וואָלט אַריינגיין זען דאָס קינד.

— אָבער ניין, מיר וועלן עס טון צוריקגייענדיק.

פונם צווייטן ברעג זענען איצט אָנגעקומען גרעסערע גרופּן מענטשן. רויִקע שפּאַציר־גייער אין זונטיק־קליידער און מיט יומטובדי־קע פּנימער האָבן זיך אַרומגעדרייט צוזאַמען מיט זייערע קינדער. אַ צוויי אָדער דריי האָבן געטראָגן אין לאַץ אַ פעלד־רויז. זיי האָבן אויס־געזען, אומבאַוואָפנט. דאָס זענען געווען רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך געצווונגען דערצו. מען האָט געפילט, אַז זיי פאַרמאָגן גוטמוטיקע אָפּטימיסטישע הערצער, וואָס שטעלן זיך צופרידן מיטן קלענסטן גליק און זענען דאַנקבאַר פאַרן שיינעם אָבער אַפילו נאָר מעסיקן וועטער פון דעם יום טוב טאָג. וועמען זיי זענען געווען דאַנקבאַר דאָס האָבן זיי געוווּ נישט געוווּסט... אייגנטלעך דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט. זיי זענען געגאַנגען אָן אײַלעניש, פריילעך, באַ־וווּנדערט די קנאָספּן פון די בוימער, די שיינע קליידלעך פון די תּאַרבייגייענדיקע מיידלעך. זיי האָבן געזאָגט מיט שטאָלץ:

— נאָר אין פּאַריז קען מען זען אַ זוינע גוט אָנגעטוענע קינדער,

קריסטאָף האָט געלאַכט פונם פאָרויסגעזאָגטן גרויסן סקאַנדאַל... ווילע מענטשן!... ער האָט געפילט צו זיי אַ סימפּאַטיע געמישט מיט אַ ביסעלע פאַראַכטונג.

וואָס ווייטער זיי זענען געגאַנגען אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער המון. פאַרדעכטיקע, בלייכע פּנימער, פינסטערע פון הוליען, האָבן זיך אַריינגעגליטשט אין דעם שווימענדיקן שטראָם און געלויערט אויף דער שעה, ווען מען וועט קאָנען די גאַנצע מחנה אַ כאַפּ טון. איצט איז דער שטראָם געווען טונקל און שווער. פּונקט ווי זייפנבלאָזן, וואָס שטייגן אַרויף פון דעם וואַסער אויף דער שמוציקער אויבערפלאַך, האָט מען איצט געקאָנט הערן דאָ און דאָרט געשרייען, פייפערייען, וואָס האָבן אַדורכגעדרונגען דעם רעש און די פאַרשידענע שילטן פון

דער מאַסע. ביים סוף פון דער גאַס נאָענט צו אוירעליעס רעסטאָראַן, האָט געהערשט אַ שרעקלעכער ליאַרם. דער המון האָט זיך איבערגעבראָכן אויף דער אָפּטיילונג פון דער פּאָליציי און מיליטער. פאַר דער מחיצה האָט זיך געשאַפן אַ געדיכט-אָנגעשטאָפּטע מאַסע, וואָס האָט זיך געוויגט הין און צוריק, געשריגן און געזונגען, געפייפט און געלאַכט... מען האָט געהערט דעם געלעכטער פון פאָלק, דעם איינציקן מיטל אויסצודריקן טויזנטער טונקעלע טיפע געפילן, וואָס קאָנען זיך נישט אויסדריקן אין ווערטער.

דער המון איז נישט געווען פיינטלעך געשטימט. ער האָט נישט געוווסט וואָס ער וויל. ער האָט געוואַרט, כדי זיך צו דערוויסן. אין אָנהויב האָט ער זיך אויף זיין אופן געוויילט — נערוועיש, ברוטאַל, דערוויל אָן בייזוויליקייט, — ער האָט זיך לעת עתה געוויילט דערמיט, וואָס מען האָט זיך געשטויסן, געזידלט די פּאָליציי אָדער איינער דעם אַנדערן. ביסלעכוויז אָבער איז ער געוואָרן צערייצט. די, וואָס זענען געשטאַנען פון הינטן האָבן זיך גענומען אויפרעגן וואָס זיי זעען גאָרנישט און האָבן גענומען זיך אַרויספאָדערנדיק האַלטן בנוגע די איבעריקע, בפרט דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען באַשיצט פון דער גרויסער מענטשן-מאַסע. די, וואָס זענען געשטאַנען פאָרנט, געשטויסן פון הינטן און צוגעקוועטשט פון אַלע זייטן, האָבן זיך דערפילט אין אַן אומדערטרעגלעכער לאַגע. דער דרוק פון דעם שטראָם, וואָס האָט זיי געטריבן האָט אָן אַ שיעור פאַרשטאַרקט זייערע אייגענע כוחות. און וואָס ענגער זיי האָבן זיך געשטופּט איינער צום צווייטן ווי אַ סטאַדע פי, אַלץ מער האָבן זיי געפילט, ווי די היץ פון דער סטאַדע נעמט אַדורך זייער ברוסט און זייערע לענדן. און ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי זענען צוזאַמען איין בלאָק. אין יעדן איינעם פון זיי זענען געווען אַלע. יעדער איינער איז געווען אַ ריז מיט די אָרעמס פון אַ בריאַריוס. אין באַשטימטע מאָמענטן האָט אַ כוואַלע פון בלוט אַ שטראָם געטון צום האַרץ פון טויזנט-קעפּיקן ריז; דעמאָלט זענען די בליקן געוואָרן פול מיט האַס, און די געשרייען זענען געוואָרן בלוט-דורשטיק. פאַרשוינען, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אויפן דריטן און פערטן שטאָק האָבן איצט גענומען וואַרפן שטיינער. פון די פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט גאַנצע פאַמיליעס. ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געזעסן אויף אַ טעאַטער-פאָרשטעלונג. זיי האָבן גערייצט דעם המון, און מיט אַ לייכטן שוידער און אומגע-

דולד געוואַרט, אַז פּאָליציי זאָל אָנגרייפן. אין מיטן דער דאָזיקער אָנגעשטאָפּטער מאַסע האָט זיך קריסטאָף מיט די קני און עלנבויגנס דורכגעשלאָגן אַ וועג. אָליוויער איז נאָכגעגאַנגען. דער לעבעדיקער בלאָק האָט זיך אויף אַ רגע געעפנט, כדי זיי אַדורכצולאָזן און האָט זיך באַלד הינטער זיי פאַרשלאָסן. קריסטאָף איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד. ער האָט לחלוטין פאַרגעסן, אַז ער האָט מיט פינף מינוט צוריק אָפּגעלייקנט יעדע מעגלעכקייט פון אַ פאָלקס-באַוועגונג. קוים האָט ער איינגעטונקט דעם פוס אין דעם שטראָם, אַזוי איז ער באַלד מיטגעריסן געוואָרן. הגם דער דאָזיקער פראַנצויזישער המון און זיינע פאָדערונגען זענען אים געווען פרעמד, האָט ער זיך דאָך דערפילט מיט אים צונויפגעשלאָסן. זיינע פאַרלאַנגען זענען אים נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט אַליין פאַרלאַנגט, ס'האָט אים נישט געאַרט, וווהין ער גייט, אַבי ער איז געגאַנגען און איינגעזאַפּט אין זיך דעם דאָזיקן וואַנזיניקן אָטעם.

אָליוויער איז אים נאָכגעגאַנגען, מיטגעשלעפּט, אָבער אָן פרייד. העל זעענדיק, ווו ער איז געווען, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין פון זיין אייגענעם איך. די ליידנשאַפטן פון אָט דעם פאָלק, וואָס איז געווען דאָך זיין פאָלק, איז אים געווען פרעמדער ווי קריסטאָפן. און דאָך איז ער מיטגעשלעפּט געוואָרן דורכן שטראָם ווי אַ צעבראָכן שיפל. די קראַנקהייט, וואָס האָט אים אָפּגעשוואַכט, האָט אָנגעשפּאַנט די פעדים צווישן אים און דעם לעבן. ווי ווייט ער האָט זיך געפילט פון די דאָזיקע מענטשן!.. ווי פריי פון זייער טומל איז געווען זיין גייסט! די קלענסטע פּרטים האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין נשמה. ער האָט מיט התפּעלות באַטראַכט דעם גאָלד-בלאָנדן נאַקן פון אַ מיידל, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. איר בלאַסן איידעלן האַלז, און גדייכצייטיק האָט אים געעקלט דער שאַרפער ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די צוזאַמענגעפּרעסטע לייבער.

— קריסטאָף! — האָט ער זיך געבעטן.

קריסטאָף האָט נישט געהערט.

— קריסטאָף!

— אַה?

— לאָמיר גיין אַהיים...

— האָסט מורא? — האָט קריסטאָף געפרעגט.

ער איז געגאַנגען ווייטער. אָליוויער איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ טרויעריקן שמייכל.

עטלעכע רייען ווייטער, אין אַ געפערלעכן אָרט, ווו דער גע־דיכטער עולם האָט געשאַפן אַ מין מחיצה האָט ער דערזען זיין פריינט, דאָס קליינע הויקערל. ער האָט זיך צוגעשפאַרט צום דאַך פון אַ ציימונגס־קיאָסק, אָנגעקלאַמערט זיך מיטביידע הענט און איינ־געקאָרטשעט אין אַן אומבאַקוועמער פּאָזיציע, געקוקט מיט אַ שמייכל איבער דער וואַנט פון סאָלדאַטן. מיט אַ נצחונדיקער מינע האָט ער געקוקט צום המון. ווען ער האָט באַמערקט אָליוויערן האָט ער אים צוגעוואָרפן אַ שטראַלנדיקן בליק. דערנאָך האָט ער ווידער מיט דער־וואַרטנדיקע צעעפנטע אויגן געקוקט אויפן פּלאַץ. ער האָט געוואַרט... אויף וואָס, אייגנטלעך! — אויף דעם, וואָס עס האָט געזאָלט קומען... ער איז נישט געווען דער איינציקער, אָן אַ שיעור אַנדערע אַרום אים האָבן געוואַרט אויפן נס. און אָליוויער, וואָס האָט באַטראַכט קרי־סטאָפן האָט געזען, אַז אויך ער וואַרט.

ער האָט גערופן צום יינגל, געשריגן, ער זאָל אַראָפּגיין. עמאַנועל האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און מער אויף אים נישט געקוקט. ער האָט געזען קריסטאָפן. ער איז מיט פאַרגעניגן געקראָכן אין אַ געפּאַר. טיילווייז כדי צו ווייזן אָליויערן זיין מוט, און טיילווייז כדי אים צו באַשטראָפן, וואָס ער איז צוזאַמען מיט קריסטאָפן.

דערווייל האָבן זיי אין המון געטראָפן עטלעכע פריינט — קאָ־קאַרן מיט דער גאָלדענער באָרד, וואָס לויט זיין מיינונג האָט מען זיך געדאַרפט ריכטן נאָר אויף עטלעכע קלעפּ און וואָס האָט מיט זיין דערפאַרענעם בליק געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען דער קרוג וועט איבערגיין. אַ ביסל ווייטער איז געשטאַנען די שיינע בערטע, וואָס האָט געפּלוידערט מיט אירע שכנים און געלאָזט זיך שטופּן. עס האָט זיך איר איינגעגעבן אַרויסצורייסן זיך אין דער ערשטער ריי און זי האָט געזידלט די פּאָליציאַנטן ביז זי איז הייזעריק געוואָרן. קאָקאַר איז צוגעגאַנגען צו קריסטאָפן. ווען קריסטאָף האָט אים דערזען, איז ער ווידער געוואָרן שפּאָטיש.

— וואָס האָב איך געזאָגט? עס וועט גאָרנישט געשען.

— וואַרט, — האָט קאָקאַר געזאָגט. — בלייבט נישט דאָ. עס וועט ווערן אַ ביסל הייסער

— אַך, אַן אומזין! — האָט געהאַלטן קריסטאָף.

פונקט אין דעם זעלבן מאָמענט האָבן זיך די קיראַסיערן, וואָס די געוואָרפענע שטיינער זענען זיי שוין געוואָרן איבער דער טבע, אַ רוק געטון זיך פאָרויס, כדי אָפּצורייניקן דעם אַריינגאַנג צום פּלאַץ. די זשאַנדאַרן, וואָס זענען געשטאַנען אין מיטן, האָבן גענומען לויפן. ס'איז באַלד אַנטשטאַנען אַ טומל, לויט די ווערטער פון עוואַנ־געליום זענען די ערשטע געוואָרן די לעצטע, אָבער זיי האָבן זיך באַמיט לאַנג אַזוי נישט צו בלייבן. כּדי צו נעמען אַן אַנטשיידיקונג פאַר זייער אַנטלויפן, האָבן זיי גענומען אויספייפן זייערע נאָכיאָגער אין שרייען „מערדער”, איידער ס'איז נאָך געפאַלן דער ערשטער שאָס. בערטע האָט זיך ווי אַ נאָדל געגליטשט צווישן די רייען און געמאַכט געפערלעכע יעלות. זי האָט אָנגעיאָגט אירע פריינט, באַהאַלטן זיך הינטער קאָקאַרס ברייטן רוקן, זי איז ווידער געקומען צו זיך, זיך צוגעדריקט צו קריסטאָפן, אַ קניפּ געטון אים אין אָרעם מחמת שרעק, אָדער צוליב אַן אַנדער סיבה, צוגעוואָרפן אַליוויערן אַ פאַר־שמאַכטן בליק, געביילט די פויסטן קעגן דעם שונא און נישט אויפ־געהערט צו שרייען. קאָקאַר האָט אָנגענומען קריסטאָפן פאַרן אָרעם און געזאָגט:

— קומט, לאָמיר גיין צו אוירעליען.

זיי האָבן געמאַכט עטלעכע שריט פאָרויס, ווען בערטע מיט גראַיאָן און נאָך אַ פאָר אַרבעטער האָבן זיי איבערגעיאָגט. קריסטאָף האָט שוין געוואָלט אַריינגיין אין שענק און אַליוויער איז אים נאָכ־געגאַנגען. די גאַס האָט זיך שטאַרק געוועלבט: דער טראָטואַר פאַרן רעסטאָראַן איז געלעגן פון פינף ביז צען טרעפּ העכער פון דעם ברוק. אַליוויער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, ווען ער איז אַרויס פון דער מענטשן־מאַסע, אָבער דער געדאַנק ווידער אַריינצוקומען אין דער שטיקנדיקער לופט פון דער קנייפּע, און דעם רעש פון אָט די משגעים האָט אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט געזאָגט צו קריסטאָפן:

— איך גיי אַהיים.

— גיי, מיין טייערער, — האָט קריסטאָף געזאָגט. — איך וועל קומען אין אַ שעה אַרום.

— שטעל זיך נישט אין סכּנה, קריסטאָף!

— פחדן! — האָט קריסטאָף געזאָגט מיט אַ געלעכטער און איז אַריין אין רעסטאָראַן.

אַליוויער האָט שוין געוואָלט אַוועק אין אַ זייט. נאָך אַ פאַר

שריט ווייטער איז געווען אַ קווער-געסל, וואָס וואָלט אים אָפּגעטיילט פון המון. דעמאָלט האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין קליינעם פריינט. ער האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען אים זוכן מיט די אויגן. ער האָט אים דערזען פונקט אין דעם אויגנבליק, ווען עמאַנועל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין אָבסערוואַציע-פונקט, איז אומגע־וואָרפן געוואָרן פון דער מאַסע. די אַנטלויפנדיקע האָבן אים געטרעטן מיט די פיס. עס איז אָנגעקומען פּאָליציי. אָליוויער האָט לאַנג נישט געטראַכט, ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון די טרעפּ און איז געלאָפן צו הילף. עפּעס אַן ערד-אַרבעטער האָט באַמערקט די געפאַר, די אַנט־בלויזטע שווערדן, ער האָט דערזען אָליוויערן, וואָס האָט אויסגע־שטרעקט די האַנט אויפצוהויבן דאָס יינגל. ער האָט געזען דעם ברו־טאַלן שטראָם פון דער פּאָליציי, וואָס האָט זיי ביידן אומגעוואָרפן. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און זיך אַליין אַ וואָרף געטון צו זיי. עס זענען אָנגעלאָפן חברים. עס זענען אויך אָנגעקומען די, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער שוועל פון דער קנייפּע און אויף זייער רוף אויך די, וואָס זענען געזעסן אינעווייניק. די ביידע מחנות האָבן ווי הינט אָנגעכאַפּט איינע די צווייטע ביים גאָרגל. און די פרויען, וואָס זענען געבליבן שטיין אויבן אויף די טרעפּ האָבן זיך שרעקלעך געריסן. — אָט אַזוי האָט דער קליינער אַריסטאָקראַטישער בירגער געגעבן אַ שטויס צום קאַמף, וואָס קיינער האָט אים אַזוי וויניק נישט פאַרלאַנגט ווי ער.

קריסטאָף, וואָס איז מיטגעריסן געוואָרן פון די אַרבעטער, האָט זיך אַ וואָרף געטון אין טומל, נישט וויסנדיק ווי אַזוי עס איז געשען. ער איז געווען ווייט פון דעם געדאַנק, אַז אָליוויער איז דאָ געווען אַריינגעמישט. ער האָט געגלויבט, אַז ער איז שוין ווייט און זיכער. ס׳איז געווען אוממעגלעך צו דערזען עפּעס אין דעם קאַמף. יעדער האָט געהאַט גענוג זיך אַליין צו פאַרטיידיקן. אָליוויער איז פאַר־שוווּנדן געוואָרן אין דעם ווירבל, ווי אַן אונטערגייענדיקע שיף. די שאַרף פון אַ שווערד, וואָס איז נישט געווען באַשטימט פאַר אים, האָט אים געטראָפן אין דער לינקער ברוסט. ער איז אומגעפאַלן. די מאַסע האָט אים צעטרעטן. קריסטאָף איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער כוואַליע אויפן צווייטן עק פון דעם קאַמפּס פּלאַץ. ער איז גע־ווען בשעת מעשה גאַנץ קאַלטבלוטיק. געלאָזט זיך שטויסן און אַליין פריילעך געשטופּט, ווי ער וואָלט געווען אויף אַ יאַריד. ער האָט

אַזוי ווייניק געטראַכט וועגן דער ערנסטקייט פון דער לאַגע, אַז בעת אַ פּאָליציאַנט מיט אומגעהויער-ברייטע אַקסלען האָט אים געכאַפּט, האָט איר קריסטאָף אַרומגענומען און געזאָגט:

— אפשר אַ וואַלס, פרייליין?

אָבער ווען אַ צווייטער פּאָליציאַנט איז אים אַרויפגעשפּרונגען אויפן רוקן, האָט ער זיך האַסטיק אָפּגעשאָקלט אוןביידן געגומען טיילן קלעפּ. ער האָט נישט געהאַט בדעה צו לאָזן זיך כאַפּן. איינער פון זיינע אָנגרייפער, דער, וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט פון הינטן, האָט זיך געקייקלט אויפן ברוק. דער אַנדערער האָט אַרויסגעכאַפּט די שווערד. קריסטאָף האָט דערזען די שווערד האַרט פאַר זיין ברוסט. ער האָט זיך אויסגעבויגן, אויסגעדרייט דעם פּאָליציאַנט די האַנט און געוואָלט אים אַרויסרייסן דאָס געווער. ער האָט שוין מער גאָרנישט פאַרשטאַנען. ביז אָט דעם אויגנבליק האָט די גאַנצע זאַך אויסגעזען ביי אים ווי אַ שפּיל. אָבער איצט האָבן זיי באמת געקעמפט און געפילט איינער דעם אַנדערנס אָטעם. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט נאָכצוקלערן. אין יענעמס אויגן האָט ער דערזען רציחה, און די רציחה האָט אין אים דערוואַכט. ער האָט דערזען, אַז ער קאָן דאָ דערשאָכטן ווערן ווי אַ שעפּס. און מיט איין האַסטיקער באַוועגונג האָט ער אויסגעדרייט דעם געלענק און האָט אָנגעשטעלט די שווערד קעגן דער ברוסט פון דעם מאַן. ער האָט זי אַריינגעשטאָכן. ער האָט געפילט, אַז ער הרגעט — ער הרגעט. און מיט איין קלאַפּ האָט זיך אים אַלץ געביטן פאַר די אויגן. ער איז געווען שיכור — ער האָט געשריגן:

זיינע געשרייען האָבן געהאַט אַן אומגלויבלעכע ווירקונג. די מאַסע האָט דערשפּירט בלוט. אין איין אויגנבליק איז זי געוואָרן אַ ווילדע חיה. מען האָט געשאָסן פון אַלע זייטן. אין די פענסטער פון די הייזער האָט זיך באַוויזן די רויטע פאָן. מיטן אַלטן אַטאַוויזם פון דער פּאַריזער רעוואָלוציע איז באַלד אויפגעשטעלט געוואָרן אַ באַריקאַדע. די גאַס איז אויפגעריסן געוואָרן. מ׳האָט צעבראָכן די גאַזלאָמפּן, געהאַקט בוימער, אומגעוואָרפן אַן אָמניבוס. מען האָט אויסגענוצט דעם אָפענעם גרוב, וואָס עס איז זינט עטלעכע חדשים געמאַכט געוואָרן דורכצופירן אַן אונטערערדישע באַן. מען האָט צעבראָכן די אייזערנע שטאַכעטן אַרום די בוימער און דערמיט זיך געוואָרפן. מען האָט אַרויסגענומען געווער פון די קעשעניעס און פון די שטיבער. אין

איין שעה איז פאַרטיק געוואָרן דער אויפשטאַנד. דער גאַנצער שטאָט-קוואַרטאַל איז געווען אין באַלאַגערונגס-צושטאַנד. און אויף דער באַ-ריקאַדע איז נישט צו דערקענען געשטאַנען קריסטאָף און געשריגן זיין רעוואָלוציאָנערן געזאַנג, וואָס איז געוואָרן איבערגעחזרט דורך צוואַנציק שטימען.

אָליוויערן האָט מען אַוועקגעטראָגן צו אוירעליען. ער איז גע-לעגן אָן באַוווסטזיין. מ׳האָט אים געלעגט אויף אַ בעט אין אַ טונ-קעלן הינטערשטן צימער. צופוסנס, אינגאַנצן אַ צעבראָכענער איז גע-שטאַנען דאָס קליינע הויקערל. בערטע האָט זיך צום ערשטן שרעק-לעך אויפגערעגט: פון ווייטן האָט זיך איר געדאַכט, אַז גראַציאַ איז פאַרוווּנדעט. און ווען זי האָט דערקענט אָליוויערן איז איר ערשטער רוף געווען:

— ס׳אַראַ גליק. כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס איז לעאָפאָלד.

איצט איז זי געווען פול מיט מיטלייד. זי האָט געקושט אָלי-וויערן און אונטערגעהאַלטן זיין קאָפּ מיט אַ קישן. אוירעליע האָט מיט איר שטענדיקער רויקייט אָפּגעקנעפּלט זיינע קליידער און גע-מאַכט דעם ערשטן באַנדאַזש. מאַנעס היימאַן איז גראָד געקומען צו דער רעכטער צייט מיט זיין פריינט קאַנעטן, מיט וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט. זיי זענען געקומען, ווי קריסטאָף, צוליב נייגעריקייט, זען די מאַניפעסטאַציע. זיי זענען געווען בעתן טומל און האָבן געזען ווי אָליוויער איז געפאַלן. קאַנעט האָט געוויינט ווי אַ הונט, און גלייכצייטיק האָט ער געטראַכט:

— וואָס טו איך דאָ, אייגנטלעך?

מאַנעס האָט באַטראַכט דעם פאַרווונדעטן און ער האָט געהאַלטן, אַז ער איז אַ פאַרלוירענער. ער האָט געפילט אַ ס׳מפּאַטיע צו אָלי-וויערן. ער פלעגט אָבער בטבע נישט בלייבן שטיין ביי אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט נישט געקאָנט ענדערן. ער האָט שוין מער נישט גע-זאָרגט וועגן אָליוויערן און געטראַכט וועגן קריסטאָפן. ער האָט באַ-וווּנדערט קריסטאָפן און גלייכצייטיק אים געהאַלטן פאַר אַ פּאַטאָלאָ-גישן טיפּ. ער האָט געקענט זיינע מיינונגען וועגן דער רעוואָלוציע און געוואָלט אים ראַטעווען פון דער נאַרישער געפאַר, אין וועלכער ער האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט. עס האָט זיך נישט געהאַנדלט בלויז אין דער סכנה צו צעברעכן זיך דעם שאַרבן: ווען מען זאָל קרי-סטאָפן כאַפּן, וואָלט אַלץ גערעדט קעגן אים. מ׳האָט אים שוין לאַנג

געוואָרנט. די פּאָליציי האָט געוואָרפן אויף אים אַן אויג. מ׳וואָלט אים פאַרגעוואָרפן נישט נאָר זיינע נאַרישקייטן, נאָר אויך די נאַריש-קייטן פון די איבעריקע. קסאַוויער בערנאַר, וועלכן מאַנעס האָט גע־טראָפן, און וואָס איז אויך מיטגעגאַנגען מיט דער מאַסע, גיכער צוליב פאַרגעניגן ווי צוליב פליכט, האָט פאַרבייגייענדיק אים געגעבן אַ צייכן און געזאָגט:

— אייער קריסטאָף איז משוגע. וואָס זאָגט איר דערצו? ער שפּילט זיך גאָר איצט אויף דער באַריקאַדע. דאָס מאָל וועלן מיר אים נישט אַרויסלאָזן. ביי גאָט, מאַכט, ער זאָל זיך אָפּטראָגן פון דאַנעט.

דאָס איז געווען לייכטער צו זאָגן, ווי צו טון. ווען קריסטאָף וואָלט זיך דערוווסט, אַז אָליוויער האַלט ביים שטאַרבן, וואָלט ער אינגאַנצן אַרויס פון די כּלים. ער וואָלט געהרגעט און אַליין גע־הרגעט געוואָרן.

מאַנעס האָט געזאָגט צו בערנאַרן:

— אויב ער וועט זיך באַלד נישט אָפּטראָגן, איז ער אַ פאַר-לוירענער. איך מוז אים צונעמען פון דאַנען.

— אָבער ווי אַזוי?

— אין קאַנעטס אויטאָ, וואָס שטייט אין עק גאַס.

— יאָ, אָבער דערלויבט... — האָט קאַנעט זיך אָפּגערופן אַ ביסל איבעראַשט.

— וועסט אים אַוועקפירן קיין לאַראָש, — האָט מאַנעס ווייטער געדעדט. — איר וועט גראָד באַוויזן צום שנעל־צוג, וואָס גייט קיין פאָנטאַרליע. דו וועסט אים אַוועקפירן אין דער שווייץ.

— ער וועט נישט וועלן.

— ער וועט וועלן. איך וועל אים זאָגן, אַז זשאַנען וויל זיך דאָרט טרעפן מיט אים, אַז ער איז שוין אַרויסגעפאָרן.

קאַנעט האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען, נאָר מאַנעס איז תּיכּף אַוועק זוכן קריסטאָפן אויף דער באַריקאַדע. ער איז בטבע נישט געווען קיין דרייסטער. יעדעס מאָל, ווען ער האָט געהערט אַ שאָס איז אים די נשמה אַרויס פאַר שרעק. און ער האָט געציילט די ברוק-שטיינער (גראָד און אום) אַלס סימן, צי ער וועט דערהרגעט ווערן אָדער נישט. נאָר ער איז צוריק נישט געגאַנגען. קריסטאָף איז געזעסן אויבן אויף אַן אומגעוואָרפענעם ראָד פון אַן אָמניבוס און

לשם פאַרוויילונג געשאָסן פון אַ רעוואָלווער אין דער לופטן. אַרום דער באַריקאַדע איז געוואַקסן אַ שטראָם פון פאַריזער אויסווורפן, וואָס האָבן ווי באַשפיגן די גאַס, ווי שמוציק וואַסער נאָך אַ שטאַרקן רעגן. די ערשטע קעמפער זענען געווען פאַרגאָסן פון זיי. מאַנעס האָט אַ רוף געטון קריסטאָפן, וואָס איז געזעסן אויסגעדרייט מיטן רוקן. קריסטאָף האָט נישט געהערט, מאַנעס האָט אַרויפגעקלעטערט צו אים און אים אַ צי געטון פאַרן אַרבל. קריסטאָף האָט אים אַ שטויס געטון צוריק און אים שיר נישט אומגעוואָרפן. מאַנעס איז געווען פאַרעקשנט, ער האָט זיך ווידער אויסגעצויגן צו אים און אויסגעשריגן:

— זשאַנען...

דער סוף פון דעם זאַץ איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם ליאַרם. קריסטאָף איז פלוצלינג שטיל געבליבן, אַרויסגעלאָזט פון האַנט דעם רעוואָלווער, אַראָפּגעקלעטערט פון דעם בנין און איז צוגעגאַנגען צו מאַנעס, וועלכער האָט אים אַוועקגעשלעפּט.

— איר מוזט אַנטלויפן. — האָט מאַנעס געזאָגט.

— ווו איז אָליוויער.

— איר מוזט אַנטלויפן. — זאָגט איבערגעחזרט מאַנעס.

— פאַרוואָס, צום טײַוול ? — האָט קריסטאָף געפרעגט.

— אין אַ שעה אַרום וועט די באַריקאַדע פאַלן. היינט אין אָוונט וועט מען אייך אַרעסטירן.

— וואָס האָב איך אַזוינס געטון ?

— גיט אַ קוק אויף אייערע הענט... נו ? אייער ענין איז אַ פּשוטער. מען וועט אייך נישט שוינען. אַלע האָבן אייך דערקענט. איר טאָרט קיין איין רגע נישט פאַרלירן.

— ווו איז אָליוויער ?

— אין שטוב.

— איך וויל גיין צו אים.

— אוממעגלעך. די פּאָליציי וואַרט אויף אייך פאַרן טיר. ער שיקט מיך, איך זאָל וואָרענען. אַנטלויפט.

— ווו זאָל איך לויפן ?

— אין דער שווייץ. קאַנעט נעמט אייך מיט אין זיין אויטאָ.

— און אָליוויער ?

— מיר האָבן נישט קיין צייט צו פּלוידערן.

— איך פאַר גישט, איידער איך וועל אים נישט זען.

— איר וועט אים זען דאָרטן. מאָרגן וועט איר זיך טרעפן. ער וועט קומען מיטן ערשטן צוג. גיכער! איך וועל אייך אַלץ דער־קלערן.

ער האָט אָנגעכאַפּט קריסטאָפן פאַרן האַנט. קריסטאָף איז גע־ווען באַטויבט פון דעם ליאַרם און ווילדן שטורם, וואָס האָט אים געבושעוועט, און ער האָט נישט געקאָנט באַגרייפן, וואָס ער האָט אייגנטלעך געטון און וואָס פאַרלאַנגט מען פון אים. ער האָט זיך געלאָזט מיטשלעפן. מאַנעס האָט אים גענומען אונטער איין אָרעם און קאַנעט אונטערן אַנדערן. קאַנעט איז נישט געווען איבעריק נתפעל פון דער ראָלע, וואָס מען האָט אים באַשטימט אין דער דאָזיקער געשיכטע. דער גוטער קאַנעט וואָלט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, ווען מען זאָל קריסטאָפן אַריינזעצן אין תפיסה, אָבער ס׳וואָלט אים ליבער געווען, אַז אַן אַנדערער זאָל אים ראַטעווען, נישט ער. מאַ־נעס האָט אים געקענט, און אַזוי ווי זיין פּחדנות האָט דערוועקט אין אים געוויסע ספקות, האָט ער זיך אין דער לעצטער מינוט, ווען דער אויטאָ האָט זיך שוין געגרייט אָפּצופאָרן מישב געווען און האָט זיך אַריינגעזעצט צו זיי.

אָליוויער איז נאָך אַלץ נישט געקומען צום באַוווסטזיין. קיינער איז נישט געווען אין צימער אויסער אוירעליען און דעם קליינעם הויקער. אַ טרויעריקער צימער אָן ליכט און אָן לופט! עס איז גע־ווען כמעט נאַכט... אָליוויער האָט אַ ווייַלע אַרויסגעטויכט פון דעם תהום. ער האָט געפילט אויף זיין האַנט עמאַנועלס ליפּן און טרערן. ער האָט לייכט אַ שמייכל געטון און מיט אָנשטרענגונג געלעגט זיין האַנט אויפן יינגלס קאָפּ. ווי שווער עס איז געווען די האַנט!.. ער ער איז ווידער פאַרזונקען געוואָרן.

אוירעליע האָט אים צוקאָפּנס געלעגט אויפן קישן אַ בינטל פון ערשטן מאַי: אַ פּאָר קליינע מאַי־גלעקלעך. פון הויף האָט מען גע־הערט, ווי פון דעם שלעכט־פאַרשלאָסענעם וואַסער־קראַן זענען טראָפּנס געפאַלן אין אַן עמער. בילדער האָבן אויף אַ רגע אַ ציטער געטון

אינם תהום פון די זכרונות, ווי אַן אויסגייענדיק ליכט... אַ הויז אין דער פּראָווינץ, גליצינגען אויפן מויער, אַ גאָרטן, וווּ עס האָט זיך געשפּילט אַ קינד: עס איז געלעגן אויפן גראָז. אַ פּאָנטאַן האָט געריזלט אין אַ שטיינערנעם בעקן, אַ קליין מיידעלע האָט געלאַכט...

זיי האָבן פאַרלאָזט פּאַריז. זיי זענען דורכגעפאָרן ווייטער, אין נעפּל איינגעהילטע פּליינען. אין אַן ענלעכן אָוונט, מיט צען יאָר צוריק איז קריסטאָף אָנגעקומען קיין פּאַריז. אויך דעמאָלט פּונקט ווי היינט, איז ער געווען אַן אַנטלאָפענער. דעמאָלט אָבער האָט געלעבט דער, וואָס האָט אים ליב געהאַט, און קריסטאָף איז אַנטלאָפן צו אים.

אין דער ערשטער שעה איז נאָך קריסטאָף געווען אונטער דעם איינדרוק פון קאַמף. ער האָט גערעדט אַ סך און זייער הויך. ער האָט אין אָפּגעריסענע זאַצן דערציילט וואָס ער האָט געזען און געטון. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיינע העלדישע מעשים און נישט געפילט קיין געוויסנביסן. מאַנעס און קאַנעט האָבן אויך גערעדט, כדי אים צו פאַרעדן. ביסלעכווייז איז די היץ אַראָפּגעפאַלן און קריסטאָף איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיינעביידע באַגלייטער האָבן ווייטער גערעדט אַליין. ער איז געווען אַ ביסל באַרוישט פון די נאָכמיטאָגפּאַסירונגען, אָבער לחלוטין נישט נידערגעשלאָגן. ער האָט זיך דערמאָנט די צייט, ווען ער איז אָנגעקומען קיין פראַנקרייך, שוין אַ וואָגלענדיקער, שטענדיק אַ נע־ונדניק. ער האָט געמוזט לאַכן. דאָס איז מסתמא געווען זיין גורל. ער האָט נישט געהאַט קיין צער, וואָס ער פאַרלאָזט פּאַריז. די וועלט איז גרויס, די מענטשן אומעטום די זעלבע. ס׳איז אים געווען אַלץ איינס ווו ער האָט זיך געפונען, אַבי ער איז געווען צוזאַמען מיט זיין פריינט. ער האָט גערעכנט, אַז צומאָרגנס אין דערפרי וועלן זיי זיך ווידער טרעפן. מען האָט עס אים צוגעזאָגט.

זיי זענען אָנגעקומען קיין לאַראָש. מאַנעס און קאַנעט האָבן אים נישט פריער פאַרלאָזן איידער זיי האָבן אים נישט אַריינגעזעצט אין דעם אָפּפאָרנדיקן צוג. קריסטאָף האָט זיך נאָכאַמאָל אויסגעפרעגט

אין וועלכן אָרט ער דאַרף אויסשטייגן, ווי דער נאָמען פון האָטעל און וווּ איז די פּאָסט, ווו ער קאָן אָפּנעמען אַ ידיעה. קעגן זייער ווילן האָבן זיי אויסגעזען פאַרחושכט בעת זייער צעשיידונג. קריסטאָף האָט זיי פריילעך געטרייסלט די הענט.

— גאָט מיינער! מאַכט נישט אַזוינע פאַרטרויערטע מינעס! — האָט ער צו זיי אויסגערופן. — מיר וועלן זיך נאָך זעען: דאָס איז דאָך נישט קיין מלוכה־ענין. מאָרגן וועלן מיר אייך שרייבן.

דער צוג האָט זיך אַ ריר געטון פון אָרט. זיי האָבן אים נאָכגעקוקט.

— אָרעמער קריסטאָף! — האָט מאַנעס געזאָגט צו קאַנעטן.

זיי זענען ווידער אַריין אין אויטאָ. ביידע האָבן געשוויגן. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט קאַנעט געזאָגט צו מאַנעסן:

— איך גלויב, אַז מיר זענען באַגאַנגען אַ פאַרברעכן.

מאַנעס האָט גלייך נישט געענטפערט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— מילא. די טויטע זענען טויט. מען מוז ראַטעווען די לעבעדיקע.

מיט דער אָנקומענדיקער נאַכט איז קריסטאָפס אויפרעגונג כּסדר געפאַלן. פאַרוקט אין אַ ווינקל פון קופּע, האָט ער געטראַכט, אויסגעניכטערט און פאַרגליווערט. אויף זיינע הענט האָט ער געזען בלוט, וואָס איז נישט געווען זיינס. אַ שוידער פון עקל איז דורכגעלאָפן זיין לייב. דאָס בילד פון דער רציחה האָט ווידער אַרויסגעטויכט פון זיינע אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געמאָרדעט און ער האָט נישט געוווּסט, פאַרוואָס. ער האָט ווידער אַרויסגערופן אין זכּרון די גאַנצע קאַמפּסצענע, אָבער דאָס מאָל האָט ער זי געזען מיט גאַנץ אַנדערע אויגן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער האָט זיך אין דעם אַריינגעפּלאָנטערט. ער האָט ווידער איבערגעלעבט דעם טאָג, פון יענעם אויגנבליק, ווען ער איז מיט אָליוויערן אַרויס פון שטוב. ער האָט נאָכאַמאָל דורכגעמאַכט מיט אים דעם וועג איבער פּאַריז, ביז צום מאָמענט, ווען ער איז מיטגעריסן געוואָרן פון ווירבל. אין דעם אָרט האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט צו פאַרשטיין. זיין געדאַנקען-קייט איז איבערגעריסן געוואָרן. ווי האָט ער געקאָנט שרייען, שלאָגן, פאַרלאַנגען עפּעס צוזאַמען מיט די דאָזיקע מענטשן, וואָס ער האָט נישט געגלויבט מיט זייער גלויבן? דאָס איז נישט געווען ער,

ניִשט ער!.. דאָס קאָן מען דערקלערן נאָר מיט אַ פולשטענדיקער פאַר־טונקלטקייט פון זיין ווילן!.. ער איז געווען אויפגעבראַכט און פאַר־שעמט. איז ער ניִשט געווען קיין האַר איבער זיך? ווער זשע איז געווען זיין האַר?... דער שנעל־צוג האָט אים אַוועקגעטראָגן אין דער נאַכט אַריין. אויך אין אים איז געווען פינסטערע נאַכט, אַן אומבאַ־קאַנטע, טונקעלע קראַפט... ער האָט געפּרוּווט זיך אָפּצוטרייסלען פון זיין נידערגעשלאָגנקייט, אָבער אָנשטאָט דעם האָט אַ נייע דאגה אַרויס־געטויכט אין אים. וואָס נעגטער ער איז געווען צום ציל, אַלץ מער האָט ער געטראַכט וועגן אָליוויערן און אַן אומרו אָן אַ שום סיבה האָט אים גענומען מאַטערן.

ווען ער איז אָנגעקומען האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער אויפן וואָקזאַל, צי וועט ער ניִשט דערזען די ליבע, באַקאַנטע גע־שטאַלט... קיינער איז ניִשט געווען. ער איז אַרויס פון צוג און זיך נאָך אַלץ אַרומגעקוקט. עטלעכע מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט אים... ניין. דאָס איז ניִשט געווען „ער". ער איז אַוועק אין האָ־טעל, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו טרעפן. אָליוויער איז דאָרטן ניִשט געווען. קריסטאָף האָט ניִשט געהאַט קיין שום סיבה זיך צו וווּנדערן: ווי האָט אָליוויער געקאָנט דאָרטן זיין פריער פון אים? אָבער פון דער רגע אָן האָט זיך אָנגעהויבן די פּיין פון וואַרטן.

דאָס איז געווען אינדערפרי. קריסטאָף איז אַוועק צו זיך אין צימער. ער איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן, געפרישטיקט, אַרומגעשלעפּט זיך איבער די גאַסן. ער האָט זיך געמאַכט האַרץ, באַטראַכט די אָזערע, די שוי־פענסטער פון די קראָמען, געשפּאַסט מיט דער קעלנערין, גע־בלעטערט אין אילוסטרירטע צייט־שריפטן... קיין זאַך האָט אים ניִשט גענומען. דער טאָג האָט זיך פּאַמעלעך און שווער געשלעפּט, אַרום זיבן אַזייגער האָט קריסטאָף, פריער ווי שטענדיק און אָן אַפּעטיט געגעסן מיטאָג, ווייל ער האָט ניִשט געהאַט קיין בעסערס וואָס צו טון, און איז ווידער אַרויף צו זיך אין צימער. פריער האָט ער גע־בעטן, אַז ווי נאָר זיין פריינט וועט קומען, זאָל מען אים באַלד אַרויפפירן צו אים. ער האָט זיך געזעצט ביים טיש, אויסגעדרייט מיטן רוקן צום טיר. ער האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו טון, קיין שום פּעק, קיין בוך, גאָרנישט, אויסער אַ צייטונג, וואָס ער האָט גע־קויפט. ער האָט זיך געצוואונגען צום לייענען, אָבער זיין אויפמערק־זאַמקייט איז אַוועק אויף אַן אַנדער וועג: ער האָט פאַרנומען דעם

גערויש פון יעדן טריט אין קאָרידאָר. אַלע זיינע חושים זענען געווען אָנגעשפּאַרט דורך דער אָנשטרענגונג פונם וואַרטן אַ גאַנצן טאָג און פון דער שלאָפלאָזער נאַכט.

פלוצלינג האָט ער דערהערט, ווי עס עפנט זיך די טיר. אַן אומדערקלערלעך געפיל האָט אים נישט געלאָזט זיך אַ ריר טון פון אָרט. ער האָט געפילט ווי אַ האַנט לעגט זיך אים אויפן אַקסל. ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען אָליוויערן, וואָס האָט געשמייכלט צו אים. ער האָט זיך נישט געוווּנדערט און געזאָגט:

— אַך, דו ביסט לסוף געקומען!

די דערשיינונג איז נעלם געוואָרן. קריסטאָף איז האַסטיק אויפגעשטאַנען. אַ שטויס געטון דעם טיש און זיין שטול, אַזוי אַז ער איז אומגעפאַלן. די האָר האָבן זיך אים געשטעלט קאַפּויר. איין אויגנבליק איז ער געשטאַנען בלייך ווי אַ מת, און ס'האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

פון דער רגע אָן — הגם ער האָט גאָרנישט געוווּסט און כסדר איבערגעחזרט, אַז ער ווייס נישט — האָט ער געוווּסט אַלץ. ער האָט זיכער געוווּסט, וואָס עס וועט איצט קומען.

ער האָט נישט געקאָנט בלייבן אין צימער און ער איז אַרויס אויפן גאַס. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצע שעה. ווען ער איז געקומען צוריק האָט אים דער פּאָרטיער פון האָטעל דערלאַנגט אין קאָרידאָר אַ בריוו. דעם בריוו. ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט קומען. זיין האַנט האָט געציטערט, ווען ער האָט אים גענומען. ער איז אַרויף צו זיך אין צימער, כּדי איבערצולייענען. ער האָט געעפנט דעם בריוו און פאַרשטאַנען, אַז אָליוויער איז טויט. ער האָט געחלשט.

דער בריוו איז געווען פון מאַנעסן. ער האָט אים געשריבן, אַז אין לעצטן אָוונט פאַרן אָפּפאָר האָט מען באַהאַלטן פון קריסטאָפן דאָס אומגליק, כּדי נישט אָפּצושלעפן זיין רייזע; מען האָט דערמיט דערפילט אָליוויערס פאַרלאַנג, וואָס האָט געוואָלט, אַז זיין פריינט זאָל זיין געראַטעוועט. — אַז ער וואָלט אים סיי ווי סיי גאָרנישט געהאָלפן אַפילו ער זאָל געווען בלייבן. ער וואָלט נאָר זיך אַליין אומגעבראַכט. — אַז ער מוז לעבן פאַרן זכר פון זיין פריינט און פון זיינע אַנדערע פריינט און פאַר זיין אייגענעם רום... און אַזוי ווייטער... אוירעליע האָט מיט איר צעדרייטן, ציטעריקן כּתב צוגעגעבן

עטלעכע שורות, אַז זי וועט טון זיין פריינט די רעכט, אַזוי גוט ווי זי וועט נאָר קאָנען...

ווען קריסטאָף איז ווידער געקומען צו זיך, האָט ער באַקומען אַן אָנפאַל פון ווילדקייט. ער האָט געוואָלט דערהרגענען מאַנעסן. ער האָט זיך געלאָזט לויפן צום וואָקזאַל. דער קאָרידאָר פון האָטעל איז געווען פוסט, די גאַסן אויסגעליידיקט. אויף דרויסן האָבן די פאַר־בייגייער, וואָס זענען שפּעט באַנאַכט געגאַנגען אַ היים, נישט געלעגט קיין אַכט אויפן שווער־סאַפּנדיקן מאַן מיט די בלאָנדזענדיקע אויגן ווי אַ בולדאָג מיט זיינע ציין, האָט זיך קריסטאָף פאַרביסן אָנגעכאַפּט אין זיין פיקס־אידעע: — הרגענען מאַנעסן! דערהרגענען!

ער האָט געוואָלט פאָרן צוריק קיין פאַריז. דער שנעלצוג איז אַוועק מיט אַ שעה פריער. ער האָט געמוזט וואַרטן ביז אינדערפרי. וואַרטן האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט. ער איז אַריין אין דעם ערשטן צוג, וואָס איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון פאַריז און האָט זיך פאַרהאַלטן אויף יעדער סטאַציע. ער איז געווען אַליין אין וואַגאָן, ער האָט אָן אויפהער געשריגן:

— ס'איז נישט אמת!! ס'איז נישט אמת!

אויף דער צווייטער סטאַציע נאָך דער פראַנצויזישער גרענעץ איז דער צוג שטיין געבליבן, ער איז ווייטער נישט געגאַנגען. קריסטאָף האָט ציטערנדיק פון ווילדן' צאָרן אַרויסגעשטיגן, זיך נאָכ־געפרעגט אויף אַ צווייטן צוג, אָנגעשטויסן זיך אויף דער פאַרשלאָ־פענער גלייכגילטיקייט פון די באַאַמטע. וואָס ער זאָל נישט טון, וועט ער דאָך קומען צו שפּעט! צו שפּעט פאַר אָליוויערן. עס וועט זיך אים נישט איינגעבן אויפצוזוכן מאַנעסן. מען וועט אים אַרעסטירן. וואָס זאָל ער טון? פאָרן ווייטער? אומקערן זיך צוריק? צו וואָס? צו וואָס?... עס איז אים איינגעפאַלן זיך איבערצוגעבן אַליין דעם זשאַנ־דאַר, וואָס איז גראָד פאַרביי־געגאַנגען. אַ טונקעלער אינסטינקט האָט אים דערפון אָפּגעהאַלטן און אים געראַטן, ער זאָל זיך אומקערן צו־ריק אין דער שווייץ. פריער ווי אין אַ פּאָר שעה אַרום איז קיין צוג נישט געגאַנגען נישט אין דער ריכטונג, נישט אין יענער. קריסטאָף

האָט זיך געזעצט אין וואַרט־זאַל, ער האָט נישט געקאנט איינזיצן, ער האָט פאַרלאָזן דעם וואָקזאַל און געלאָזט זיך גיין אין דער נאַכט אַריין, ווי די אויגן האָבן אים געטראָגן. ער האָט זיך געפונען אין מיטן אַ פוסט לאַנד, צווישן פעלדער, וואָס זענען דאָ און דאָרט געווען איבערגעשניטן מיט רייען יאָדלעס. ער איז געגאַנגען פאַרויס. ער האָט קוים געמאַכט עטלעכע שריט, און פלוצלינג אַ וואָרף געטון זיך אויף דער ערד מיט אַ געשריי:

— אָליווייער !

ער איז געלעגן קווער אויסגעצויגן איבערן וועג און גע־כליפּעט.

אין אַ צייט אַרום, ווען ער האָט געהערט פון ווייטן דעם פייף פון צוג, איז ער ווידער אויפגעשטאַנען. ער האָט געוואָלט גיין צוריק צום וואָקזאַל, נאָר ער האָט פאַרבלאָנדזעט. ער איז געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט. וואָס איז אים אָנגעגאַנגען, וווהין ער גייט? ער האָט געוואָלט וואַנדערן, כדי נישט צו טראַכטן, וואַנדערן ביז ער וועט אין גאַנצן פאַרגעסן, ביז ער וועט פאַלן טויט. ער האָט געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג: צו שטאַרבן.

באַגינען איז ער געבליבן שטיין אין אַ פראַנצויזישן דאָרף, ווייט פון דער גרענעץ, אין משך פון דער נאַכט האָט ער זיך פון איר דערווייטערט. ער איז אַריין אין אַ קרעטשמע, אָנגעגעסן זיך, ווידער אַרויס געגאַנגען און געלאָזט זיך אין וועג אַריין, אין משך פון טאָג איז ער געפאַלן אויף אַ לאָנקע און אָפּגעשלאָפן ביזן אָוונט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין ווידער געווען נאַכט. זיין צאָרן איז אַוועק. עס איז אים געבליבן נאָר אַ פיינלעכער ווייטיק, וואָס האָט אים פאַרהאַקט דעם אָטעם. ער האָט זיך דערשלעפּט צו אַ פויערשן הויף, געבעטן אַ שטיק ברויט און אַ בינטל שטרוי צום שלאָפן. דער פויער האָט אים שאַרף אָנגעקוקט, אָפּגעשניטן אַ שטיקל ברויט, אַריינגעפירט אים אין שטאַל און פאַרשלאָסן. קריסטאָף האָט זיך געלעגט אויפן שטרוי נעבן די קי, פון וועלכע ס'האָט זיך געטראָגן אַ זיסלעכער ריח און האָט איינגעשלונגען דאָס ברויט. זיין פנים איז געווען באַגאָסן מיט טרערן. אָבער דער הונגער און דער ווייטיק זע־נען נישט געלינדערט געוואָרן, אויך אין דערנאַכט האָט אים דער שלאָף אויף עטלעכע שעה באַפרייט פון זיינע יסורים. אַ גערויש פון

דער געפענטער טיר האָט אים אויפגעוועקט צומאָרגנס אינדערפרי. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אָן באַוועגונג. ער האָט נישט געוואָלט ווידער דערוואַכן צום לעבן. דער פויער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אי־בער אים און אים לאַנג אָנגעקוקט. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּאַפּיר, אויף וועלכן ער האָט פון צייט צו צייט אַ קוק געטון. לסוף האָט ער געמאַכט אַ שריט פאָרויס און צוגערוקט קריסטאָפן אַ צייטונג אונטער דער נאָז. אויף דער ערשטער זייט האָט קריסטאָף דערזען זיין אייגענעם פּאָרטרעט.

— דאָס בין איך, — האָט קריסטאָף געזאָגט, — גיס מיך אי־בער אין די הענט פון דער פּאָליציי.

— שטייט אויף! — האָט געזאָגט דער פויער.

קריסטאָף איז אויפגעשטאַנען. דער מאַן האָט אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל גיין נאָך אים. זיי זענען אַרויס הינטערן שטאַל און אַרויף אויף אַ וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן די פרוכט־ביימער. ווען זיי זענען אָנגעקומען צו אַ קרייץ, האָט דער פויער געוויזן קריסטאָפן דעם וועג און געזאָגט:

— דורך דאַנען גייט מען צו דער גרענעץ.

קריסטאָף האָט זיך מעכאַניש געלאָזט אין וועג אַריין. ער האָט נישט געוווּסט צו וואָס ער גייט אייגנטלעך. ער איז געווען מיד, מיט אַ צעבראָכענעם גוף און נשמה, און ער האָט חשק געהאַט ביי יעדן טריט צו בלייבן שטיין. אָבער ער האָט געפילט, אַז אויב ער וועט בלייבן שטיין, וועט ער שוין ווייטער גיין נישט קענען און ער וועט פאַלן אויפן אָרט. אָט אַזוי האָט ער ווידער געוואַנדערט דעם גאַנצן טאָג. ער האָט קיין גראָשן נישט געהאַט צו קויפן זיך ברויט. אָגב, האָט ער אויסגעמיטן די דערפער. דורך אַ מערקווירדיק געפיל, וואָס זיין שכל האָט נישט געוווּסט פון אים, האָט דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט געוואָלט שטאַרבן, מורא געהאַט צו ווערן אַרעסטירט. זיין קערפּער איז געווען ווי אַ געיאָגטע חיה, וואָס אַנטלויפט. זיין פי־זישע נויט, די מידקייט, דער הונגער, אַ טונקעלער פּחד, וואָס האָט זיך גענומען פון זיין מידקייט, האָבן אויף אַ רגע דערשטיקט זיין מאָראַלישע פאַרצווייפלונג. ער האָט מער נישט פאַרלאַנגט, ווי צו געפינען אַ שוץ ווי זיך צו פאַרמאַכן מיט זיין ווייטיק און אַנצופרעסן זיך מיט אים.

ער איז אַריבער די גרענעץ. אין דער ווייטן האָט ער דערזען

א שטאט, וואס איבער איר האבן זיך געהויבן די גלאקנטורמס און פאבריק־קוימענס, מיט לאנגע רויך־קנוילן, ווי שווארצע טייכן, וואס האבן זיך געצויגן איינטאניק דורך דער גרויער לופט אלע אין איין ריכטונג. ער איז געפאלן פון די פיס. אין דעם אויגנבליק האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אין אָט דער שטאָט האָט ער אַ באַקאַנטן דאָקטאָר פון זיין שטעטל, אַ געוויסן עריק ברוין, וואָס האָט אים אין פאָריקן יאָר, בעת זיין ערפאָלג איז געוואַקסן, געשריבן אַ בריוו און דער־מאָנט קריסטאָפן אָן אַן אַלטן באַקאַנטן. ווי דורכשניטלעך ברוין איז נישט געווען, און ווי ווייניק קריסטאָף איז נישט געווען פאַרבונדן מיט זיין לעבן, האָט ער דאָך מיטן אינסטינקט פון אַ פאַרוואונדעטער חיה געמאַכט די העכסטע אָנשטרענגונג צו פאַלן פאַר דער טיר פון עמעצן, וואָס איז אים נישט געווען אינגאַנצן פרעמד.

אַ שלייער פון רויך און פון רעגן האָט אַרומגעהילט די גרויע און רויטע שטאָט, אין וועלכער קריסטאָף איז אַריין. ער איז דורכגע־גאַנגען די גאַסן, נישט זעענדיק גאָרנישט, נאָכגעפרעגט זיך דעם וועג, געגאַנגען, זיך צוריקגעקערט און געבלאָנדזעט. די כוחות זענען אים שוין אויסגעגאַנגען. מיט דער לעצטער אָנשטרענגונג פון זיין אָנגע־שפּאַנטן ווילן האָט ער געמוזט קריכן איבער אַ געסל מיט משופּעדי־קע טרעפּ, וואָס האָבן אַרויסגעפירט צו אַ שמאָל בערגל, ווו די היי־זער האָבן זיך געטוליעט צו אַ פינסטערער קירכע. זעכציק רויטע שטיינערנע טרעפּ צו דריי אָדער צו זעקס. צווישן יעדער טרעפּ־אָפּ־טיילונג איז געווען אַ קליינע פּלאַטפאָרם, וואָס האָט געפירט צו אַ טיר פון אַ הויז. אויף יעדן טרעפּ האָט קריסטאָף אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. פון מידקייט האָט ער זיך געוואַקלט אויף די פיס. אויבן אי־בער דעם טורם האָבן געקרייזט ראָבן. לסוף האָט ער איבערגעלייענט אויף אַ טיר דעם געזוכטן נאָמען. ער האָט אָנגעקלאַפּט. — דאָס געסל איז געלעגן אין חושך. פון אויסגעשעפּטקייט האָט ער צוגעמאַכט די אויגן. אין אים איז געווען אַ שוואַרצע נאַכט... אייביקייטן זענען פאַרביי...

די טיר האָט זיך האַלב געעפנט. אויף דער שוועל האָט זיך

באַוויזן אַ פרוי. איר פּנים איז געווען אין שאָטן, אָבער דער סילועט פֿון איר געשטאַלט האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון דעם העלן אונטער־גרונט פֿון אַ גערטנדל, וואָס מען האָט געזען ביים עק פֿון אַ לאַנגן קאָרידאָר אין דעם שיין פֿון דער אונטערגייענדיקער זון. זי איז גע־ווען הויך, געהאַלטן זיך גלייך. זי האָט נישט גערעדט און געוואַרט, ער זאָל עפּעס זאָגן. ער הי̇ט אירע אויגן נישט געזען, נאָר געפֿילט איר בליק. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויפֿן דאָקטאָר עריך ברוין און אָנגערופֿן זיין אייגענעם נאָמען, די ווערטער זענען מיט מאַטערניש אַרויס פֿון זיין האַלז. ער איז געווען אויסגעשעפּט פֿון מידקייט, דורשט און הונגער. די פרוי איז אַריין אין שטוב, נישט רעדנדיק קיין וואָרט. קריסטאָף איז אַריין נאָך איר אין אַ צימער מיט פֿאַר־מאַכטע לאָדנס. אין דער פֿינסטער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער פרוי. זיינע קני און זיין לייב האָבן אָנגערירט איר שווייגנדיקן קערפּער. זי איז אַרויסגעגאַנגען, פֿאַרמאַכט די טיר הינטער זיך און געלאָזט אים אַליין אין דער פֿינסטער. צוליב מורא, טאָמער וואַרפֿט ער עפּעס אום, איז ער געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, און צוגעדריקט דעם שטערן צו די גלאַטע טאַפּעטן. אין די אויערן האָט אים גערוישט. פֿאַר זיינע אויגן האָבן שאָטנס אַרומגעטאַנצט.

אויפֿן אויבערשטן שטאָק האָט מען אַ רוק געטון אַ שטול. מען האָט געהערט אַ געשריי פֿון איבערראַשונג, און אַ טיר האָט זיך האַ־סטיק צוגעמאַכט. שווערע טריט זענען אַראָפּגעקומען פֿון די טרעפּ.

— ווו־זשע איז ער? — האָט געפֿרעגט אַ באַקאַנטע שטים.

די טיר פֿון דעם צימער האָט זיך ווידער געעפֿנט.

— וואָס? מען האָט אים געלאָזט אין דער פֿינסטער? אַננאַ! צו אַלדי רוחות! אַ ליכט!

קריסטאָף איז געווען אַזוי שוואַך און געפֿילט זיך אַזוי פֿאַר־לוירן, אַז דער קלאַנג פֿון דער ליאַרמדיקער, אָבער האַרציקער שטים האָט אים פֿאַרלייכטערט זיין עלנט. ער האָט אָנגעכאַפּט די הענט, וואָס מען האָט צו אים אויסגעשטרעקט. מען האָט געבראַכט אַ ליכט.ביידע מענער האָבן זיך איבערגעקוקט. ברוין איז געווען קליין. ער האָט געהאַט אַ רויט געזיכט, מיט אַ שוואַרצער, האַרטער און שלעכט־ראַזירטער באָרד, גוטע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעלייכט פֿון אונטער די ברילן, אַ ברייטן, געביילטן שטערן, וואָס איז געווען געקנייטשט,

אויסגעמאַטערט און אַן אויסדרוק, און זאָרגעוודיק צום קאָפּ צוגע־בערשטלטע און ביז צום נאַקן געשייטלטע האָר. ער איז געווען זייער מיאוס. קריסטאָף אָבער איז געווען צופרידן אים צו זען און צו דריקן אים די האַנט. ברוין האָט נישט באַהאַלטן זיין איבעררעשונג.

— גאָט מיינער, ווי פאַרענדערט ער איז! אין וואָס פאַרא מצב.

— כ׳קום פון פּאַריז, — האָט קריסטאָף געזאָגט — איך בין אַנטלאָפן.

— איך ווייס, איך ווייס, — מיר האָבן עס געלייענט אין דער צייטונג. מען האָט געזאָגט, אַז מען האָט אייך אַרעסטירט. גאָט צו דאַנקען! אַננאַ און איך האָבן זייער פיל געטראַכט וועגן אייך.

ער האָט איבערגעריסן און אָנגעוויזן קריסטאָפן אויף דער שווייגנדיקער געשטאַלט, וואָס האָט אים אויפגענומען:

— מיין פרוי.

זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון צימער מיט דער לאָמפּ אין דער האַנט. אַ פאַרשלאָסן פּנים מיט אַ שטאַרקן קין. דאָס ליכט איז געפאַלן אויף אירע ברוינע, רויט־גלאַנציקע האָר און אויף איר פאַרבלאָזער הויט. זי האָט מיט אַ שטייפער באַוועגונג דערלאַנגט קרי־סטאָפן די האַנט, בעת אירע עלנבויגנס זענען געבליבן צוגעדריקט צום קערפּער. ער האָט אָנגענומען איר האַנט, נישט קוקנדיק אויף איר. ער האָט געהאַלטן ביים חלשן.

— איך בין געקומען... — האָט ער זיך געפּרווט פאַרענטפערן.— כ׳האָב געטראַכט, אַז איר וועט אפשר זיין אַזוי פריינטלעך... איבּ איך וועל אייך נישט שטערן... מיך אויפצונעמען אויף אַ טאָג...

ברוין האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן.

— איין טאָג!... צוואַנציק טעג, פופציק, וויפיל איר ווילט. כּל־זמן איר זענט אין דער שטאָט, וווינט איר ביי אונז, און איך האָף, אַז דאָס וועט דויערן לאַנג. עס איז פאַר אונז אַ כּבוד און אַ גליק.

די דאָזיקע האַרציקע ווערטער האָבן קריסטאָפן אַרויסגעפירט פון די כּלים. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון ברוינען אין די אָרעמס.

— מיין גוטער קריסטאָף, מיין טייערער קריסטאָף! — האָט ברוין גערעדט. — ער וויינט... וואָס איז געשען? אַננאַ! אַננאַ! גיכער, ער חלשט...

קריסטאָף האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיינע אָרעמס. די חלשות,

וואָס ער האָט געפּילט שוין פון עטלעכע שעה, האָט אים איצט אומ־געוואָרפן פון די פיס.

ווען ער האָט ווידער געעפנט די אויגן, איז ער געלעגן אין אַ גרויס בעט. אַ ריח פון פייכטער ערד איז אַריין דורכן אָפענעם פענסטער. ברוין איז געשטאַנען געבויגן איבער אים.

— זייט מוחל, — האָט קריסטאָף געשטאַמלט און געפּרוּווט זיך אויפהייבן.

— אָבער ער שטאַרבט דאָך פון הונגער. — האָט אויסגערופן ברוין.

די פרוי איז אַרויסגעגאַנגען, באַלד זיך אומגעקערט מיט אַ טעפּעלע און געגעבן אים צו טרינקען, ברוין האָט אים אונטערגע־האַלטן דעם קאָפּ. קריסטאָף איז ווידער געקומען צו זיך. אָבער די מידקייט איז געווען שטאַרקער פון דעם הונגער. קוים האָט ער ווי־דער געלעגט דעם קאָפּ אויפן קישן, איז ער באַלד אַנטשלאָפן גע־וואָרן. ברוין און זיין פרוי האָבן איבער אים געוואַכט. נאָר ווען זיי האָבן געזען, אַז ער נויטיקט זיך נאָר אין רו, האָבן זיי אים גע־לאָזט אַליין.

עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שלאָף, וואָס האָט געדויערט, ווי ס'האָט זיך געדאַכט, לאַנגע יאָרן; אַ שלאָף, וואָס מאַטערט אויס אוי. אין וועלכן מען ליגט שווער, ווי בליי, אויפן גרונט פון אַ טייך מען ווערט אַ קרבן פון דער אָנגעזאַמלטער מידקייט און שרעק־ביל־דער, וואָס קרייזן אַרום אָן אויפהער פאַר די טויערן פון דעם ווילן. דערהיצט, צעבראָכן, פאַרלוירן אין אָט דער אומבאַקאַנטער נאַכט, — האָט ער זיך געוואָלט אויפכאַפּן, ער האָט אָן אויפהער פאַרנומען די שעהן און האַלבע שעהן פון דעם טורם־זייגער. ער האָט נישט גע־קאָנט אָטעמען, נישט טראַכטן, נישט אַ ריר טון זיך פון אָרט. ער איז געלעגן געפּענטעט, פאַרשטיקט, ווי אַ מענטש, וואָס ווערט דער־וואָרגן. ער האָט זיך געוואָלט פאַרטיידיקן און איז פון דאָס ניי פאַר־זונקען געוואָרן איין אַ טיפן שלאָף. לסוף איז געקומען דער באַגינען, דער שפּעטער און גרויער באַגינען פון אַ רעגנדיקן טאָג. די אומ־

דערטרעגלעכע היץ, וואָס האָט אים פאַרברענט, איז געפאַלן. אָבער זיין קערפער איז געלעגן, ווי אונטער אַ באַרג. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. אַ שרעקלעכע דערוואַכונג!

— צו וואָס עפענען די אויגן? צו וואָס זיך אויפכאַפּן? בלייבן ליגן, ווי מיין אָרעמער קליינער פריינט, וואָס רוט אין דער ערד...

ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן רוקן און זיך נישט גערירט, הגם ס'איז אים געווען אומבאַקוועם צו ליגן אין בעט. די הענט און די פיס זענען אים געווען שווער ווי שטיינער. ער האָט זיך געפילט ווי אין קבר. אַ טונקעל ליכט, אַ פּאָר רעגנטראָפּנס האָבן אַ קלאַפּ געטון אין פענסטער, אין גאָרטן האָט זיך אַ פויגל צעזונגען מיט אַ קלאָגנדיקן טאָן. וואָס פאַר אַן עלנט! ווי אומזיניק־גרויזאַם!

די שעהן זענען געלאָפן. ברוין איז אַריינגעקומען. קריסטאָף האָט נישט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ. ווען ברוין האָט דערזען, אַז ער ליגט מיט אָפענע אויגן, האָט ער פרייליך גענומען פלוידערן. און ווען קריסטאָף האָט ווייטער געגלאָצט צום סופיט מיט אַ פינסטערן בליק, האָט ער געפרווט פאַרטרייבן זיין מרה־שחורה. ער האָט זיך געזעצט אויפן בעט און גענומען רעדן אויפן קול. דער דאָזיקער ליאַרם איז פאַר קריסטאָפן געווען אומדערטרעגלעך. ער האָט געמאַכט אַן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג און געזאָגט:

— איך בעט אייך. לאָזט מיך אַליין.

דער גוטער ברוין האָט באַלד געענדערט דעם טאָן.

— איר ווילט זיין אַליין? נו, נאַטירלעך! געוויס. בלייבט נאָר רויק ליגן. רוט זיך אויס. רעדט נישט, מען וועט אייך באַלד ברענגען עסן, און קיינער וועט נישט רעדן.

אָבער ער איז נישט געווען בכוח זיך אויסצודריקן קורץ. נאָך לאַנגע טענות האָט ער פאַרלאָזן דאָס צימער, אויף די שפּיצן פון זיינע גראָבע שיך, וואָס אונטער זיי האָט געסקריפּעט דער פאַרקעט. קריסטאָף איז ווידער געבליבן אַליין, פאַרזונקען אין זיין טויטלעכער מידקייט. זיין געדאַנק איז אַריבער אין אַן אומקלאָר געפיל פון ווייטיק. ער האָט זיך פאַרצווייפלט אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין... צו וואָס האָט ער אים געקענט? צו וואָס האָט ער אים ליב געהאַט? צו וואָס האָט זיך אַנטואַנעט געדאַרפט מקריב זיין? וואָס פאַר אַ זין האָבן געהאַט אַט די אַלע לעבנס, אַט די אַלע דורות? דער סכום

פון ביטערע דערפאַרונגען און האָפנונגען, וואָס זענען אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט זייערע לעבנס און זענען פאַרוונקען געוואָרן אין אַ חלל?.. אומזין פון לעבן! אומזין פון טויט! אַ מענטש איז געוואָרן אויסגעמעקט, באַגזלט, אַ גאַנצע ראַסע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, און ס׳איז נאָך איר קיין שפור נישט געבליבן. איז עס געווען עקלהאַפט אָדער גאָר גראָטעסק? אַ בייזער געלעכטער איז אים באַפאַלן, אַ גע־לעכטער פון האַס און פאַרצווייפלונג. זיין אָנמאַכט קעגן דעם ווייטיק, זיין ווייטיק צוליב אַזאַ אָנמאַכט — האָבן אים דערשלאָגן. זיין האַרץ איז געווען צעבראָכן...

אין שטוב האָט מען נישט געהערט דעם מינדסטן גערויש, אוי־סער די טריט פון דעם דאָקטאָר, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען באַזוכן קראַנקע. קריסטאָף האָט פאַרלוירן יעדן חוש פאַר צייט, — ווען ס׳איז פלוצלינג אַריינגעקומען אַננאַ. זי האָט געבראַכט מיטאָג אויף אַ טאַץ. ער האָט זי אומבאַוועגלעך אָנגעקוקט און אפילו קיין ריר נישט גע־טון מיט די ליפן איר צו דאַנקען. אָבער אין זיינע פאַרטראַכטע אויגן, וואָס האָבן, דאַכט זיך, גאָרנישט געזען, האָט זיך איינגעקריצט דאָס בילד פון דער יונגער פרוי מיט פאָטאָגראַפישער גענויקייט. אפילו שפּעטער, ווען ער האָט זי נענטער דערקענט, איז דאָס ערשטע בילד נישט פאַרשוווּנדן געוואָרן. זי האָט געהאַט געדיכטע האָר, געפלאָכטן אין אַ דיקן קנופּ, אַ בולטן שטערן, ברייטע באַקן, אַ קורצע גלייכע נאָז, עקשנותדיק אַראָפּגעלאָזענע אויגן, וואָס ביים באַגעגענען אַ פרעמדן בליק זענען זיי גוטמוטיק און נישט אויפריכטיק אַנטלאָפן. אירע שטאַרקע צוזאַמענגעפּרעסטע ליפן האָבן פאַרמאָגט אַן אַנטשלאָ־סענעם, כמעט האַרטן אויסדרוק. זי איז געווען הויך, האָט אויסגעזען קרעפטיק און גוט געבויט, נאָר איינגעשנירט אין אירע קליידער און שטייף אין אירע באַוועגונגען. זי איז אַריינגעקומען אָן אַ גערויש און אָן איין וואָרט, אַוועקגעשטעלט די טאַץ אויפן טישל ביים בעט און איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט די אָרעמס צו־געפּרעסט צום קערפּער. קריסטאָפן איז נישט איינגעפאַלן זיך צו וווּנדערן אויף דער דאָזיקער מערקווירדיקער און אַ ביסל לעכערלע־כער דערשיינונג. ער האָט נישט אָנגערירט דאָס עסן און האָט ווי־טער שווייגנדיק געליטן.

דער טאָג איז אַריבער. ס׳איז ווידער געוואָרן אָוונט, אַננאַ איז אַריינגעקומען מיט פרישן עסן. זי האָט געפונען דאָס עסן נישט אָנ־

בּערירט און עס צוגענומען אָן איין וואָרט. זי האָט אים קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט, ווי עס איז אינסטינקטיוו די טבע פון יעדער פרוי בנוגע צו אַ קראַנקן. עס האָט אויסגעזען, ווי קריסטאָף ..אָלט פאַר איר נישט עקזיסטירט אָדער ווי זי וואָלט אַליין נישט עקזיסטירט. קריסטאָף האָט דערפילט אַ טונקעלע שנאה, בעת ער האָט אומגעדולדיק באַטראַכט אירע אומגעשיקטע, שטייפע באַוועגונגען, און דאָך איז ער איר געווען דאַנקבאַר, וואָס זי רעדט נישט, בפרט דערפאַר, וואָס באַלד נאָך איר אַוועקגיין האָט ער געמוזט אויסשטיין דעם דאָקטאָרס גוואַלדן, ווייל ער האָט באַמערקט, אַז קריסטאָף האָט אין דערפרי אינגאַנצן נישט געגעסן. ער איז געווען בייז אויף זיין פרוי, וואָס זי האָט אים נישט געצוונגען, און איז אַליין צוגעשטאַנען צו קריסטאָפן. כּדי פּטור צו ווערן, האָט קריסטאָף געמוזט נעמען אַביסל מילך, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

די צווייטע נאַכט איז אַריבער רויקער. דער שווערער שלאָף האָט ווידער אַרומגענומען קריסטאָפן מיט זיין חלל. קיין איין שפּור פון דעם פאַרמיאוסטן לעבן, — די דערוואַכונג אָבער איז געווען נאָך ביטערער. אַלע פּרטים פון דעם שרעקלעכן טאָג זענען אים איצט געקומען אויפן זינען: דאָס, וואָס אָליוויער האָט נישט געוואָלט אַוועקגיין פון שטוב און וואָס ער איז צוגעשטאַנען, ער זאָל גיין צוריק אַהיים... און ער האָט מיט פאַרצווייפלונג געטראַכט:

— איך האָב אים אַליין דערהרגעט.

עס איז אים געווען אוממעגלעך צו בלייבן אַליין פאַרשלאָסן אין זיך און אומבאַוועגלעך אונטער די נעגל פון דעם ספינקס מיט די בלוטדורשטיקע אויגן, וואָס פון אים האָט זיך געטראָגן צו קריסטאָפן אַ ריח פון קברים. ער איז אויפגעשטאַנען מיט היץ, אַרויסגעקראָכן פון צימער, אַראָפּ פון די טרעפּ. ער האָט געפילט אַן אינסטינקטיווע באַדערפעניש צו זיין צווישן מענטשן. אָבער קוים האָט ער פאַרנומען אַ פרעמדע שטים, האָט ער געוואָלט אַנטלויפן.

בּרוין איז געווען אין עס־צימער. ער האָט אויפגענומען קריסטאָפן מיט זיין געוויינלעכער טומלדיקער פריינטשאַפט. ער האָט אים באַלד גענומען אויספרעגן וועגן די פאַריזער געשעענישן. קריסטאָף האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם:

— ניין, — האָט ער געזאָגט — פרעגט מיר גאָרנישט, שפּעטער... איר דאַרפט אויף מיר נישט זיין בייז, איך קאָן נישט. איך

בין שטערבלעך מיד, איך בין אַזוי מיד...

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט ברוין האַרציק געזאָגט. — די נערוון זענען דערשיטערט. דאָס איז די אויפרעגונג פון די איבער־געלעבטע טעג. רעדט נישט, צווינגט זיך נישט צו קיין שום זאַך. איר זענט פריי. איר זענט, ווי ביי זיך אין דער היים. קיינער וועט זיך מיט אייך נישט פאַרנעמען.

ער האָט געהאַלטן וואָרט. כדי איינצושפּאָרן דעם גאַסט די מינדסטע אָנשטרענגונג, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ גוזמא: ער האָט נישט געהאַט קיין העזה צו רעדן מיט דער פרוי אין זיין געגנוואַרט; מען האָט גערעדט שטיל, מען איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. עס איז געוואָרן טויט־שטיל אין שטוב. אויפגערעגט פון דער דאָזי־קער שעפּטשענדיקער שטילקייט, האָט קריסטאָף געבעטן ברוינען, זיי זאָלן נישט ענדערן זייער אָרט לעבן.

אין די ווייטערדיקע טעג האָט מען זיך שוין מיט קריסטאָפן מער נישט פאַרנומען. ער איז געבליבן זיצן לאַנגע שעהן אין אַ ווינקל פון צימער אָדער געגאַנגען איבער דער שטוב, ווי אַ מענטש, וואָס חלומט. וועגן וואָס האָט ער געטראַכט? ער וואָלט עס נישט געקאָנט זאָגן. ער האָט קוים געהאַט כוח צו ליידן. עס איז געוואָרן פון אים אַ תל. די קאַלטקייט פון זיין האַרצן האָט אים פשוט דער־שראָקן. ער האָט נאָר געהאַט איין פאַרלאַנג: באַגראָבן צו ווערן מיט „אים״ און לאָז עס נעמען אַ סוף. — איינמאָל האָט ער געפונען די טיר פון גאָרטן אָפן און ער איז אַרויס. אָבער ס׳איז געווען פאַר אים אַזאַ ווייטיק ווידער צו זיין אויף דער זון, אַז ער האָט זיך תיכף צוריקגעקערט און זיך פאַרשפּאַרט אין צימער ביי פאַרמאַכטע לאָדנס. דער שיינער וועטער איז געווען פאַר אים אַ מאַטערניש. ער האָט פיינט געהאַט די זון. די נאַטור מיט איר ברוטאַלער פריילעכ־קייט האָט אים געדריקט. ביים טיש האָט ער געגעסן שווייגנדיק אַלץ, וואָס ברוין האָט אים דערלאַנגט, און נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, געגלאָצט מיט די אויגן אויפן טיש. איינמאָל האָט אים ברוין געוויזן אין אַ צימער אַ פּיאַנינאָ. קריסטאָף האָט זיך אָפּגעקערט דער־פון מיט שרעק. יעדער גערויש איז אים געווען עקלדיק. שווייגן, שווייגן און נאַכט!.. אין אים איז מער נישט געווען, ווי אומענד־לעכער חלל און דער באַגער צו פּוסטקייט. זיין לעבנס-פרייד איז בעלם געוואָרן, טויט האָט אויסגעזען דער שטאַרקער פויגל פון זיין

פרייד, וואָס האָט זיך אַמאָל מיט געזאַנג דערהויבן אין אַ ליידנשאַפטלעכן פלי. גאַנצע טעג, ווען ער איז געזעסן אין זיין צימער, האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערע איינדרוקן פון לעבן, ווי נאָר דאָס טויבע קלאַפן פונם זייגער אין שכנותדיקן צימער, וואָס האָט געקלאַפט גלייכצייטיק אין קריסטאָפס מוח. און דאָך האָט נאָך געלעבט אין אים דער ווילדער פויגל פון פרייד; ער האָט פלוצלינג אַ פאָך געטון מיט די פליגל, זיך אָפגעקלאַפט אָן די גראַטעס, — און אין קריסטאָפס נשמה איז אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכער קאַמף מיטן ווייטיק, — „דער פאַרצווייפלטער געשריי פון אַ מענטשן, וואָס איז געבליבן איינזאַם אויף אַ ווייטן, פוסטן שטח".

דאָס אומגליק פון דער וועלט באַשטייט אין דעם, וואָס מען האָט כמעט קיינמאָל נישט קיין חבר. אפשר קאָלעגן און צופעליקע פריינט. מען איז פאַרשווענדעריש מיטן שיינעם נאָמען: פריינט. אין דער אמתן האָט מען נישט מער, ווי איין פריינט אין לעבן. און אויך די, וועלכע האָבן אַ פריינט, טרעפן זיך זעלטן. אָבער דאָס דאָזיקע גליק איז אַזוי גרויס, אַז ווען מען פאַרלירט עס, ווייסט מען נישט פשוט, ווי צו לעבן. ער פעלט אויס דאָס לעבן, הגם מ'לעגט אויף דעם קיין אַכט נישט. גייט ער אַוועק, ווערט דאָס לעבן פוסט. מען האָט פאַרלוירן נישט נאָר דעם, וועלכן מ'האָט ליב געהאַט, נאָר בכלל יעדן זין ליב צו האָבן, — יעדן זין צו האָבן אַמאָל ליב געהאַט. צו וואָס האָט ער געלעבט? צו וואָס האָט מען אַליין געלעבט?

דער קלאַפ פונם גורל איז דורכן דאָזיקן טויט געווען פאַר קריסטאָפן נאָך שרעקלעכער, ווייל ער האָט אים געטראָפן אין אַ מאָמענט, ווען זיין לעבן איז שוין טיף דערשיטערט געווען. אין באַשטימטע פעריאָדן פון לעבן קומט פאָר אין דער נשמה אַן אומאויפהערלעכע אַרבעט פון אַ נייעם גלגול; דעמאָלט זענען גוף און גייסט עמפינדלעכער אויף די אָנגריפן פון דרויסן; דער גייסט פילט זיך שוואַך, אַן אומבאַשטימטער טרויער נאָגט אים, אַ זאַטקייט, אַ גלייכגילטיקייט צו אַלץ, וואָס מען האָט אויפגעטון, אַן אומפעיקייט צו זען, וואָס מען איז נאָך בכוח אויפצוטון. אין דעם עלטער, ווען עס קומט פאָר אַזאַ קריזיס, זענען ס'רוב מענטשן פאַרבונדן מיט שטובפליכטן: דאָס איז פאַר זיי אַ פאַרטיידיקונג, וואָס נעמט אָבער אויך צו ביי זיי די נויטיקע גייסטיקע פרייהייט זיך צו אורטיילן, זיך צו אָריענטירן און אויפצוהויבן זיך אַ שטאַרק, ניי לעבן. וויפיל פאַרבאָרגע־

נער צער, וויפיל ביטערער עקל!.. פאַרויס! פאַרויס! מען מוז עס איבערשפּאַנען... די טאָג־טעגלעכע פליכט, די זאָרגן פאַר דער משפּחה, פאַר וועלכער מען איז פאַראַנטוואָרטלעך, האַלט איין דעם מאַן, ווי אַ פערד, וואָס שלאָפט שטייענדיק און גייט ווייטער אויסגעשעפּט צווישן די דייקסלען. — אָבער דער פולשטענדיק פרייער מענטש פאַר־מאָגט גאָרנישט, וואָס זאָל אים אין די שעהן פון דערדריקונג שטיצן און צווינגען צו גיין פאָרויס; ער גייט פון געוווינהייט וועגן, ער ווייסט נישט, וווהין ער גייט. זיינע כוחות זענען צעבראָכן, זיין באַ־וווסטזיין פאַרטונקלט. ווי איז צו אים, אויב אין אַזאַ אויגנבליק, ווען ער דרימלט אַזוי, טרעפט אַ דונער דעם דאָזיקן לונאַטיקער! דעמאָלט דראָט אים די סכנה אונטערצוגיין.

עטלעכע בריוו, וואָס זענען לסוף אָנגעקומען צו אים פון פּאַ־ריז, האָבן אַרויסגערופן קריסטאָפן אויף אַ געוויסער צייט פון דער פאַר־צווייפלטער אַפּאַטיע. די בריוו זענען געווען פון סעסיל און מאַדאַם אַרנאָ. זיי האָבן אים געטרייסט. דאָס איז געווען אַן אָרעמע, נוצלאָזע טרייסט. די, וואָס רעדן וועגן ווייטיק, ליידן אַליין נישט; זיי האָבן אים געבראַכט קודם־כל אַן עכאָ פון דער פאַרשוווּנדענער שטים... ער האָט נישט געהאַט קיין כוח צו ענטפערן, און די בריוו האָבן אויפ־געהערט צו קומען. אין זיין נידערגעשלאָגנקייט האָט ער געוואָלט פאַרייבן הינטער זיך יעדן שפּור, פאַרשווינדן... דער ווייטיק איז אומ־גערעכט: אַלע, וואָס ער האָט ליב געהאַט, האָבן אויפגעהערט פאַר אים צו עקזיסטירן. נאָר איין וועזן האָט עקזיסטירט פאַר אים: דער, וואָס איז שוין מער נישט געווען. לאַנגע וואָכן האָט ער אים עקשנות־דיק געוועקט צום לעבן. ער האָט גערעדט מיט אים. ער האָט צו אים געשריבן:

— טייערער, איך האָב היינט נישט באַקומען פון דיר קיין בריוו, ווו ביסטו? קום צוריק! רעד מיט מיר, שרייב מיר!..

ביינאַכט האָט זיך אים פונדעסטוועגן נישט איינגעגעבן אים צו זען אין חלום. די, וואָס מען האָט פאַרלוירן, קומען נישט צו חלום,

כל-זמן די אבדה צערייסט דאָס האַרץ. שפּעטער, ווען מען פאַרגעסט זיי, באַווייזן זיי זיך ווידער.

דאָך האָט דאָס אויסערלעכע לעבן אַלץ מער זיך אַריינגעריסן אינם קבר פון זיין נשמה. קריסטאָף האָט ווידער גענומען הערן די פאַרשידענע גערוישן פון שטוב און אַליין נישט באַמערקנדיק, אינטע-רעסירט זיך מיט זיי. ער האָט געוווּסט, אין וועלכער שעה עס עפנט זיך און פאַרשליסט זיך די טיר, ווי אָפט אין משך פון טאָג און אויף וואָסערע אופנים, לויט די באַזוכער. ער האָט געקענט ברוינס טריט, ער האָט אין דער פאָרשטעלונג געזען דעם דאָקטאָר, ווי ער קומט צוריק אַהיים פון זיינע וויזיטן, ווי ער בלייבט שטיין אין פאָדערצי-מער און הענגט אויף זיין הוט און זיין מאַנטל, שטענדיק אויפן זעלבן קרענקלעכן, פיינלעכן אופן. און ווען איינער פון די געוויינלעכע גע-רוישן איז נישט געקומען אין דער געוויינלעכער אָרדנונג, האָט ער קענען זיין ווילן, געזוכט די סיבה פון דער ענדערונג. ביים טיש האָט ער זיך מעכאַניש גענומען צוהערן צו די שמועסן. ער האָט באַמערקט, אַז ברוין רעדט כמעט שטענדיק אַליין. די פרוי האָט אים נאָר קורץ געענטפערט. ברוין האָט זיך נישט גענומען צום האַרצן, וואָס קיינער ענטפערט אים נישט, און ער האָט מיט גוטמוטיקער פלוידעריי דער-ציילט וועגן די וויזיטן, וואָס ער האָט נאָר-וואָס געמאַכט און וועגן די רכילות פון שטעטל. עס פלעגט טרעפן, אַז בעת ער האָט גע-רעדט, האָט קריסטאָף געקוקט אויף אים. ברוין איז געווען אויפן זיבעטן הימל און האָט זיך באַמיט אים צו פאַרינטערעסירן. קריסטאָף האָט געכּרוווט ווידער אַריינצוגיין אין לעבן... מיט וואָס פאַרא מאַ-טערניש! ער האָט זיך געפילט אַזוי אַלט, אַלט ווי די וועלט!.. אין דערפרי, ווען ער איז אויפגעשטאַנען און ער האָט זיך געזען אין שפּיגל, האָט ער זיך געפילט מיד פון זיין קערפּער, פון זיינע באַ-וועגונגען, פון זיין נאַרישער געשטאַלט, צו וואָס אויפשטיין, אָנטון זיך?... ער האָט זי אָנגעטון אַ כוח צו אַרבעטן, נאָר ס'פלעגט אים ווערן נישט גוט. צו וואָס שאַפן, ווען אַלץ ווערט פאַרוואַנדלט אין שטויב? די מוזיק איז געוואָרן פאַר אים אומדערטרעגלעך. וועגן דער קונסט — ווי בכלל וועגן אַלץ — באַקומט מען אַ ריכטיקע מיינונג ערשט נאָך אַן אומגליק. דאָס אומגליק איז אַ גוטער פּרווו-שטיין. ערשט אין אים דערקענט מען די, וואָס לעבן יאָרהונדערטער, וואָס זענען שטאַרקער, ווי דער טויט. ווייניק מענטשן זענען בכוח אים זיך

אַנטקעגנצושטעלן. מען חידושט זיך אויף דער מיטלמעסיקייט פון אַ סך נשמות, אויף וועלכע מען האָט געלעגט האָפנונגען, — צווישן די קינסטלער, וועלכע מען האָט ליב, ווי צווישן פריינט אין לעבן. — ווי ווייניק מענטשן בלייבן שטיין פון אויבן! ווי פוסט עס קלינגט די שיינקייט פון דער גאַנצער וועלט אונטערן פינגער פון דעם ווייטיק!

אָבער דער ווייטיק ווערט פאַרמאַטערט, און זיין האַנט חלשט אָפּ. קריסטאָפס נערוון האָבן זיך אויסגעצויגן. ער איז געשלאָפן, געשלאָפן אָן אויפהער. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געקאָנט שטילן דעם הונגער נאָך שלאָף. און איינמאָל ביינאַכט איז זיין שלאָף געווען אַזוי טיף, אַז ער האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט צומאָרגנס נאָך מיטאָג. דאָס הויז איז געווען פוסט. ברוין און זיין פרוי זענען געהאַט אַרויסגעגאַנגען. דאָס פענסטער איז געווען אָפן, דורך אים האָט אַריינגעלאַכט דאָס ליכט פון דרויסן. קריסטאָף האָט זיך געפילט באַפרייט פון אַ שווערער לאַסט. ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַראָפּ אין גאָרטן. דאָס איז געווען אַן ענגער פירעק, אַרומגערינגלט פון הויכע מויערן, ווי פון אַ קלויסטער, מיט אַ פּאָר זאַמד-וועגלעך צווישן די בייטן און קליינבירגערלעכע בלומען. אינמיטן איז געווען אַן אַלטאַנע, אַרומגענומען פון ווייַנטרויבן און רויזן. אַ שמאָלער וואַסער-שטראַל האָט געטריפט פון אַ שטיינער-מושל; אַן אַקאַציע-בוים אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, האָט אַריבערגעבויגן זיינע שמעקנדיקע צווייגן צום שכנותדיקן גאָרטן. הינטער אים האָט זיך געהויבן דער אַלטער קירכנטורם פון רויטן ציגל. עס איז געווען פיר נאָכמיטאָג. דער גאָרטן איז שוין געלעגן אין שאָטן. די זון האָט נאָך באַגאָסן דעם שפּיץ פון דעם בוים און דעם רויטן קירכנטורם. קריסטאָף האָט זיך געזעצט אין דער אַלטאַנע, מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט אין וואַנט, און מיט אַ צוריקגעוואָרפענעם קאָפּ באַטראַכט דעם דורכזיכטיקן הימל צווישן דעם געפלעכט פון ווייַנטרויבן און רויזן. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שווערן חלום. אַרום אים איז געווען אומבאַוועגלעך שטיל. איבער זיין קאָפּ איז אַ רויזנצווייג געהאָנגען פאַרשמאַכט. פּלוצלינג איז צעפאַלן די שענסטע רויז און איז געשטאָרבן. דער שניי פון אירע בלעטער האָט זיך צעזייט אין דער לופטן. ס׳האָט אויסגעזען ווי ס׳וואָלט געשטאָרבן אַ שיין, אומשולדיק לעבן. אַזוי איינפאַך!... פאַר קריסטאָפן איז עס געווען

אַ האַרצרייסנדיקער תּענוג. ס'האָט אים פאַרהאַקט דעם אָטעם, און באַהאַלטנדיק דאָס פּנים אין די הענט, האָט ער זיך צעוויינט... די טורם־גלאָקן האָבן זיך צעקלונגען, פון קירכע צו קירכע האָבן זיך די גלאָקן איבערגעשמועסט...

קריסטאָף האָט פאַרלוירן דעם באַוווּסטזיין פון דער צייט. ווען ער האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָבן די גלאָקן געשוויגן, און די זון איז שוין געווען אונטערגעגאַנגען. קריסטאָפן איז פון די טרערן גרינגער געוואָרן, זיין גייסט איז געווען ווי ריין־געוואַשן, ער האָט דערפילט אין זיך אַ קוואַל פון מוזיק און האָט אַרויפגעקוקט צום איידעלן לבנה־סערפּ, וואָס איז געשוווּמען אין דעם אָוונטיקן הימל. דער גערויש פון אָנקומענדיקע טריט האָט אים אויפגעוועקט. ער איז אַרויף צו זיך אין צימער, פאַרשלאָסן זיך אויף ביידע שלעסער און פרייגעלאָזט דעם שטראָם פון מוזיק. ברוין האָט אים גערופן צום טיש, ער האָט געקלאַפּט אין טיר, געפּרוווט זי עפענען, — נאָר קריסטאָף האָט נישט געענטפערט. באַאומרויִקט האָט ברוין אַריינגעקוקט אין שליסל־לאָך און האָט זיך באַרויִקט, דערזעענדיק קריסטאָפן געבויגן איבערן טיש, צווישן פאַרשריבענע פּאַפּירן.

אין עטלעכע שעה אַרום איז קריסטאָף, אַן אויסגעשעפּטער אַראָפּגעגאַנגען אונטן און האָט אין אונטערשטן צימער געטראָפן דעם דאָקטאָר, וואָס האָט געלייענט און געדולדיק אויף אים געוואַרט. ער האָט אים אַרומגענומען, איבערגעבעטן פאַר זיין באַנעמונג אין משך פון דער גאַנצער צייט און, הגם ברוין האָט אים נישט געפרעגט, גענומען אים דערציילן די דראַמאַטישע געשעענישן פון די לעצטע וואָכן. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווען ער האָט וועגן דעם גערעדט. ער איז אַפילו נישט געווען זיכער, צי ברוין האָט אים אויף ריכטיק פאַרשטאַנען, ווייל קריסטאָף האָט אים דערציילט אָן אַ סדר, אַגב איז שוין געווען שפּעט, און ברוין איז, נישט געקוקט אויף זיין גייגעריקייט, געווען שרעקלעך מיד. לסוף — דער זייגער האָט געשלאָגן צוויי — האָט זיך קריסטאָף געכאַפּט. זיי האָבן זיך געזאָגט אַ גוטע נאַכט.

פון יענעם אויגנבליק אָן האָט זיך קריסטאָפס לעבן באַנייט. ער איז מער נישט געבליבן אין דעם איבערגאַנגס־צושטאַנד פון קרענקלעכער עקזאַלטאַציע. ער איז ווידער אַריינגעפאַלן אין זיין טרויער, אָבער דאָס איז געווען אַ געזונטער טרויער, וואָס האָט אים נישט געשטערט צו לעבן. ער האָט געמוזט לעבן פונדאָסניי. דער דאָזיקער מאַן, וואָס האָט פאַרלוירן זיינע ליבסטע, וואָס זיין צער האָט אים אָן אויפהער גענאָגט און וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם טויט, האָט פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ שטראָמענדיקע, געוואַלדיקע לעבנס־קראַפט, אַז זי האָט אַרויסגערעדט פון זיינע טרויעריקע רייד און אַרויסגעשטראַלט פון זיינע אויגן, פון זיין מויל, פון זיינע באַוועגונגען. אָבער אין סאַמע מיטן דער דאָזיקער קראַפט האָט זיך פאַרקליבן אַ נאָגנדיקער וואָרעם. קריסטאָף האָט געהאַט אָנפאַלן פון פאַרצווייפלונג. זיי האָבן אים געשטאָכן, ווי מיט שפּיזן. ער איז געווען רויק, באַמיט זיך צו לייענען אָדער געגאַנגען שפּאַצירן — און פּלוצלינג האָט אַרויסגעטליכט אָליוויערס שמייכל, זיין פאַרמאַטערט, צערטלעך פּנים... אַ שטאָך אין האַרצן... ער האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס און קרעכצנדיק געדריקט די האַנט צו דער ברוסט. איינמאָל איז ער געזעסן ביים פּיאַנינאָ און געשפּילט מיט זיין אַמאָליקן ברען בעטהאָוועגען... פּלוצלינג איז ער געבליבן שטיין, אַ וואָרף געטון זיך אויף דער ערד, באַהאַלטן זיין פּנים אין די קישנס פון פאָטעל און גערופן:

— מיין יינגל!...

צום ערגסטן איז עגווען דער איינדרוק פון די „שוין־איבער־געלעבטע“ זאַכן, וואָס ער האָט געפילט אויף טריט און שריט. ער האָט אָן אויפהער געפונען די זעלבע באַוועגונגען, די זעלבע ווערטער, דעם שטענדיקן צוריקקער פון די זעלבע דערפאַרונגען. אַלץ איז אים געווען באַקאַנט. אַלץ איז געווען פאָרויסגעזען. יענע געשטאַלט, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן יענער פריערדיקער באַקאַנטער, וועט אים באַלד זאָגן — ער איז געווען זיכער אין דעם. יאָ, זי וועט אים באַלד זאָגן די זעלבע זאַכן, וואָס ער האָט שוין געהערט פון יענער; ענלעכע וועזנס מאַכן דורך ענלעכע גילגולים, שטויסן זיך אָן אויף די זעלביקע מניעות און נוצן אויס די כּוחות אין דער זעלבער מאָס. אויב עס איז אמת, אַז „קיין זאַך מאַטערט נישט אויס אַזוי דאָס לעבן, ווי די איבערגעחזרטע ליבע“, וויזשע מאַטערט שוין אויס

די איבערחזרונג פון דעם גאַנצן לעבן? דאס האט אים פּשוט פארפאָלגט. — ער האָט געפּרוּווט נישט טראַכטן דערפון, ווייל אויב ער האָט געוואָלט לעבן, האָט ער געמוזט אַוועקוואַרפן די דאָזיקע געדאַנקען. און ער האָט געוואָלט לעבן. די ווייטיקלעכע אילוזיע, וואָס וויל זיך צוליב שעמעוודיקייט אָדער פּיעטעט נישט מודה זיין אין איר אייגענער עקזיסטענץ! אומבאַזיגלעכער לעבנס־דראַנג, וואָס באַהאַלט זיך אויס! מען ווייסט, אַז עס איז קיין טרייסט נישטאָ, און דאָך שאַפט מען זיך אַ טרייסט. מען איז זיכער, אַז דאָס לעבן האָט נישט קיין צוועק — און דאָך שאַפט מען זיך לעבנס־צוועקן. מען רעדט זיך איין, אַז מען מוז לעבן, אַפילו אויב דאָס גייט קיינעם נישט אָן, אויסער זיך אַליין. ווען ס'וואָלט געווען נויטיק, וואָלט מען אַפילו אויסגעפונען, אַז דער פאַרשטאָרבענער גיט־צו מוט צו לעבן. און מען ווייסט, אַז מען זאָגט אונטער דעם פאַרשטאָרבענעם די דאָזיקע ווערטער, וואָס מען וויל פון אים הערן. אַ יאָמער!...

קריסטאָף איז געגאַנגען פאָרויס. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיין טריט האָט געפונען די אַמאָליקע זיכערקייט. די טיר פון זיין האַרצן האָט זיך פאַרמאַכט הינטער זיין ווייטיק. ער האָט קיינמאָל וועגן דעם נישט גערעדט מיט קיין אַנדערע; ער האָט אַליין אויסגעמיטן צו בלייבן מיט אים אַליין. ער האָט אויסגעזען רויק.

— די אמתע ליידן, — זאָגט באַלזאַק – ליגן לפנים רויק אין דעם טיפן בעט, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעגראָבן. עס דאַכט זיך, אַז זיי שלאָפן דאָרט, אָבער דאָך פרעסן זיי די נשמה אָן אויפהער.

ווער ס'האָט געקענט קריסטאָפן און האָט גוט אָבסערווירט, ווי ער גייט אַרום דאָ און דאָרט, ווי ער שמועסט, שרייבט מוזיק און אַפילו ווי ער לאַכט (איצט האָט ער געלאַכט!) דער וואָלט געפילט, אַז אין אָט דעם שטאַרקן מענטשן, מיט די אויגן, וואָס האָבן געשפּריצט מיט לעבן, איז עפּעס טיף אין זיין נשמה חרוב געוואָרן.

קוים האָט ער זיך ווידער פאַרבונדן מיטן לעבן, האָט ער ווידער געמוזט נעמען זאָרגן פאַר זיין עקזיסטענץ. ס'האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד דערפון, אַז ער זאָל פאַרלאָזן די שטאָט. די שווייץ

איז געווען דער זיכערסטער אָרט. און ווו האָט ער געהאַט אַ מער
מסירותנפשדיקע פריינטשאַפט? — אָבער זיין שטאָלץ האָט זיך נישט
געקאָנט איינלעבן מיטן געדאַנק, אַז ער פאַלט זיינע פריינט צו לאַסט.
און הגם ברוין האָט געלייקנט שטיין און ביין, האָט זיך קריסטאָף
באַרויקט ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט באַקומען עטלעכע מוזיק־
לעקציעס, וואָס האָבן אים ערלויבט רעגלמעסיק צו צאָלן זיינע באַ־
לעבאַטים. דאָס איז נישט אָנגעקומען לייכט. די ידיעה וועגן זיינע
רעוואָלוציאָנערע מעשים האָט זיך שטאַרק פאַרשפרייט, און די בירגערלעכע משפחות האָבן נישט קיין חשק געהאַט אַריינצופירן צו זיך
אין שטוב אַ מענטשן, וואָס האָט געגאָלטן פאַר אַ געפערלעכן אָדער,
לכל הדעות, פאַר אַן אויסטערלישן, און איז געווען נישט אַזוי שטאַרק
„אָנשטענדיק”. דערווייל האָט זיך אים איינגעגעבן דורך זיין מוזיקאַ־
לישן נאָמען און ברוינס באַמיונגען צו געפונען אַן איינטריט אין פיר
אָדער פינף הייזער, וואָס האָבן נישט מורא געהאַט, אָדער זענען גע־
ווען נייגעריקער; און אפשר האָבן זיי זיך געוואָלט באַווייזן מיט
זייער מוזיקאַלישן סנאָביזם. פונדעסטוועגן האָבן זיי שטאַרק אַכטונג
געגעבן, אַז צווישן דעם לערער און די שילער זאָל אויפגעהאַלטן
ווערן אַ געוויסע גרענעץ.

דאָס לעבן אין ברוינס הויז האָט זיך געצויגן לויט אַ מעטאָ־
דיש־רעגלמעסיקן פּלאַן. אין דערפרי איז יעדערער געגאַנגען צו זיין
אַרבעט: דער דאָקטאָר אויף זיינע וויזיטן, קריסטאָף אויף זיינע לעק־
ציעס, מאַדאַם ברוין אויפן מאַרק און צו איר וווילטעטיקער אַרבעט.
קריסטאָף פלעגט זיך שטענדיק אומקערן אַהיים איינס אַ זייגער. ס'רוב
פריער ווי ברוין, דער דאָקטאָר האָט נישט געוואָלט מען זאָל אויף
אים וואַרטן, און קריסטאָף האָט זיך געזעצט מיט דער יונגער פרוי
צום טיש. דאָס איז אים געווען נישט אָנגענעם; ווייל זי איז אים
נישט געווען סימפּאַטיש, און ער האָט נישט געוווסט וועגן וואָס צו
רעדן מיט איר. זי האָט זיך לחלוטין נישט באַמיט צו באַקעמפן דעם
דאָזיקן איינדרוק, וועלכן זי האָט זיכער געמוזט באַמערקן. זי האָט זיך
נישט אָנגעשטרענגט, טבישט מיט איר גייסט און נישט מיט איר קליי־
דונג. זי האָט זיך קיינמאָל צו קריסטאָפן נישט אָנגערופן די ערשטע.
די באַזונדערע חנלאָזיקייט פון אירע באַוועגונגען און קליידער, איר
אומבאַהאָלפנקייט און קאַלטקייט האָבן אָפגעשטויסן יעדן מאַן, וואָס
האָט, אַזוי ווי קריסטאָף, געהאַט אַ חוש פאַר דער שיינקייט פון אַ

פרוי. ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער איינפאַלרייכער עלעגאַנץ פון די פּאַריזערינס, האָט ער, דערזעענדיק אַננאַן, געמוזט אַ טראַכט טון:

— ווי מיאוס זי איז!

און דאָך איז עס נישט געווען ריכטיק, און ער האָט אינגיכן באַמערקט די שיינקייט פון אירע האָר, אירע הענט, איר מויל און אירע אויגן — אין די זעלטענע רגעס, ווען ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַגעגענען דעם דאָזיקן בליק, וואָס האָט אים שטענדיק אויסגעמיטן. אָבער זיין אורטייל איז דערפון נישט באַאיינפלוסט געוואָרן. מחמת העפלעכקייט האָט ער זיך געצווונגען מיט איר צו רעדן. ער האָט געזוכט טעמען צו אַ שמועס. זי אַליין האָט אים לחלוטין נישט געהאָלפן. אַ צוויי אָדער דריי מאָל האָט ער זי געפּרוווט אויסצופרעגן וועגן דער שטאָט, וועגן איר מאַן און וועגן איר אַליין, און ער האָט קיינמאָל גאָרנישט געקאָנט אַרויסקריגן פון איר. זי פלעגט ענטפערן באַנאַל און באַמיען זיך צו שמייכלען, אָבער איר באַמיונג האָט זיך געלאָזט אויף אַ נישט אָנגענעמען אופן דערקענען, איר שמייכל איז געווען אַ געצווונגענער, איר שטים פאַרשטיקט. זי האָט געציילט די ווערטער, און נאָך יעדער זאַץ איז געקומען אַ פּיינלעכע שטילקייט. קריסטאָף האָט לסוף גענומען רעדן וואָס ווייניקער, און זי איז אים געווען דאַנקבאַר דערפאַר. ביידע האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, ווען דער דאָקטאָר איז אַהיים געקומען. ער איז שטענדיק געווען גוט געשטימט, טומלענדיק, באַשעפטיקט, איינפאַך — אַן אויסגעצייכנטער מענטש. ער האָט געגעסן, געטרונקען, גערעדט און אָן אַ שיר געלאַכט. מיט אים האָט אַננאַ אַ ביסל געפּלוידערט. אָבער זיי האָבן כמעט נישט גערעדט וועגן קיין אַנדערע זאַך, ווי נאָר וועגן די מאכלים, וואָס זיי האָבן געגעסן און וועגן די פּרייזן. טיילמאָל האָט זיך ברוין געחכמעט אויף דעם חשבון פון איר פרומקייט און פון דעם פּאַסטאָרס דרשות, דעמאָלט האָט זי געמאַכט אַ שטייפע מינע און געשוויגן אַ באַליידיקטע ביזן סוף פון מיטאָג. גאַנץ אָפט פלעגט דער דאָקטאָר דערציילן וועגן זיינע וויזיטן. ער האָט מיט הנאה און מיט פרייד דערציילט די גענויסטע פּרטים פון געוויסע עקלדיקע פאַלן, וואָס האָבן קריסטאָפן אַרויסגעבראַכט פון די כלים. ער פלעגט וואַרפן זיין סערוועט אויפן טיש און אויפשטיין מיט אַן אויסדרוק פון עקל, צו דער פרייד פון זיין פריינט. נאָר דעמאָלט פלעגט ברוין אויפ-

הערן און לאַכנדיק באַרויקן קריסטאָפן. אָבער ביים צווייטן מיטאָג פלעגט ער אָנהויבן פון דאָס ניי. עס האָט אויסגעזען, ווי די דאָזיקע שפיטאָל־וויצן וואָלטן פריילעך געמאַכט די אומעמפינדלעכע אַננאַ. זי פלעגט איבעררייסן איר שווייגן מיט אַן אומגעריכטן נערוועזן געלעכ־טער, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך עפעס היהשעס. אפשר האָט זי אויך געפילט, ווי קריסטאָף, אַן עקל דערצו, כאָטש זי האָט דערפון געלאַכט.

נאָך מיטאָג האָט קריסטאָף געהאַט וויניק לעקציעס. ער איז ס׳רוב געבליבן מיט אַננאַן אין שטוב, בעת דער דאָקטאָר פלעגט אַוועקגיין. זיי האָבן זיך אָבער נישט געזען. יעדערער האָט געאַרבעט פאַר זיך. אין אָנהויב האָט ברוין געבעטן קריסטאָפן, ער זאָל געבן זיין פרוי עטלעכע לעקציעס פיאַנינאָ. זי איז געווען, לויט זיינע רייד, זייער מוזיקאַליש. קריסטאָף האָט געבעטן אַננאַן, זי זאָל אים עפעס פאָרשפילן. זי האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, הגם עס איז איר געווען נישט אָנגענעם. אָבער זי האָט עס געטון אָן חן: איר שפילן איז געווען מעכאַניש און לחלוטין אָן געפיל. אַלע נאָטן זענען ביי איר געווען אַלץ איינס, אָן אַ שום באַטאָנונג. ווען זי האָט געדאַרפט איבערדרייען די זייט נאָטן, האָט זי גאַנץ קאַלטבלו־טיק איבערגעריסן אינמיטן אַ זאַץ, נישט געאיילט זיך און אָנגעהויבן שפילן די צווייטע זייט נאָטן. קריסטאָף איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט זיך מיט כוח איינגעהאַלטן איר נישט צו זאָגן קיין גראָב וואָרט. ער האָט עס אָבער אויסגעמיטן, ווייל ער איז נאָך פאַרן סוף אַרויס פון צימער. דאָס האָט זי נישט געאַרט, זי האָט געשפילט ווייטער ביזן סוף און האָט נישט אַרויסגעוויזן נישט קיין עגמת־נפש און נישט קיין באַליידיקונג צוליב זיין נישט העפלעכקייט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט עס קוים באַמערקט. אָבער וועגן מוזיק איז שוין צווישן זיי קיין רייד נישט געווען. און נאָכמיטאָג, ווען קריסטאָף פלעגט אַרויסגיין, האָט טיילמאָל געטראָפן, אַז ער איז אומגעריכט געקומען צוריק און צו זיין גרויסער איבעראַשונג גע־טראָפן אַננאַן ביים פיאַנינאָ. זי האָט געאיבט מיט אַ קאַלטער, אָפגע־שמאַקטער עקשנות, און איז נישט מיד געוואָרן איבערצוחזרן דעם זעלבן טאַקט פופציק מאָל. זי האָט קיינמאָל נישט געשפילט, בעת זי האָט געוווסט, אַז קריסטאָף איז אין שטוב. די צייט, וואָס זי האָט נישט געווידמעט איר פרומער באַשעפטיקונג, האָט זי אָפגעגעבן דער

באַלעבאַטישקייט. זי האָט גענייט, געשטעפּט, פּאַרילכט און אַלטונג געגעבן אויף דער דינסט. זי איז געווען געפּענטעט פון אַן אָרדע-דונג־און אַ ריינונג-מאַניע. איר מאַן האָט זי געהאַלטן פאַר אַ בראַ־ווע, אַ ביסל מאָדנע פרוי — „ווי אַלע פרויען” — אָבער אויך פאַר מסירת נפשדיק, „ווי אַלע פרויען”. אויף דעם פּונקט האָט קריסטאָף געהאַט צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען: אַזאַ פּסיכאָלאָגיע האָט אים אויסגעזען צו פּשוט. נאָר ער האָט געטראַכט, אַז סוף־כל־סוף איז עס ברוינס דאגה, און ער האָט מער וועגן דעם נישט געטראַכט.

נאָכן עסן אין אָוונט איז מען געזעסן צוזאַמען. ברוין און קריס־טאָף האָבן געשמועסט, אַננאַ האָט געאַרבעט. אויף ברוינס ביטע פלעגט זיך קריסטאָף לאָזן איבערעדן און טיילמאָל זיך געזעצט ביים פּאַרטעפּיאַן. ער פלעגט אָפּט מאָל שפּילן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, אין דעם גרויסן, שלעכט־באַלויכטענעם צימער, וואָס האָט גע-פירט צום גאָרטן. ברוין האָט געכאַפּט התפעלות... ווער קען זיי נישט די דאָזיקע מענטשן, וואָס ווערן באַגייסטערט פון קונסטווערק, און פאַרשטייען זיי נישט אָדער פאַרשטייען זיי פּונקט פאַרקערט! — (גראָד דערפאַר האָבן זיי עס ליב!) — קריסטאָף האָט זיך נישט גענומען צום האַרצן, ער האָט שוין געזען אַזוי פיל נאַראָנים אין זיין לעבן! אָבער ביי געוויסע אויסרופן פון זיין לעכערלעכער באַגייסטערונג האָט קריסטאָף אויפגעהערט צו שפּילן און נישט רעדנדיק קיין וואָרט, אַוועק צו זיך אין צימער. ברוין האָט זיך לסוף געכאַפּט און איינגעהאַלטן זיין התפעלות. אגב, האָט זיך זיין ליבע צו מוזיק גיך אויסגעשעפּט. ער האָט נישט געקאָנט הערן לענגער אויפמערקזאַם, ווי אַ פערטל שעה. דעמאָלט האָט ער גענומען זיין צייטונג, אָדער ער איז אַנט-דרימלט געוואָרן און געלאָזט קריסטאָפן צורו. אַננאַ, וואָס איז געזעסן אין הינטערגרונט פון צימער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט; זי האָט געהאַלטן אַ האַנט־אַרבעט אויף די קני, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז זי נייט. אָבער אירע אויגן זענען געווען פאַרשטאַרט, און די הענט אומ־באַוועגלעך. טיילמאָל איז זי גאַנץ שטיל אַרויס אין מיטן אַ שטיק, און מען האָט זי מער נישט געזען.

אָט אַזוי האָבן זיך געצויגן די טעג. קריסטאָף איז ווידער געקומען צו זיך. די שווערלעכע, אָבער האַרציקע גוטסקייט פון די ברוינס, די רויקייט פון דעם הויז, די היילזאַמע רעגלמעסיקייט פון זייער טאָג־טעגלעך לעבן, די אויסגעצייכנטע דערנערונג אויפן דייטשן שטייגער, — האָבן ווידער אָפגעפרישט זיין שטאַרקן טעמפעראַמענט. ער האָט זיך ווידער דערפילט פיזיש געזונט, אָבער זיין נשמה איז נאָך אַלץ געווען קראַנק. די ווידער אויפגעלעבטע קראַפט האָט אים נאָך שטאַרקער בולטער געמאַכט די צעטומלטקייט פונם גייסט, וואָס האָט נישט געקאָנט געפינען זיין גלייכגעוויכט און איז געווען געגליכן צו אַ שיפל מיט אַ לייכטער מאַסע, וואָס שפרינגט אונטער ביים לייכסטן שטויס.

ער האָט געלעבט אין טיפער איינזאַמקייט. מיט ברוינען האָט ער נישט געקאָנט ווערן גייסטיק באַפריינדעט. זיינע באַציונגען צו אַננאַן זענען באַשטאַנען כמעט נישט מער ווי אין אַ גוטמאָרגן און אַ גוטע נאַכט. זיין פאַרקער מיט די שילער איז געווען גיכער פיינטלעך, וויל ער האָט פאַר זיי נישט באַהאַלטן, אַז ס'וואָלט גלייכער געווען, ווען זיי זאָלן זיך מער נישט פאַרנעמען מיט מוזק. ער האָט קיינעם נישט געקענט. דער פעלער איז געלעגן נישט נאָר אין אים, וואָס ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל מיט זיין טרויער. אַנדערע האָבן אים אָפגעשטויסן פון זיך.

די שטאָט, אין וועלכער ער האָט געוווינט, איז געווען אַלט, איז געווען פול מיט אינטעליגענץ, און קראַפט. אָבער זי איז געווען איבערגעפולט פון פאטריציער שטאָלץ, פאַרשלאָסן און צופרידן פון זיך. אַ בירגערלעכע אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז געווען אַרבעטזאַם און קולטורעל, אָבער ענגהאַרציק און פרום, איז געווען שטאַרק איבערצייגט אין דער וויכטיקייט פון איר שטאָט און געלעבט אין ענגן פאַמיליען־קרייז. יעדע משפחה האָט געהאַט אירע ימים טובים. דאָס זענען געווען גרויסע, ווייט־פאַרצווייגטע פאַמיליעס. צו די פאַמיליען־פייערונגען האָט מען קיין פרעמדע נישט צוגעלאָזן. די דאָזיקע מעכטיקע הייזער, מיט זייערע הונדערטיאָריקע אַלטע פאַרמעגנס, האָבן לחלוטין נישט געפילט אַ באַדערפעניש זיך אַרויסצווייזן מיט זייער עשירות. זיי האָבן זיך געקענט. דאָס איז געווען גענוג. די מיינונג פון די אַנדערע האָט נישט געהאַט קיין באַדייטונג. מען האָט געזען מיליאָנערן, וואָס זענען געגאַנגען אָנגעטון ווי קליינבירגער, גערעדט

מיט אַ רויען דיאַלעקט, פול מיט שטאַרקע אויסדרוקן און זענען אין משך פון זייער גאַנץ לעבן געגאַנגען אין די ביוראָס, אַפילו אויף די עלטערע יאָרן, ווען אַלע רוען זיך אָפּ. די פרויען זענען געווען שטאָלץ מיט זייערע באַלעבאַטישע מעלות. די טעכטער האָט מען נישט געגעבן קיין נדנס. די רייכע האָבן געלאָזט זייערע קינדער דורכמאַכן די שווערע שול, וואָס זיי האָבן אַליין דורכגעמאַכט. אין טאָגטעגלעכן לעבן האָט געהערשט אַ שטרענגע שפּאָרזאַמקייט, דערפאַר אָבער האָט מען גאַנצע אוצרות פאַרוועגדט אויף קונסט-זאַמלונגען, בילדער-גאַלעריעס און סאָציאַלע ווערק; ריזיקע, אומאויפהערלעכע און כמעט שטענדיק אַנאָנימע נדבות אויף וווילטעטיקע צוועקן אָדער אויף צו באַרייכערן די מוזעען. אַ געמיש פון גרויסקייט און לעכערלעכקייט, וואָס האָבן ביידע געשטאַמט פון באַזונדערע צייטן. די דאָזיקע וועלט, וואָס פאַר איר האָבן אַלע איבעריקע אויסגעזען נישט צו עקזיסטירן — הגם זיי האָבן זיי געקענט דורך געשעפט, ברייטע פאַרבינדונגען, לאַנגע און ווייטע עקסקורסיעס, וואָס זייערע זין האָבן דורכגעמאַכט, — די דאָזיקע וועלט, וואָס פאַר איר האָט אַ גרויסער נאָמען, אַ פרעמדע באַרימטקייט געגומען לעבן פון דעם טאָג, ווען דער קינסטלער איז דאָרט געוואָרן אויפגענומען און באַקאַנט, האָט זיך געהאַלטן אין דער שטרענגסטער דיסציפּלין. איינער האָט געהאַלטן פאַרן צווייטן און אים פאַרטיידיקט. אָט-אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ קאָלעקטיווער באַוווסטזיין, וואָס האָט פאַרבאָרגן די אינדיווידועלע אונטערשיידן (וואָס זענען אָגב, ביי די דאָזיקע רויע מענטשן געווען באַזונדערס שאַרף), אונטערן שלייער פון רעליגיעזער און זיטלעכער אַחדות. יעדערער איז געגאַנגען אין קירך. יעדער האָט געגלויבט, קיינער האָט נישט געהאַט קיין ספקות, אָדער זיך נישט מודה געווען דערצו. עס איז נישט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן, וואָס אַזוינס עס איז פאָרגעקומען אין די דאָזיקע נשמות, וועלכע האָבן זיך וואָס-אַמאָל פעסטער פאַרשלאָסן פאַר די בליקן, וואָס-מער זיי האָבן געפילט אויף זיך אַ פרעמד אויג, וואָס-מער יעדערער האָט געהאַט תביעות אַריינצוקוקן אין דעם צווייטנס געוויסן. מען האָט געזאָגט, אַז אַפילו די אויסגעוואַנדערטע, וואָס האָבן זיך שוין געהאַלטן פאַר באַפרייט, זענען געצוווּנגען געוואָרן צו גלויבן און צו גיין אין קירך, אַזוי גיך ווי זיי זענען געקומען צוריק. זיי האָבן זיך ווידער געמוזט אונטערגעבן די מנהגים, טראַדיציעס און דער אַטמאָספערע פון שטאָט. נישט גלויבן

וואָלט בײַ זיי אויסגעזען ווי קעגן דער נאַטור. נישט גלויבן האָט געקאָנט אַ נידעריקע קלאַס מיט שלעכטע מאַניערן. עס איז געווען אומדערלאָזבאַר, אַז אַ מענטש פון זייערע קרייזן זאָל זיך אָפּזאָגן פון די רעליגיעזע פליכטן. ווער עס איז נישט געגאַנגען אין דער קירך, דער האָט זיך געשטעלט אויסער זיין קלאַס, און איז מער פון איר נישט אויפגענומען געוואָרן.

אָט די דריקנדיקע דיסציפּלין איז נאָך פאַר זיי געווען ווייניק. די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז זייער קאַסטע איז נאָך נישט גענוג פאַרבונדן און פאַרקניפּט. זי האָט געצעלט אַ סך הונדערטער, און איר צאָל איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. דאָס איז געווען אַ גרויסער פאַריין, וואָס האָט געגרינדעט אין זיך אַסאַך קליינע פאַריינען, כּדי צו זיין אינגאַנצן געפּענטעט. דער פאַריין האָט געדינט צו אַלץ: וווילטעטיקע צוועקן, סוחרישע צוועקן, קונסט, וויסנשאַפט, געזאַנג, מוזיק, גייסטיקע איבונגען, קערפּערלעכע איבונגען — גאַנץ פּשוט פאַרן פאַרגעניגן פון די פאַריינס-מיטגלידער. עס זענען געווען פאַריינען לויט די קוואַרטאַלן און לויט די באַרופן; פאַריינען פאַר מענטשן פון גלייכן שטאַנד, פון אַ גלייכן פאַרמעגן, אַ גלייכע וואָג און אַ גלייכן פאַרנאָמען. מען האָט געזאָגט, אַז מען האָט געוואָלט גרינדן אַ פאַריין פון די פאַריינסלאָזע, נאָר מען האָט נישט געפונען אַפילו קיין מנין מענטשן.

אָט אַזוי איז די נשמה געווען איינגעפּרעסט אין אַ דרייפאַכיקן גאָרסעט פון דער שטאָט, פון דער קאַסטע און פון דעם פאַריין. אַ פאַרבאָרגענער צוואַנג האָט געדריקט אויף די כאַראַקטערן. די מערהייט האָט זיך געבויגן דערצו פון קינדווייז אָן, פון לאַנגע יאָרהונדערטער, און זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר געזונט. זיי וואָלטן זיך דערפילט פּשוט קראַנק, ווען זיי לאָזן-אויף דעם גאָרסעט. ווען מען האָט געזען זייער צופרידענעם שמייכל, איז גאָרנישט איינגעפאַלן, ווי ענג זיי האָבן זיך געמוזט פילן. אָבער די נאַטור האָט זיך נוקם געווען, פון צייט צו צייט איז אַרויסגעוואַקסן צווישן זיי אַ צעבונטעוועטע פערזענלעכקייט, אַ מוטיקער קינסטלער, אָבער אַן אומדערשראָקענער דענקער, וואָס האָט ברוטאַל צעריסן די קייטן און פאַרשאַפט די וועכטער פון דער שטאָט אַ סך קאָפּ-דרייעניש. זיי זענען געווען אַזוי אינטעליגענט, אַז אין פאַל, ווען דער צעבונטעוועטער איז געווען שטאַרקער, און זיי האָבן אים נישט געקאָנט דערשטיקן באַלד לכתחילה,

האָבן זיי זיך נישט אַריינגעלאָזן מיט אים אין עקשנותדיקן קאַמף — (דער קאַמף וואָלט דערפירט צו גרויסע סקאַנדאַלן) — זיי האָבן אים פּשוט אַריינגענומען צו זיך, איז עס געווען אַ מאָלער, האָבן זיי אים אַריינגעשטעלט אין אַ מוזיי, איז עס געווען אַ דענקער אין אַ ביבליאָטעק. ער האָט זיך געמעגט איינרייסן אין האַרצן און רעדן שרעקלעכע זאַכן: זיי האָבן זיך געמאַכט נישט הערנדיק. אומזיסט האָט ער פּראָטעסטירט, געפּאָדערט פרייהייט: זיי האָבן אים אַריבערגענומען, נייטראַליזירנדיג אויף אַזאַ אופן די ווירקונג פונם סם. זיי האָבן געהיילט מיט האָמאָפּאַטיע. — אָבער אַזעלכע פאַלן זענען געווען זעלטן. ס׳רוב אויפשטאַנדן האָבן בכלל נישט געזוען די ליכטיקע שיין. די פרידלעכע הייזער האָבן פאַרבאָרגן אין זיך אומבאַקאַנטע טראַגעדיעס. עס פלעגט טרעפן, אַז איינער פון די איינוווינער איז מיט אַ רויקן טריט און אָן אַ באַזונדערער דערקלערונג אַוועק פון שטוב און געוואָרפן זיך אין טייך אַריין. אָדער מען פלעגט זיך פאַרשפּאַרן אויף אַ האַלב יאָר, אָדער מען פלעגט די פרוי פאַרשפּאַרן אין אַ משוגעים הויז, כדי אויסצוהיילן דעם קאָפּ. מען האָט וועגן דעם גערעדט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אָן שום פאַרלעגנהייט, מיט אַ רויקייט, וואָס האָט געהערט צו די שענסטע שטריכן פון דער שטאָט, און וואָס זיי האָבן געקאָנט פאַרהאַלטן אַפילו אין ליידן און אפילו פאַרן טויט.

דאָס דאָזיקע שטאַרקע בירגערטום, וואָס איז געווען אַזוי שטרענג בנוגע זיך אַליין, ווייל עס האָט געוווּסט זיין ווערט, — איז צו אַנדערע געווען ווייניקער שטרענג, ווייל ער האָט זיי ווייניקער געשעצט. אין באַצוג צו פרעמדע, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין שטאָט, ווי למשל קריסטאָף און די דייטשע פּראָפעסאָרן אָדער פּאָליטישע אַנטלאָפענע, האָבן זיך די דאָזיקע מענטשן אַרויסגעוויזן, פאַר גאַנץ ליבעראַלע, ווייל זיי זענען זיי געווען גלייכגילטיק. אגב האָבן זיי ליב געהאַט אינטעליגענץ. פאַר פּראָגרעסיווע אידעען האָבן זיי נישט קיין מורא געהאַט: זיי האָבן, געוווּסט אַז דאָס וועט אויף זייערע זין קיין שום איינפלוס נישט האָבן. צו די געסט האָבן זיי אַרויסגעוויזן קאַלטע גאַסטפריינטלעכקייט, וואָס האָט זיי געהאַלטן פון דער ווייטן.

קריסטאָפן האָט מען נישט געדאַרפט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין. ער האָט דורכגעלעבט אַ צושטאַנד פון שטאַרקער עכ-

פינדלעכקייט, וואָס האָט אינגאַנצן אָפּגעדעקט זיין האַרץ. דערצו איז ער געניוגט געווען אומעטום צו זען עגאָיזם און גלייכגילטיקייט און צו לעבן איינזאַם.

אויסער דעם האָבן ברוינס פּאַציענטן, אַ זייער ענגער קרייז, צו וועלכן עס האָט אויך געהערט זיין פרוי, געבילדעט אַ באַזונדערס שטרענג פּראָטעסטאַנטיש וועלטל. קריסטאָף איז געווען דאָרט אומ-גערן געזען, אַלס געבוירענער קאַטאָליק און אין פלוג — אומגלויבי-קער. ער ווידער האָט אויך געהאַט אַ סך סיבות, וואָס האָבן אים אָפּגעשטויסן. אויב ער האָט אפילו נישט געגלויבט, האָט ער דאָך אָבער געטראָגן אויף זיך דעם אַלטן שטעמפּל פון זיין קאַטאָליציזם, וועלכן ער האָט אויפגענומען גיכער קינסטלעריש, ווי שכלדיק; ער האָט געהאַט מער פאַרשטענדעניש פאַר דער נאַטור און האָט נישט געשטרעבט צו דערקלערן אָדער צו פאַרשטיין, נאָר צו ליבן אָדער נישט צו ליבן. אַ חוץ דעם איז די גייסטיקע און מאָראַלישע פריי-הייט פון פּאַריז אומבאַוווסט געוואָרן ביי אים אַ געוווינהייט. ער האָט זיך נאַטירלעך געמוזט פילן זייער שלעכט אין דעם דאָזיקן קליינעם פרומען וועלטל, ווו די גייסטיקע פעלער פונם קאַלוויניזם זענען גע-ווען דייטלעך איבערגעטריבן: אַ רעליגיעזער ראַציאָנאַליזם, וואָס האָט אונטערגעשניטן דעם גלויבן די פליגל און געלאָזט אים הענגען אי-בער אַ תהום; ווייל ער איז אַנטשטאַנען פון אַ באַשטימטן אַפּריאָרי, וואָס איז פּונקט אַזוי צווייפלהאַפט, ווי יעדער מיסטיציזם: דאָס איז נישט געווען, נישט קיין פּאָעזיע, נישט קיין פּראָזע, נאָר פּראָזע איבער-געזעצט אויף פּאָעזיע, אַן אינטעלעקטועלע גאווה האָט געהערשט, אין זיי, אַן אַבסאָלוטער געפערלעכער גלויבן אין שכל, אין זייער אייגענעם שכל. זיי האָבן געקאָנט נישט גלויבן נישט אין גאָט און נישט אין דער אומשטערבלעכקייט, אָבער אין דעם שכל האָבן זיי געגלויבט, ווי אַ קאַטאָליק אין דעם פּויפּסט, אָדער אַ געצענדינער אין זיינע אָפּגעטער. עס איז זיי אַפילו נישט איינגעפאַלן צו שטעלן די פראַגע צו אַ דיסקוסיע. ווען דאָס לעבן וואָלט עס אַפילו אָפּגעלייקנט, וואָלטן זיי אָפּגעלייקנט דאָס לעבן. אין דעם איז געלעגן אַ מאַנגל אין פּסיכאָלאָגיע, אַ פאַר-שטענדענישלאָזיקייט פאַר דער נאַטור, פאַר די פאַרבאָרגענע כוחות, פאַר די וואָרצלען פון דער עקזיסטענץ, — פאַר דעם „ערד גייסט". זיי האָבן זיך געשאַפן אַ לעבן, צערעכט געמאַכט זיך מענטשן, וואָס זענען געווען קינדעריש, פאַראיינפאַכט און סכעמאַטיש, אַנדערע פון

זיי זענען געווען געבילדעטע, פראַקטישע מענטשן. זיי האָבן אַ סך געלייענט און אַ סך געזען. אָבער קיין זאַך האָבן זיי נישט געזען און נישט געלייענט אַזוי ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט: זיי האָבן געמאַכט דערפון אַן אומזיניקע אַבסטראַקציע. זיי זענען געווען בלוט-אָרעם. זיי האָבן פאַרמאָגט מאָראַלישע הויכע אייגנשאַפטן, אָבער זיי זענען נישט געווען גענוג מענטשלעך. און דאָס איז די גרעסטע זינד קעגן דעם הייליקן גייסט. די אָפטמאָל ווירקלעכע ריינקייט פון האַרצן, וואָס איז געווען איידל און נאַיוו און טיילמאָל קאָמיש, פלעגט צום אומגליק, אין געוויסע פאַלן, ווערן טראַגיש: זי האָט געפירט צו אַ שטענדיקער האַרטקייט בנוגע אַנדערע, צו אַ רויקער אומענטשלעכקייט, וואָס איז געווען זיכער אין זיך אָן שום צאָרן. פאַרוואָס האָבן זיי זיך געדאַרפט וואַקלען? איז דען נישט געווען אויף זייער זייט דער אמת, דאָס רעכט און די צניעות? האָבן זיי דען נישט געהאַט קיין אַנטפּלעקונג, דירעקט פון זייער הייליקן שׂכל? דער שׂכל איז אַ שטאַרקע זון; זי שיינט, אָבער זי מאַכט בלינד. אין דעם דאָזיקן קאַלטן ליכט אָן פייכטקייט און אָן שאָטן זענען די נשמות געוואַקסן פאַרבלאַזט, דאָס בלוט פון זייער האַרצן איז געווען אויסגעזויגן.

אויב אין יענער צייט איז עפּעס געווען אַן אומזין פאַר קריסטאָפן, איז עס געווען דער שׂכל. אין זיינע אויגן האָט די דאָזיקע זון באַשיינט נאָר די פעלזן-ווענט פון אַ תהום, אָבער נישט געוויזן זיין אַרויסגאַנג; נישט מעגלעך געמאַכט אויסצומעסטן זיין טיפעניש.

וואָס שייך דער קינסטלערישער וועלט, האָט קריסטאָף נישט געהאַט נישט קיין געלעגנהייט און נישט קיין חשק צו קומען מיט איר אין באַרירונג. די מוזיקער זענען געווען בכלל אָרנטלעכע היטער פון דער נעאָשומאַנישער און „בראַמינישער" עפּאָכע, וואָס קעגן איר האָט קריסטאָף געהויבן זיין שווערד. נאָר צוויי אויסנאַמען זענען געווען: דער אָרגאַניסט קרעבס, וואָס האָט געהאַט אַ באַרימטע צוקערניע, אַן אָרנטלעכער מענטש און אַ גוטער מוזיקער, וואָלט נאָך געווען אַ פיינערער מענטש, ווען ער זאָל, לויט די רייד פון איינעם פון זיינע לאַנדסלייט, „נישט רייטן אויף קיין פעגאַז, וועלכן ער גיט צופיל האָבער צו עסן"; און דער אַנדערער, אַ יינגער יידישער קאָמפּאָזיטאָר, אַן אָריגינעלער טאַלענט פון שטאַרקן אומרויקן בלוט, וואָס האָט געהאַנדלט מיט שווייצאַרישע אַרטיקלען: האָלץ-שניצערייען, בער-

נער הייזלעך און בערן. זיי ביידע, וואָס זענען געווען אומאָפּהענגיקער פון די אַנדערע, וואַרשיינלעך דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געמאַכט פון זייער קונסט קיין מלאכה, האָבן זיך געוואָלט דערנענטערן צו קריסטאָפן. אין אַן אַנדערער צייט, וואָלט קריסטאָף געווען זייער נייגעריק זיי צו דערקענען. אָבער אין יענער צייט פון זיין לעבן איז יעדע קינסטלערישע און מענטשלעכע נייגעריקייט אָפּגעטעמפּט געוואָרן ביי איב. ער האָט מער געפילט דאָס, וואָס צעשיידט אים מיט מענטשן, איידער דאָס, וואָס פאַרבינדט אים מיט זיי.

זיין איינציקער פריינט, דער פאַרטרויטער פון זיינע געדאַנקען, איז געווען דער טייך, וואָס האָט אַרומגענומען די שטאָט, דער זעלבער מעכטיקער און פאָטערלעכער טייך, וואָס נעמט אַרום אויפן צפון זיין פאָטער־שטאָט. אין זיין נאָענטקייט האָט קריסטאָף ווידער געפונען די זכרונות פון זיינע יוגנט־טרוימען... אָבער אין דעם טרויער, וואָס האָט אים אַרומגעהילט, האָבן זיי באַקומען די זעלבע טונקעלע פאַרב ווי דער רהיין. אין בין השמשות, אָנגעשפּאַרט אין אַ מויער, האָט ער געקוקט אויפן פיבערדיק־איילנדיקן שטראָם, אויף דער ווירבלענדיקער, שווערער, טונקעלער און איילנדיקער מאַסע, וואָס איז אָן אויפהער געשווומען פאָרויס, און אין וועלכער מען האָט מער נישט געזען, ווי נאָר גרויסע לאָקן, באַוועגלעכע טויזנטער טייכעלעך, שטראָמעלעך אוןווירבלען, וואָס האָבן זיך געשאַפן און צעגאַנגען, ווי דער כאַאָס פון בילדער אין אַ צעהיצטער פאַנטאַזיע. אָן אויפהער האָבן זיך סקיצירט אירע ליניען און ווידער צערונען. אויף דעם וווּנדערלעכן טרוים פון בין השמשות האָבן אַרומגעשלייכט געשפּענסטיקע טרומנעס און שיפלעך אָן מענטשלעכער געשטאַלט. די נאַכט איז געוואָרן טונקעלער, דער טייך, ווי פון בראָנז. זיין טינטשוואַרצער וואָפן האָט געגלאַנצט ביי די ברעגעס, וואַרפנדיק פּאַסן ליכט: קופּער־פאַרביקע רעפלעקסן פון גאַז־לאַמטערנעס, עלעקטרישע לאָמפּן, בלוט־רויטע ליכט פון די פענסטער... דער געמורמל פון טייך האָט אויסגעפולט דעם חושך. אַן אייביקער גערויש, וואָס איז אין זיין איינטאָניקייט נאָך טרויעריקער ווי דער ים...

קריסטאָף האָט זיך לאַנגע שעהן צוגעהערט צו אָט דעם דאָזיקן געזאַנג פון טויט און לעבנס־מידקייט. ער האָט זיך קוים געקאָנט אָפּרייסן דערפון. דעמאָלט איז ער ווידער אַהיים געגאַנגען דורך די משופּעדיקע געסלעך מיט די רויטע טרעפּ, וואָס זענען אין מיטן

געווען אויסגעטרעטן; צעבראָכן אָן גוף און אין דער נשמה האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם אייזערנעם אָנלען, וואָס איז געווען אַריינגע־קלאַפּט אין מויער און האָט געגלאַנצט אין דער ליכט פון דער גאַסן־לאַמטערן, וואָס איז געפאַלן פון אַ פּוסטן, נאַכטיקן קירך־פּלאַץ...

ער האָט נישט פאַרשטאַנען צו וואָס מענטשן לעבן. ווען ער האָט זיך צופעליק דערמאָנט אָן די קאַמפן, וואָס ער איז געווען זייער עדות, האָט ער מיט פאַרביטערונג באַוווּנדערט די דאָזיקע מענטשהייט מיט איר גלויבן, וואָס איז אַריינגעשטעקט, ווי אַ פייל אין איר לייב. יעדע אידעע האָט באַלד געהאַט איר סתירה. יעדע האַנדלונג אַ קעגנ־האַנדלונג: דעמאָקראַטיע, אַריסטאָקראַטיע, סאָציאַלים, אינדיווידואַלים, ראָמאַנטיק, קלאַסיציזם, פּראָגרעס, טראַדיציע — און אַזוי ביז דער איי־ביקייט. יעדער נייער דור, וואָס ווערט פאַרברענט אין משך פון צען יאָר, גלויבט מיטן זעלבן ברען, אַז ער אַליין האָט דערגרייכט דעם שפּיץ און אַראָפּגעשטויסן די, וואָס זענען געלאָפן פאָרויס: ער רעגט זיך אויף, ער שרייט, ער רופט אויס זיין מאַכט און רום און קייקלט זיך אַראָפּ פונם באַרג אונטער די שטיינער פון די ניי־אָנגעקומענע. ווער גייט ווייטער?

דאָס מוזיקאַלישע שאַפן האָט אויפגעהערט צו זיין פאַר קרי־סטאָפן אַ מקלט; עס איז געווען נישט רעגלמעסיק, אָן אָרדנונג אָן ציל. שרייבן? פאַר וועמען? פאַר די מענטשן? ער האָט דורכגעמאַכט אַ קריזיס, פון פאַרביטערטער שנאה צו מענטשן. פאַר זיך אַליין? ער האָט צו שטאַרק געפילט די נישטיקייט פון דער קונסט, וואָס איז נישט געווען בכוח אויסצופולן דעם חלל פון דעם טויט. נאָר זיין בלינדע קראַפט האָט אים אין געוויסע אויגנבליקן אויפגעהויבן מיט האַסטיקע פליגל, אָבער אַ געבראָכענע באַלד אַראָפּגעפאַלן צוריק. ער איז געווען ווי אַ שטורם־וואָלקן, וואָס דונערט אין דער פינסטער. אָליוויער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, און מער איז אים גאָרנישט גע־בליבן. ער איז געווען פאַרביטערט קעגן אַלץ, וואָס האָט ביז אַהער אויסגעפולט זיין לעבן. קעגן די געפילן, וואָס ער האָט געגלויבט צו טיילן מיט אַנדערע, קעגן די כּלומרשט שותּפותדיקע געדאַנקען, וואָס ער האָט געהאַט מיט דער איבעריקער מענטשהייט. איצט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז דאָס שפּילצייג פון אַן אילוזיע: דאָס גאַנצע סאָציאַלע לעבן האָט זיך געשטיצט אויף אַן אומענדלעכע מיספאַר־שטייעניש, וואָס איר סיבה איז געווען די שפּראַך. אין דער ווירק־

לעכקייט איז עס נאָר אַ באַציונג צווישן די ווערטער. מען זאָגט און מען הערט ווערטער. אָבער קיין איין וואָרט פאַרמאָגט נישט דעם איי־גענעם זין, ווען צוויי מענטשן זאָגן עס אַרויס. און דאָס איז נאָך גאָרנישט: קיין איין איינציק וואָרט געפינט נישט אין לעבן זיין פאַר־ווירקלעכונג. די ווערטער גיסן זיך אַרויס פון דער איבערגעלעבטער ווירקלעכקייט. מען רעדט פון ליבע אָדער פון האַס. עס איז נישטאָ, נישט קיין ליבע און נישט קיין האַס, נישט קיין פריינט און נישט קיין פיינט, נישט קיין גלויבן און נישט קיין ליידנשאַפט, נישט קיין גוטס און נישט קיין שלעכטס. עס זענען נאָר פאַראַן קאַלטע רע־פלעקסן פון יענע ליכט־שיינען, וואָס פאַלן פון די אויסגעלאָשענע זו־נען, פון די לאַנג שוין טויטע שטערנס... פריינט? עס פעלן נישט קיין מענטשן, וואָס נעמען זיך דעם דאָזיקן נאָמען. אָבער וואָס פאַראַ באַנאַלע ווירקלעכקייט שאַפט זייער פריינטשאַפט? וואָס איז פריינט־שאַפט אין אַן אַלגעמיינעם זין? וויפל מינוטן פון זיין לעבן גיט אָפּ דער, וואָס האַלט זיך פאַר אַ פריינט, דעם פאַרבלאַסטן אָנדענק פון זיין פריינט? וואָס וואָלט ער פאַר אים מקריב געווען, נישט דערפון וואָס איז בוימוועדיק נאָר פון זיין איבערפלוס, פון זיין גאָרנישט טון, פון זיין לאַנגווייליקייט? וואָס האָט קריסטאָף מקריב געווען פאַר אָדי־ווירען? — (ווייל ער האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין אויסנאַם, נאָר אָליוויערן האָט ער אַרויסגענומען פון דער נישטיקייט, אין וועל־כער ער האָט איינגעפּאַסט אַלע מענטשן) — די קונסט איז נישט ווירקלעכער פון דער ליבע. וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמט זי באמת אין לעבן? מיט וואָס פאַראַ ליבע ווערט זי אויפגענומען פון די, וואָס טענהן, אַז זיי האָבן זי ליב?... די אָרימקייט פון די מענטשלע־כע געפילן איז זיך נישט פאָרצושטעלן. אויסער דעם מין־אינסטינקט, דער דאָזיקער קאָסמישער קראַפט, וואָס איז דער מאָטאָר פון דער וועלט, איז מער נישט פאַראַן ווי אַ פּאָר קליינע אויפרעגונגען. ס'רוב מענטשן פעלט־אויס לעבנס־קראַפט זיך איבערצוגעבן אַ ליידנשאַפט מיט לייב און לעבן. זיי שפּאָרן זיך אָפּ מיט אַ פּאָרזיכטיקער אויסרעכענונג. זיי נעמען פון אַלץ צו ביסלעך און צוזאַמען גאָרנישט. ווער עס גיט זיך אָפּ אָן חשבון אין אַלע רגעס פון זיין לעבן אַלץ וואָס ער טוט, וואָס ער ליידט, וואָס ער ליבט און האַסט, — דער איז דער גרע־סטער וווּנדער, וואָס מען קאָן טרעפן אויף דער וועלט. די ליידנשאַפט

איז ווי דער זשעני — אַ ווונדער. דאָס הייסט, אַז זי איז בכלל נישט פאַראַן.

אָט אַזוי האָט געטראַכט קריסטאָף, בעת דאָס לעבן האָט זיך געגרייט צו ברענגען אים אַ שרעקלעכן קעגן-באַווייז. ווונדער איז אומעטום, ווי פייער אין אַ שטיין. איין קלאַפּ — און עס שפּריצט אַרויס. מיר פילן נישט די דעמאָנען, וואָס דרימלען אין אונז...

„Pero non mi destar, deh! parla basso!"

(דעריבער וועק איך נישט אויף, אַ! רעדט שטילער!)

איינמאָל אין אָוונט, בעת קריסטאָף האָט אימפּראָוויזירט ביים פּיאַנינאָ איז אננאַ אויפגעשטאַנען, ווי עס פלעגט טרעפן גאַנץ אָפט בעת קריסטאָפס שפּילן, און איז אַרויסגעגאַנגען, די מוזיק האָט זי משמעות געלאַנגווייליקט. קריסטאָף האָט דערויף קיין אַכט נישט געלעגט, עס איז אים געווען אַלץ-איינס, וואָס זי טראַכט, ער האָט געשפּילט ווייטער. נאָר עס זענען אים איינגעפאַלן געדאַנקען, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרשרייבן. ער האָט איבערגעריסן און געוואָלט אַרויסגיין אין צימער, נעמען דאָס נויטיקע נאָטן-פּאַפּיר. ווען ער איז אַריין אין שכנותדיקן צימער און זיך אַ וואָרף געטון מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ אין דער טונקעלקייט, האָט ער זיך האַסטיק אָנגעשטויסן אין אַן אומבאַוועגלעכן קערפּער, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג: אננאַ... דער פאַל און שרעק האָבן אַרויסגערופן ביי דער יינגער פרוי אַ געשריי. קריסטאָף, באַאומרויקט, צי עס טוט איר עפּעס נישט וויי, האָט זי האַרציק אָנגענומען פאַר ביידע הענט. זיי זענען געווען קאַלט ווי אייז, ס'האָט אויסגעזען אַז זי ציטערט, מסתמא פון שרעק, זי האָט געמורמלט עפּעס אַן אומדייטלעכע דערקלערונג, פאַרוואָס זי געפינט זיך אויף דעם אָרט:

— כ'האָב געזוכט... אין עס-צימער...

ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט געזוכט, און אפשר האָט זי עס גאָרנישט געזאָגט. ס'האָט אויסגעזען ביי אים מערקווירדיק, וואָס זי איז געגאַנגען עפּעס זוכן אָן אַ ליכט. נאָר ער איז אַזוי געוווינט געווען צו אננאַס משונהדיקע האַנדלונגען, אַז ער האָט אויף דעם קיין אַכט נישט געלעגט.

אין אַ שעה אַרום איז ער צוריקגעקומען אין דעם קליינעם
סאַלאָן, ווו ער האָט פאַרבראַכט דעם אָוונט מיט ברוינען און אַננאַן.
ער האָט זיך געזעצט ביים טיש פאַרן לאָמפּ און געשריבן. רעכטס,
ביים צווייטן עק טיש, איז געזעסן אַננאַ געבויגן איבער איר אַרבעט
און געניית. הינטער זיי אין אַ נידעריקן פאָטעל ביים פייער, האָט
ברוין געלייענט עפּעס אַ זשורנאַל, אַלע דריי האָבן געשוויגן, נאָר
פון צייט צו צייט האָט מען געהערט, ווי עס קלאַפּט דער רעגן אויפן
זאַמד פון גאָרטן. כדי זיך איינגאַנצן אָפּצוזונדערן, האָט זיך קריסטאָף,
וואָס איז געזעסן דריי פערטל אויסגעדרייט צו אַננאַן, אויסגעדרייט
זיך צו איר איינגאַנצן מיטן רוקן. אַנטקעגן אים האָט דער וואַנט־
שפּיגל אָפּגעשלאָגן דעם טיש, דעם לאָמפּ און די צוויי געשטאַלטן,
וואָס זענען געזעסן געבויגן איבער זייער אַרבעט. קריסטאָפן האָט
זיך געדאַכט, אַז אַננאַ קוקט אָן, און אָנהויב האָט עס אים נישט גע־
אַרט, נאָר לסוף, ווען דאָס געפיל האָט אים גענומען מאַטערן, האָט
ער אויפגעהויבן דעם בליק צום שפּיגל און דערזען... זי האָט אים
באמת אָנגעקוקט, אָבער מיט וואָס פאַר אַ בליק! ער איז געווען ווי
פאַרשטיינערט, ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געקוקט. זי האָט
נישט געוווסט, אַז ער אָבסערווירט זי. דאָס ליכט פון לאָמפּ איז גע־
פאַלן אויף איר בלייך פּנים, וואָס זיין שטענדיקער ערנסט און שווייגן
האָבן איצט געהאַט דעם אויסדרוק פון איינגעהאַלטענער ליידנשאַפט.
אירע אויגן, די דאָזיקע אומבאַקאַנטע אויגן, וואָס ער האָט קיינמאָל
נישט געקענט באַגעגענען, האָבן אים גלייך אָנגעקוקט: טיף־בלויע
אויגן מיט גרויסע אַפּלען און מיט אַ ברענענדיקן האַרטן בליק; זיי
האָבן זיך אָנגעהאָנגען אָן אים, זיי האָבן אים געפּאָרשט מיט אַ שטור־
מען, עקשנותדיקן ברען. אירע אויגן? זענען עס געווען באמת אירע
אויגן? ער האָט זיי געזען און נישט געגלויבט. צי האָט ער ריכטיק
געזען? ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט... די אויגן זענען געווען
אַראָפּגעלאָזן. ער האָט געפּרווט מיט איר רעדן, צווינגען זי, זי זאָל
אים אַ קוק טון אין פּנים, די אומבאַוועגלעכע געשטאַלט האָט גע־
ענטפערט, נישט אויפהויבנדיק פון דער אַרבעט איר בליק, וואָס האָט
זיך באַהאַלטן אונטער דעם אומדורכדרינגלעכן טונקל פון די בלוילע־
כע לידערלעך מיט די קורצע און געדיכטע ברעמען. ווען קריסטאָף
זאָל נישט זיין זיכער אין זיך, וואָלט ער געגלויבט, אַז ער איז
געווען דאָס שפּילצייג פון אַן אילוזיע, אָבער ער האָט געוווסט, וואָס ער

האָט געזען, און האָט זיך עס נישט געקאָנט דערקלערן.

נאָר אַזוי ווי זיין גייסט איז געווען פאַרנומען מיט אַרבעט און אַננאַ האָט אים ווייניק פאַרינטערסירט, האָט דער אייגנאַרטיקער איינדרוק לאַנג נישט אָנגעהאַלטן.

און אַ וואָך אַרום האָט קריסטאָף געפרווט שפּילן אויפן פּיאַנינאָ אַ ליד, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט קאָמפּאָנירט. ברוין, וואָס האָט סיי צוליב מענערישער אייגנליבע, סיי צוליב דעם פאַרגעניגן זיין ווייב צו דערגיין די יאָרן, געהאַט אַ טבע צו פאַרמאַטערן זי, זי זאָל זינגען אָדער שפּילן, — איז דעם דאָזיקן אָוונט געווען באַזונדערס צודרינגלעך. שטענדיק פלעגט אַננאַ אָפּזאָגן מיט אַ טרוקענעם „ניין” און מער קיין אַכט נישט געלעגט אויף די פאָדערונגען, ביטעס, אָדער וויצן; זי האָט צוזאַמענגעפּרעסט די ליפּן און געמאַכט זיך נישט הערנדיק. דאָסמאָל אָבער האָט זי צו ברוינס און קריסטאָפס גרעסטער דערשטוינונג אַוועקגעלעגט די אַרבעט, אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פּיאַנינאָ און געזונגען דאָס ליד, וואָס זי האָט פריער קיינמאָל נישט געקענט. דאָס איז געווען אַ מין ווונדער, דער ווונדער. איר שטים האָט געהאַט אַ טיפן קלאַנג און האָט לחלוטין נישט דערמאָנט אָן איר רויער, פאַרשלייערטער שטים בעת איר רעדן. זי האָט גענומען באַלד דעם ערשטן טאָן פעסט און אָן אַ סימן פון פאַרלעגנהייט; אָן שום אָנשטרענגונג האָט זי אַריינגעלעגט אין דעם מוזיקאַלישן זאַץ אַ ריינדיקע און ריינע גרויסקייט. זי האָט זיך דערהויבן צו אַזאַ געוואַלדיקער ליידנשאַפט, אַז קריסטאָף האָט אַ ציטער געטון: ס׳האָט זיך אים געדאַכט, ווי ער וואָלט פאַרנומען די שטים פון זיין אייגענעם האַרצן. ער האָט זי אָנגעקוקט פאַרחידושט, בעת זי האָט געזונגען. און לסוף האָט ער זי צום ערשטן מאָל דערזען. ער האָט געזען אירע טונקעלע אויגן, אין וועלכע ס׳האָט זיך אָנגעצונדן אַ ווילדער גלאַנץ, אירע גרויסע ליידנשאַפטלעכע ליפּן, פיינגעשניטן מיט אַ זינלעכן, אַ ביסל אַ שווערן און גרויזאַמען שמייכל, אירע געזונטע ווייסע ציין, אירע שיינע און שטאַרקע הענט, וואָס איינע פון זיי האָט זי אָנגעשפּאַרט אָן פּיאַנינאָ. און דעם קרעפטיקן בוי פון איר קערפּער, וואָס איז געווען צוזאַמענגעדריקט אין אירע קליידער, אויסגעמאַטערט פון אַ געדריקט לעבן, אָבער יונגטלעך־פריש. קרעפטיק און האַרמאָניש.

ווען זי האָט געענדיקט דאָס ליד, האָט זי זיך ווידער געזעצט

מיט די הענט אויף די קני, ברוין האָט זי געגלויבט, נאָר ער האָט איינגעפונען, אַז זי האָט געזונגען צו ווייניק באַהאַרצט. קריסטאָף האָט גאָרנישט געזאָגט, ער האָט זי נאָר באַטראַכט, זי האָט אומבאַשטימט געשמייכלט, ווייל זי האָט געוווסט, אַז ער קוקט אויף איר. אין יענעם אָוונט האָט צווישן זיי געהערשט אַ טיפע שווייגעניש, עס איז איר קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט זיך אויפגעהויבן איבער זיך אַליין, און אפשר צום ערשטן מאָל זיך אַליין דערפילט, זי האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס.

פון יענעם טאָג האָט קריסטאָף אויפמערקזאַם אָנגעהויבן צו אָבסערווירן אַננאַן, זי איז ווידער אַריינגעפאַלן אין איר שטומקייט, גלייכגילטיקייט און אַרבעטזאַמקייט, וואָס האָט אויפגערעגט אַפילו איר מאַן, און האָט איינגעשלעפערט די טונקעלע געדאַנקען פון איר אומרויקער נאַטור. הגם ער האָט זי שטאַרק אָבסערווירט, האָט קריסטאָף נישט אַנטדעקט אין איר מער, ווי די שטייפע בירגערלעכע פרוי פון דער צייט. טיילמאָל איז זי געזעסן פאַרזונקען אין זיך, אָן אַרבעט, מיט פאַרשטאַרטע אויגן. אָט אַזוי האָט מען זי פאַרלאָזן און אַזוי האָט מען זי געפונען אין אַ פערטל שעה אַרום: זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ווען דער מאַן האָט זי געפרעגט, פון וואָס זי טראַכט, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון דער פאַרגליווערטקייט און שמייכלענדיק געזאָגט, אַז זי טראַכט פון גאָרנישט, און זי האָט געזאָגט דעם אמת.

קיין זאַך האָט זי נישט אַרויסגעפירט פון איר גלייכגעוויכט. איינמאָל, בעת זי האָט זיך אָנגעטון, האָט זיך אָנגעצונדן אַ ספּירטמאַשינקע. אין איין אויגנבליק איז אַננאַ געשטאַנען אין פלאַמען. דאָס דינסט-מיידל איז אַרויסגעלאָפן און געשריגן נאָך הילף. ברוין האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ, אַרומגעלאָפן, געמאַכט געוואַלדן און שיר נישט משוגע געוואָרן. אַננאַ האָט אַראָפּגעריסן פון זיך דעם שלאָף-ראָק, אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס קלייד, וואָס דאָס פייער האָט שוין געהאַט אַרומגענומען און עס צעטרעטן מיט די פיס. ווען קריסטאָף איז געקומען צו לויפן מיט אַ קאַראַפקע וואַסער, וואָס ער האָט מיט גרויס

אומזין אַ כּאַפּ געטון, האָט ער דערזען אַננאַן אויף אַ שטול, אין אַן אונטערקלייד מיט נאַקעטע אָרעמס, ווי זי האָט מיט די אייגענע הענט געלאָשן רויק דאָס פייער, וואָס האָט אָנגעכאַפּט די פאָרהאַנגען. זי האָט זיך אָפּגעבריט אָבער גאָרנישט געריעדט, און ס'האָט איר, אפנים, פאַרדראָסן, וואָס מען האָט זי געזען אין אַזאַ מעמד. זי איז רויט געוואָרן און געשיקט באַדעקט אירע אַקסלען מיט די הענט און אַרויפּ־געלאָפן אין שכנותדיקן צימער מיט אַ מינע פון באַליידיקטער ערע. קריסטאָף האָט באַוווּנדערט איר רויקייט, אָבער ער וואָלט נישט גע־קאָנט זאָגן, צי די דאָזיקע רויקייט האָט באַדייט מוט צי נישט עמ־פינדלעכקייט. ער איז געווען גענויגט צום לעצטן. די דאָזיקע פרוי האָט אויסגעזען נישט צו האָבן קיין אינטערעס צו קיין שום זאַך. נישט צו אַנדערע און נישט צו זיך. קריסטאָף האָט געצווייפלט, צי זי פאַרמאָגט אַ האַרץ.

ער האָט באַלד אויפגעהערט צו צווייפלען, נאָך אַ געשעעניש, וואָס ער האָט בייגעוווינט... אַננאַ האָט געהאַט אַ קליין שוואַרץ הינטל מיט קלוגע מילדע אויגן, וואָס איז געווען דער ליבלינג פון גאַנצן שטוב. ברוין האָט עס אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט. קריסטאָף האָט עס מיטגענומען מיט זיך, בעת ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין צי־מער ביי דער אַרבעט, און אָפט, אָנשטאָט צו אַרבעטן, האָט ער זיך דערמיט געשפּילט אונטער דער פאַרשלאָסענער טיר. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט שוין דער הונט געוואַרט אויף דער שוועל און נאָכגעגאַנגען אים טריט ביי טריט, ווי אַ באַגלייטער אויפן שפּאַציר. ער איז טאַנצנדיק געלאָפן פאָרויס, און זיינע פיר לאַפּקעס האָבן קוים אָנגערירט די ערד. פון צייט צו צייט איז ער געבליבן שטיין שטאָלץ, וואָס ער גייט שנעלער, און מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג די ברוסט פאַריסן, געקוקט אויף קריסטאָפן. ער האָט זיך געמאַכט ווילד און געבילט אויף אַ שטיק האָלץ. ווי נאָר ער האָט אָבער פון דער ווייטן דערשמעקט אַן אַנדער הונט, האָט ער ווי אַ ווינט גענומען פליען און ציטערנדיק געזוכט אַ שוץ צווישן קריסטאָפס פיס. קריסטאָף האָט זיך לוסטיק געמאַכט איבער אים און דאָך אים ליב געהאַט. זינט ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון מענטשן, האָט ער זיך אַלץ מער געפילט צוגע־צויגן צו די חיות. ער האָט געהאַט מיטלייד מיט זיי. זיי האָבן אים גערירט. מיט וויפל צוטרוי גיבן זיך אָפּ די דאָזיקע חיות דעם מענטשן, וואָס איז גוט צו זיי. דער מענטש איז אויף אַזוי ווייט דער האַר־

איבער זייער לעבן און טויט, אַז ווער עס טוט אָן אַ ווייטיק די דאָ־
זיקע שוואַכע ברואים, באַגייט אַן עקלדיקן מיסברויך פון זיין מאַכט.
הגם דאָס רייצנדיקע הינטל איז געגאַנגען צו אַלעמען, האָט עס צום שטאַרקסטן געצויגן צו אַננאַן. זי האָט גאָרנישט געטון, כּדי דעם הונט צו געווינען. אָבער זי האָט ליב געהאַט עס צו גלעטן, צו לאָזן אים ליגן אויף אירע קני, געזאָרגט פאַר זיין עסן און ליב געהאַט דאָס הינטל, ווי זי איז בכלל געווען בכוח ליב צו האָבן. איינמאָל האָט דאָס הינטל נישט באַוויזן צו אַנטלויפן פון אונטער די רעדער פון אַן אויטאָמאָביל און עס איז געוואָרן איבערגעפאָרן פאַר די אויגן פון זיינע באַלעבאַטים. עס האָט נאָך געלעבט און יאָמערלעך גע־קלאָגט. ברוין איז אַרויסגעלאָפן מיט אַ בלייזן קאָפּ פון שטוב. ער האָט צונויפגענומען די פאַרבלוטיקטע שטיקלעך און געפּרוווט לפּחות לינדערן זיין ווייטיק. אַננאַ איז צוגעגאַנגען, אַ קוק געטון נישט איינבויגנדיק זיך, פאַרקרימט מיט עקל דאָס מויל און אַוועקגעגאַנגען.
— ברוין איז געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן איבער דער שטאַרבנדיקער חיה. קריסטאָף איז מיט גרויסע שריט געלאָפן איבערן גאָרטן און געביילט די פויסטן. ער האָט געהערט, ווי אַננאַ האָט רויק אַרויסגעגעבן דער דינסטמיידל באַפעלן. ער האָט זיך נישט גע־קאָנט איינהאַלטן און געפרעגט:
— עס האָט אויף אייך גאָר קיין איינדרוק נישט געמאַכט?
זי האָט געענטפערט:
— מען קאָן דאָך שוין גאָרנישט העלפן, נישט אמת? איז שוין בעסער דערפון נישט צו טראַכטן.
ער האָט דערפילט צו איר אַ שנאה, נאָר דערנאָך איז אים דער ענטפער אויסגעקומען משונהדיק, און ער האָט זיך צעלאַכט. ער האָט געטראַכט, אַז אַננאַ וואָלט אים געדאַרפט געבן דעם רעצעפּט, ווי אַזוי נישט צו טראַכטן וועגן טרויעריקע זאַכן. און ער האָט איינ־געפונען, אַז דאָס לעבן איז זייער לייכט פאַר די, וואָס האָבן דאָס גליק נישט צו באַזיצן קיין האַרץ. ער האָט געטראַכט, ווי ווייניק אַננאַ וואָלט זיך אויפגערעגט, ווען ברוין, למשל, וואָלט געשטאָרבן; און ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ מזל טוב, וואָס ער האָט נישט חתונה געהאַט. זיין איינזאַמקייט האָט אים אויסגעזען ווייניקער טרויעריק, ווי די דאָזיקע קייט פון געוווינהייטן, וואָס בינדט אויפן גאַנצן לעבן מיט איין מענטשן, פאַר וועלכן מען איז אַן אָביעקט פון האַס, אָדער

נאָך ערגער — אַ גאָרנישט. די דאָזיקע פּרוּוו האָט משמעות קיינעם נישט ליב געהאַט. זי האָט קוים עקזיסטירט. די פרומקייט האָט זי אויסגעטרוקנט.

איינמאָל, סוף אָקטאָבער, האָט זי געמאַכט קריסטאָפֿן אַן איבע־ראַשונג. — זיי זענען געזעסן ביים טיש. ער האָט גערעדט מיט ברוי־נען וועגן אַ פאַרברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן צוליב ליידנ־שאַפט און וואָס מיט אים האָט געקלונגען די שטאָט. אין דאָרף האָבן זיך צוויי איטאַליעַנישע מיידלעך, צוויי שוועסטער, פאַרליבט אין איין מאַן. אַזוי ווי קיין איינע פון זיי האָט נישט געוואָלט מיטן אייגענעם ווילן זיך מקריב זיין, האָט מען געוואָרפן אַ גורל ווער פון זיי ביידן זאָל אָפּטרעטן דאָס אָרט. די פאַרשפּילטע האָט זיך געדאַרפט גאַנץ איינפאַך אַריינוואַרפן אין טייך. נאָר ווען דער גורל האָט גוזר געווען, אַז געווינען זאָל נאָר איינע, האָט די צווייטע נישט געהאַט קיין חשק צו דערפילן דעם אָפּמאַך. די אַנדערע איז געווען אויפגערעגט צוליב דער געבראָכענער טרייהייט. פון זידלערייי איז מען אַריבער צו קלעפּ און אפילו צו מעסער. נאָר דעמאָלט האָט דער ווינט פלוצלינג גע־ענדערט זיין ריכטונג. זיי האָבן זיך וויינענדיק אַרומגענומען און געשוואוירן איינער אָן דער אַנדערער נישט צו לעבן. און אַזוי ווי זיי האָבן באַשלאָסן, אַז קיין איינע פון זיי זאָל דעם מאַן נישט נעמען, האָבן זיי אָפּגעמאַכט אים צו דערהרגענען. איינמאָל ביינאַכט האָבן די ביידע פאַרליבטע אַריינגעלאָזן צו זיך אין צימער זייער געליבטן, וואָס איז געווען שטאָלץ צוליב זיין טאָפּעלן ערפאָלג; און בעת איי־נע האָט אים ליידנשאַפטלעך אַרומגענומען מיט די אָרעמס, האָט אים די אַנדערע, נישט ווייניקער ליידנשאַפטלעך, אַריינגעשטעקט דעם מע־סער אין רוקן. צום גליק האָט מען דערהערט זיין געשריי, מען איז געקומען צולויפן און אַרויסגעריסן אים פון אירע אָרעמס אין אַ קלאָגנ־דיקן צושטאַנד. די מיידלעך האָט מען אַרעסטירט, הגם זיי האָבן זיך געבונטעוועט און געטענהט, אַז קיינעם גייט עס נישט אָן, אַז נאָר זיי אַליין זענען אין דעם פאַראינטערעסירט און אַז קוים זענען זיי צווישן זיך דורכגעקומען, דאַרף זיך קיינער אין דעם נישט אַריינ־מישן. זייער קרבן האָט שיר נאָכגעגעבן זייער אויפפאַסונג, אָבער די גערעכטיקייט האָט עס נישט אָנערקענט. ברוין האָט עס אויך נישט פאַרשטאַנען.

— איר זענט משוגע, — האָט ער געזאָגט. — מען דאַרף אייך

פאַרשפאַרן אין אַ משוגעים־הויז. ניין! אַזעלכע חיות, איך פאַרשטיי, אַז מען קאָן זיך נאָך נעמען דאָס לעבן אויס ליבע, איך פאַרשטיי אַפילו, אַז מען הרגעט דעם געליבטן, וואָס האָט פאַראַטן... דאָס הייסט, איך בין זיי נישט מוחל, נאָר איך אָנערקען עס ווי אַ ירושה פון דעם חיהשן אַטאַוויזם. עס איז באַרבאַריש אָבער לאָגיש: מען הרגעט דעם, וואָס איז געווען די סיבה פון דעם ווייטיק. אָבער צו הרגענען עמעצן, וועלכן מען האָט ליב, אָן גרויל און אָן האַס, בלויז דערפאַר, וואָס אַנדערע האָבן אים ליב, דאָס איז אַ געמיינהייט... דו פאַרשטייסט עס, קריסטאָף?

— נו, — האָט געזאָגט קריסטאָף, — איך בין שוין געוווינט נישט צו פאַרשטיין. ליבע און אומפאַרשטאַנד איז אַלץ איינס.

אַננאַ, וואָס האָט משמעות נישט געהערט און געשוויגן, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט מיט איר רויקער שטים:

— אין דעם איז דאָך נישט פאַראַן קיין שום אומזין, עס איז גאַנץ נאַטירלעך: ווען מען האָט ליב, וויל מען חרוב מאַכן דאָס, וואָס מען ליבט, כדי קיין אַנדערער זאָל עס נישט באַזיצן.

ברוין האָט פאַרחידושט אָנגעקוקט זיין פרוי. ער האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיש, פאַרלעגט די הענט און געזאָגט:

— ווו האָסטו עס אויסגעזוכט?.. וואָס! צוּוואָס מישסטו זיך אַריין אין אַזעלכע ענינים? וואָס פאַרשטייסטו דערפון?

אַננאַ האָט זיך לייכט פאַרויטלט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ברוין האָט ווייטער גערעדט:

— ווען מען ליבט, וויל מען חרוב מאַכן?... וואָס פאַר אַן אומדערהערטער אומזין! חרוב מאַכן דאָס, וואָס דיר איז טייער. — הייסט מאַכן פון זיך אַליין אַ תל. פאַרקערט, ווען מען ליבט איז דאָס נאַטירלעכע געפיל גוטס צו טון דעם, וואָס טוט אונז גוט, צערטלען אים און פאַרטיידיקן, זיין גוט צו אים און זיין גוט צו אַלעמען. ליבע איז דער גן־עדן אויף דער ערד.

אַננאַ, מיט פאַרשטאַרטע אויגן אין דעם שאָטן, האָט אים געלאָזט רעדן, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און קאַלט געזאָגט:

— בעת מען ליבט איז מען נישט גוט.

קריסטאָף האָט מער נישט געהערט אַננאַן זינגען. ער האָט מורא געהאַט... פאַר אַן אַנטוישונג — אָדער אפשר פאַר עפּעס אַנדערש? ער וואָלט עס נישט געקאָנט אָנרופן. אַננאַ האָט געפילט די זעלבע שרעק. זי פלעגט אַוועקגיין פון צימער, ווען ער האָט גענומען שפּילן.

אָבער איינמאָל אין אַ נאָוועמבער אָוונט, ווען ער האָט געלייענט ביים קאַמין, האָט ער געזען, ווי אַננאַ איז געזעסן מיט דער אַרבעט אויף דער קני, פאַרזונקען אין אירע טרוימען. זי האָט געקוקט אין חלל. און קריסטאָף האָט געמיינט, אַז אין איר בליק וועט ער באַלד דערזען יענעם זעלטענעם גלאַנץ פון דעם דעמאָלטיקן אָוונט. ער האָט פאַרמאַכט דאָס בוך. זי האָט דערפילט, אַז ער אָבסערווירט זי און גענומען ווידער נייען. פון אונטער אירע פאַרמאַכטע וויעס, האָט זי אַלץ געזען. ער איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— קום צו.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אויגן, אין וועלכע ס'האָט געפלאַקערט אַן אומרו. זי האָט פאַרשטאַנען און איז צוגעגאַנגען.

— וווהין גייט איר? — האָט ברוין געפרעגט.

— צום פּיאַנינאָ — האָט געענטפערט קריסטאָף.

ער האָט געשפּילט. זי האָט געזונגען. ער האָט זי באַלד דערזען אין יענעם ליכט, ווי זי איז דערשינען פאַר אים צום ערשטן מאָל. מיט דער גאַנצער זיכערקייט, האָט זי געטראָטן אין דער דאָזיקער העראָישער וועלט, גלייך ווי זי וואָלט געהערט צו איר. ער האָט זי ווידער אויסגעפּרוווט, גענומען שפּילן אַ צווייט שטיק, דערנאָך אַ אַ דריטס, מיט מער שוווּנג, צעגליענדיק אין איר אַלע ליידנשאַפטן, מיטרייסנדיק זי און זיך אַליין. דעמאָלט, ווען זי איז אָנגעקומען צום העכסטן פּונקט, האָט ער פּלוצלינג איבערגעריסן און קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן אַריין געפרעגט:

— אָבער ווער זענט איר אייגנטלעך?

אַננאַ האָט געענטפערט:

— איך ווייס נישט.

ער האָט גראָב געזאָגט:

— וואָס געפינט זיך אין אייך אַזוינס, וואָס איר זינגט אַזוי?

זי האָט געענטפערט:

— דאָס, וואָס איר הייסט מיר זינגען.

— באמת? נו, איז גוט, איך פרעג ביי זיך, צי איך האָב עס געשאַפן, צי איר. אַלזאָ, איר פילט עס די דאָזיקע זאַכן, איר?

— איך ווייס נישט, איך גלויב, אַז ווען מען זינגט, איז מען נישט דער זעלבער.

— און איך גלויב, אַז נאָר דעמאָלט זענט איר — איר.

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן. אירע באַקן זענען פייכט געוואָרן פון אַ לייכטן שווייס. איר בוזים האָט זיך לייכט געהויבן. זי האָט געקוקט צום פלאָם פון דעם ליכט און מעכאַניש געקראַצט דעם חלב, וואָס האָט אַראָפּגעטריפט אויפן ראַנד פון לייכטער. ער האָט לייכט באַרירט די קלאַווישן און אויף איר געקוקט. זיי האָבן נאָך אויסגעטוישט צווישן זיך עטלעכע פאַרלעגענע ווערטער, אָפּגעריסן און אין אַן אומרויקן טאָן, דערנאָך עטלעכע באַנאַלע ווערטער, — און לסוף איינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן צוליב מורא טיפער נאָכצופאָרשן.

צומאָרגנס האָבן זיי צווישן זיך נישט גערעדט; זיי האָבן געקוקט אויף זיך מיט אַ מין שרעק. אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי זיך איינגעוווינט אין די אָוונטן צו שפּילן צוזאַמען. דערנאָך האָבן זיי גענומען שפּילן צוזאַמען נאָכמיטאָג. און וואָס אַ טאָג ווייטער, אַלץ לענגער. באַלד פון די ערשטע אַקאָרדן איז זי באַהערשט געוואָרן פון דער אומפאַרשטענדלעכער ליידנשאַפט, און כּל זמן די מוזיק האָט געדויערט, איז זי פון אַ קליינבירגערין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָלצער ווענוס, די פאַרקערפּערונג פון אַלע ליידנשאַפטן.

ברוין האָט זיך געוווּנדערט איבער אַנאַס פּלוצלינג דערוואַכטע ליבע צו געזאַנג, נאָר ער האָט זיך נישט מטריח געווען צו דערגיין די סיבה פון דעם דאָזיקן פרויען-קאַפּריז. ער איז בייגעווען די קליינע קאָנצערטן, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צום טאַקט, אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען און איז געווען אַ גליקלעכער, הגם ער וואָלט גערן געהערט בעסער לייכטערע מוזיק: אַזאַ פאַרשווענדונג פון די כּוחות האָט ביי אים אויסגעזען איבערגעטריבן. קריסטאָף האָט דערפילט אַ געפאַר, נאָר ס'האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ: אָפּגעשוואַכט פון דעם קריזיס, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט דורכגעמאַכט, האָט ער נישט גע-

שטעלט קיין שום ווידערשטאַנד און האָט פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין דערפון, וואָס אין אים איז פאָרגעקומען. נישט נאָכפאָרשנדיק, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אַננאַן. איינמאָל נאָך מיטאָג האָט זי איבערגעריסן אין מיטן אַ ליד אין פולן ברען פון התלהבות און איז אָן אַ שום דערקלערונג אַרויס פון צימער. קריסטאָף האָט אויף איר געוואַרט, נאָר זי איז נישט געקומען, אין אַ האַלבע שעה אַרום, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען אין קאָרידאָר איר צימער, האָט ער זי דערזען אין הינטערגרונט דורך דער האַלב-אָפענער טיר, ווי זי איז מיט אַ פאַרשטאַרט פנים פאַרזונקען געווען אין תפילות.

דערווייל אָבער האָט זיך ביסלעכווייז געשאַפן צווישן זיי אַביסל צוטרוי. ער האָט זי געפרוווט ברענגען דערצו, זי זאָל אים עפּעס דערציילן וועגן איר פאַרגאַנגענהייט; זי האָט גערעדט נאָר וועגן טאָגטעגלעכע זאַכן. מיט אומענדלעכער מי האָט זי ביסלעכווייז אים דערציילט גענויער די פּרטים. דורך ברוינס אַביסל אומדיסקרעטער גוטמוטיקייט איז אים געלונגען אַדורכצודרינגען דעם סוד פון איר לעבן.

זי איז געבוירן געוואָרן אין שטאָט. איר מיידלשער נאָמען איז געווען אַננאַ מאַריאַ זענפל. איר פאָטער, מאַרטין זענפל האָט געהערט צו אַן אַלטער מיליאָנערישער סוחרישער משפחה, ווו דער קלאַסן-שטאָלץ און רעליגיעזע ריינקייט זענען דערגאַנגען ביז דער העכסטער מדרגה. בטבע געניוגט צו אַוואַנטורעס, האָט ער, ווי פיל פון זיינע לאַנדסלייט, פאַרבראַכט אין דער פרעמד, אין דעם אָריענט און אין דרום-אַמעריקע. ער האָט אַפילו אונטערגענומען אַ ריזיקאַלישע עקספּעדיציע אין צענטראַל אַזיע, צו וואָס עס האָבן אים געשטויסן סיי די האַנדלס אינטערעסן פון זיין הויז, סיי די ליבע צו דער וויסנשאַפט און די אייגענע פרייד. בעת די דאָזיקע וועלט-רייזעס האָט ער זיך נישט באַשווערט מיט קיין פאַרשידענע זאַכן, נאָר פאַרקערט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אויך די, וואָס ער האָט געטראָגן, ווי למשל זיינע אַלטע פאָראורטיילן. אָבער אויף אַזאַ ווייט, אַז ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים מיט זיין הייסן טעמפּעראַמענט און עקשנותדיקן קאָפּ, האָט ער קעגן דעם ווילן פון זיינע אייגענע, חתונה געמאַכט זיינע טעכטער מיט די פויערים פון זיין סביבה, מענטשן מיט אַ צווייפלהאַפטן נאָמען און אַליין חתונה-געהאַט מיט אַ פויערשער טאָכטער, וואָס איז פריער געווען זיין געליבטע. די חתונה איז געווען דאָס איינציקע מיטל צו פאַרהאַלטן ביי זיך דאָס מיידל, וואָס אָן איר האָט

ער זיך נישט געקאָנט באַגיין. נאָך דעם האָט די פאַמיליע אומזיסט פּראָטעסטירט און פאַרמאַכט זיך פאַר דעם, וואָס האָט מיסברויכט מיט איר הייליקער אויטאָריטעט. די שטאָט, דאָס הייסט די אַלע, וואָס האָבן זיך געציילט, האָבן זיך ווי געוויינלעך אויך דאָס מאָל סאָלידאַר באַצויגן צום נישט קלוגן פאָר פאָלק. דער פאָרשער האָט פון זיך אַליין באַקומען די דערפאַרונג, אַז עס איז נישט ווייניקער געפערלעך צו קעמפן קעגן די פאָראורטיילן פון די מענטשן אין די קריסטלעכע לענדער, ווי מיט די אָנהענגער פון דאלי-לאַמאַ. ער איז נישט געווען גענוג שטאַרק, כדי גרינגצושעצן די מיינונג פון דער וועלט. ער האָט שוין געהאַט שטאַרק פאַרקלענערט זיין פאַרמעגן. אַלץ איז געווען פאַר אים פאַרשלאָסן. ער האָט אין נוצלאָזן צאָרן געבונטעוועט זיך קעגן דער שלעכטער באַהאַנדלונג פון דער אַכזריותדיקער שטאָט. זיין געזונט-צושטאַנד, וואָס איז דורך מיסברויכן און פיבער געוואָרן אונטערגעגראָבן, איז שוין נישט געווען בכוח צו שטעלן מער קיין ווידערשטאַנד. ער איז געשטאָרבן פינף חדשים נאָך דער חתונה פון אַ בלוטשטורץ. אין פיר הדשים אַרום איז פון קימפעט געשטאָרבן זיין ווייב, אַ גוטמוטיקע אָבער שוואַכע און נאַרישע פרוי, וואָס האָט זינט איר חתונה נישט פאַרבראַכט קיין איין טאָג אָן טרערן. אין דעם מאָמענט, ווען זי איז אויסגעגאַנגען, איז געקומען אויף דער וועלט די קליינע אַננאַ.

מאַרטינס מוטער האָט נאָך געלעבט. זי האָט נישט מוחל געווען אַפילו אויף איר טויטן-בעט, נישט איר זון און נישט דער, וואָס זי האָט נישט געוואָלט אָנערקענען פאַר איר שנור. אָבער ווען זיי האָבן שוין נישט געלעבט און עס איז געשטילט געוואָרן גאָטס נקמה האָט זי גענומען דאָס קינד צו זיך.

די דאָזיקע פרוי איז געווען ענג-האַרציק פרום, רייך און קאַרג. זי האָט געפירט אַ מאַגאַזין פון זיידנס, אויף אַ טונקעלער גאַס פון דער אַלטשטאָט. זי האָט באַהאַנדלט די טאָכטער פון איר זון, נישט ווי אַן אייניקל, נאָר ווי אַ יתומה, וואָס מען האָט אַריינגענומען צו זיך פאַר רחמנות און וואָס איז דעריבער מחויב צו זיין אין שטוב אַ מין דינסט. פונדעסטוועגן האָט זי איר געגעבן אַן אָנשטענדיקע דערציונג, אָבער זי האָט זיך שטענדיק באַצויגן צו איר מיט אומצוטרוי און שטרענגקייט. ס'האָט אויסגעזען, ווי דאָס קינד וואָלט אין אירע אויגן, שולדיק געווען פאַר די זינד פון אירע עלטערן, און

פונקט ווי זי וואָלט באַשאַפן געוואָרן צו שטראָפן דאָס קינד פאַר די דאָזי־קע זינד. זי האָט איר נישט דערלויבט צו שפּילן זיך, זי האָט געררודפט יעדע נאַטירלעכע אייגנאַרטיקייט פון אירע באַוועגונגען, פון אירע ווערטער און אַפילו פון אירע געדאַנקען, ווי אַ פאַרברעכן. זי האָט דערהרגעט אין דעם יונגן לעבן די פרייד. אַננאַ איז פאַר דער צייט געוווּנט געוואָרן זיך צו לאַנגווייליקן אין דער קירכע און עס נישט אַרויסצווייזן. זי איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ גהינום, אירע קינ־דערשע אויגן, מיט די אַראָפּגעלאָזטע וויעס האָבן אים געזען, דעם גהינום, יעדן זונטיק ביים טויער פון דעם אַלטן מינסטער אין דער געשטאַלט פון נישט אָנשטענדיקע צעדרייטע סטאַטועו, וואָס אַ פייער האָט זיי געברענט צווישן די פיס און וואָס ביי זייערע זייטן זענען געקראָכן עקדעשן און שלאַנגען. זי האָט זיך צוגעוווינט צו שטיקן אין זיך אירע אינסטינקטן און צו נאַרן זיך אַליין. ווי נאָר זי איז דערגאַנגען צום עלטער, ווען זי האָט געקאָנט צוהעלפן איר באָבען, האָט זי געמוזט פון דער פרי ביז אָוונט אַרבעטן אין דעם טרויעריקן מאַגאַזין. זי האָט איבערגענומען די געוווינהייטן, וואָס האָבן געהערשט אַרום איר, דעם גייסט פון דער אָרדענונג, די שווערע שפּאָרזאַמקייט, די איבעריקע דאגות; יענע פאַרלאַנגווייליקטע גלייכגילטיקייט, יענע פאַראַכטלעכע זויערע לעבנס־אויפפאַסונג, וואָס איז אַ נאַטירלעכער רע־זולטאַט פון רעליגיעזן לעבן ביי די, וואָס זענען בטבע נישט רעלי־גיעז. זי האָט זיך אויף אַזוי ווייט איבערגעגעבן איר פרומקייט, אַז זי האָט אויסגעזען איבערגעטריבן אַפילו ביי דער אַלטער פרוי. זי האָט איבערגעטריבן די תעניתים און עגויים. איינמאָל איז איר איינ־געפאַלן צו טראָגן אַ גאָרסעט, וואָס איז געווען אָנגעשטעקט מיט נאָד־לען־כדי זיי זאָלן איר ביי יעדער באַוועגונג איינשטעכן אין לייב. מען האָט געזען, אַז זי איז בלייך געוואָרן און מען האָט נישט גע־ווּוסט פאַרוואָס. ווען זי האָט געחלשט, האָט מען געברענגט אַ דאָקְ־טאָר, זי האָט זיך אָבער בשום אופן נישט דערלויבט צו אונטערזוכן, (זי וואָלט גיכער געשטאָרבן, איידער זיך אויסצוטון אין דער געגנ־וואַרט פון אַ מאַן) אָבער זי האָט זיך מודה געווען, און דער דאָקְ־טאָר האָט איר אָפּגעריכט אַזאַ סקאַנדאַל, אַז זי האָט צוגעזאָגט דאָס שוין מער קיינמאָל נישט צו טון. כדי צו זיין אינגאַנצן זיכער, האָט די באָבע אַכטונג געגעבן אויף איר קליידונג. אַננאַ האָט אין די דאָזיקע עגויים נישט געפונען דעם מיסטישן תענוג, וואָס מען האָט

זיך געקאָנט פאָרשטעלן, זי האָט געהאַט צו ווייניק פאַנטאַזיע. זי וואָלט נישט פאַרשטאַנען די פּאָעזיע פון אַ פראַנץ פון אַסיזי אָדער פון אַ הייליקער טערעזע. איר פרומקייט איז געווען טרויעריק און מאַטעריאַליסטיש. ווען זי האָט זיך געפּייניקט, האָט זי עס נישט געטון פאַרן שׂכר אויף יענער וועלט, נאָר צוליב אַ גרויזאַמען עקל צום לעבן, וואָס האָט זיך געווענדעט קעגן זיך אַליין און האָט געפונען אַ ביי‏זוויליקע הנאה אין אָנטון זיך יסורים. אַ מערקווירדיקע אָפּווייכונג איז געלעגן אין דעם, וואָס דער דאָזיקער האַרטער און קאַלטער גייסט, וועלכער איז ענלעך געווען צו דער באָבען, איז געווען עמפּינדלעך אויף מוזיק אין זייער אַ הויכער מאָס, אַליין נישט וויסנדיק דערפון. קיין אַנדערע קונסטן האָט זי נישט פאַרשטאַנען. אפשר האָט זי אין איר גאַנץ לעבן נישט אָנגעקוקט קיין בילד. זי האָט נישט געהאַט קיין שום חוש פאַר פּלאַסטישער שיינקייט, אויף אַזוי וויט האָט איר געפעלט געשמאַק צוליב איר גאָוההדיקער גלייכגילטיקייט. דער געדאַנק וועגן אַ שיינעם קערפּער האָט נאָר דערוועקט אין איר דעם געדאַנק וועגן נאַקעטקייט, דאָס הייסט פּונקט ווי דאָס געפיל פון עקל ביי די פּויערים, וואָס עס שילדערט טאָלסטוי; אַן עקל, וואָס איז נאָך ביי אַנגאַן געווען שטאַרקער, ווייל אין די באַציונגען מיט מענטשן, האָט זי אייגנטלעך גיכער געפילט דעם טעמפּן שטאָך פון באַגער, ווי דעם רויקן איינדרוק פון עסטעטישע ווערטן. זי האָט נישט געוווּסט נישט פון איר אייגענער שיינקייט נישט וועגן דער קראַפט פון אירע פאַרשטיקטע אינסטינקטן: אייגנטלעך האָט זי נישט געוואָלט וויסן דערפון, און אַ דאַנק דער געווינהייט זיך אָפּצונאַרן האָט זיך איר איינגעגעבן דאָס נישט צו באַמערקן.

ברוין האָט איר באַגעגנט אויף אַ חתונה-מאָל, ווו זי איז על-פי-מקרה געקומען. מען האָט זי אין קיין אָרט נישט איינגעלאַדן צוליב איר שלעכטן נאָמען, וועלכן זי האָט געהאַט צוליב איר נידעריקער אָפּשטאַמונג. זי איז אַלט געווען צוויי און צוואַנציק יאָר. ער האָט זי באַמערקט. אַלנפאַלס האָט זי זיך נישט באַמיט צו ציען זיין אויפמערקזאַמקייט, אָנגעטון שטייף און אָן געשמאַק, איז זי געזעסן נעבן אים ביים טיש און קוים געעפנט דאָס מויל אַרויסצורעדן אַ וואָרט, אָבער ברוין, וואָס האָט נישט אויפגעהערט מיט איר צו רעדן, דאָס הייסט צו רעדן אין משך פון דעם גאַנצן אָוונט איינער אַליין,

האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַ באַגייסטערטער. מיט זיין געוויינלעכן שאַרפן בליק האָט ער באַמערקט די יונג־פרוילעכע ריינקייט פון זיין שכנטע. ער האָט באַוואונדערט איר געזונטן פאַרשטאַנד און איר רויקייט. ער האָט אויך געשעצט איר גוט געזונט און די סאָלידע אייגנשאַפטן פון אַ באַלעבאָסטע, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, ווי ס׳האָט זיך אים געדאַכט. ער איז געקומען צו איר באָבען מיט אַ וויזיט, געקומען נאָכאַמאָל, געבעטן אַננאַס האַנט און באַקומען אַ הסכּמה. קיין נדן האָט זי נישט באַקומען. פרוי זענפל האָט איר גאַנץ פאַרמעגן פאַרשריבן דער שטאָט אויף סוחרישע אונטערנעמונגען.

די יונגע פרוי האָט קיין איין רגע נישט געפילט צו איר מאַן קיין ליבע. לויט איר מיינונג האָט אין חתונה־לעבן דערפון קיין רייד נישט געקאָנט זיין, און מען האָט געדאַרפט אייגנטלעך אָפּשטויסן פון זיך דעם דאָזיקן געפיל, ווי אַ זינדיקן. אָבער זי האָט געשעצט ברוינס גוטסקייט, און נישט אַרויסווייזנדיק אים, געווען אים דאַנקבאַר, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט איר, נישט געקוקט אויף איר צווייפל־האַפטער אָפּשטאַמונג. אגב, האָט זי פאַרמאָגט אַ שטאַרקן ערע־געפיל בנוגע איר חתונה־לעבן. אין משך פון די זיבן יאָר זינט זיי האָבן חתונה געהאַט, האָט קיין זאַך נישט געשטערט זייער פאַרבינדונג. זיי האָבן געלעבט איינער נעבן צווייטן, זיך דורכאויס נישט פאַרשטאַנען, נאָר זיך נישט גענומען צום האַרצן. און די אויגן פון דער וועלט זענען זיי געווען אַ מוסטער פון אַ פאָרפאָלק. זיי זענען ווייניק אַרויסגעגאַנגען. ברוין האָט געהאַט אַ סך קונדן, אָבער עס איז אים נישט געלונגען אַריינצופירן צו זיי זיין פרוי. זי איז נישט געפעלן געוואָרן. און דער פלעק פון איר געבורט איז נאָך נישט געווען אין גאַנצן אָפּגעווישט. אַננאַ האָט אַליין נישט געמאַכט קיין שום אָנשטרענגונגען צו ווערן אויפגענומען. זי האָט נאָך געטראָגן די זעלבע פאַראַכטונג, וואָס האָט פאַרפינסטערט אירע קינדער־יאָרן. אויסער דעם האָט זי זיך געפילט ענג אין געזעלשאַפט און זי האָט זיך נישט געקלאָגט, ווען מען האָט אָן איר פאַרגעסן. זי האָט געמאַכט און אויפגענומען עטלעכע אומבאַדינגט נויטיקע וויזיטן, וואָס די אינטערעסן פון איר מאַן האָבן געפאָדערט. די באַזוכערינס זענען געווען נייגעריקע און בייזווייליקע רכילותניצעס. דאָס איז קיינער נישט מוחל, אָט אַזוי זענען זיי געוואָרן אַלץ זעלטענער און אַננאַ איז געבליבן אין גאַנצן אַליין. דאָס האָט זי טאַקע געוואָלט; קיין זאַך האָט נישט

געשטערט איר טרוים און נישט די טונקעלע געדרוישן פון איר בלוט.

זינט עטלעכע וואָכן האָט אַננאַ אויסגעזען קראַנק. איר פּנים איז איינגעפאַלן און בלאַס געוואָרן. זי האָט אויסגעמיטן קריסטאָפס און ברוינס געזעלשאַפט און פאַרבראַכט אירע טעג אין צימער. זי האָט זיך פאַרטיפט אין אירע געדאַנקן און קיינעם נישט געענטפערט, בעת מען האָט צו איר גערעדט. ברוין האָט זיך נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן פון אָט די ווייבערישע קאַפּריזן. ער האָט עס ערקלערט קריסטאָפן. ווי כמעט אַלע מענער, וואָס ווערן אַ שפּילצייג ביי די פרויען, האָט ער זיך איינגערעדט, אַז ער קען זי זייער גוט; און ער האָט באמת זי געקענט גאַנץ גוט, נאָר ס'האָט צו גאָרנישט נישט גענוצט. ער האָט געוווסט, אַז זי לעבט אָפּט איבער צושטאַנדן פון שווערער טרוימעריי און עקשנותדיקער פיינטלעכער שווייגעניש, און ער האָט איינגעפונען, אַז מען דאַרף זי לאָזן צורו, נישט פּרווון אויפקלערן, און דער עיקר, נישט העלפן איר צו באַלייכטן די דאָזיקע געפערלעכע אומבאַוווסטע וועלט, אין וועלכער זי איז פאַרזונקן. פונדעסטוועגן איז ער געוואָרן אומרויק צוליב אַננאַס געזונט. ער האָט געטענהט, אַז זי פאַרוועלקט צוליב איר אַרט לעבן, ווייל זי זיצט אייביק פאַרשלאָסן, גייט קיינמאָל נישט אין שטאָט אַריין און אַפילו פון שטוב רירט זי זיך כמעט נישט אַרויס. ער האָט געוואָלט, זי זאָל גיין שפּאַצירן, באַגלייטן האָט ער זי נישט געקאָנט, זונטיק איז ער פאַרנומען געווען מיט זיינע רעליגיעזע פליכטן און אין די איבעריקע טעג איז ער געווען פאַרנומען מיט זיינע וויזיטן. קריסטאָף, ווידער, האָט אויסגעמיטן מיט איר אַרויסצוגיין. אַ פּאָר מאָל האָבן זיי געמאַכט אַ בשותּפותדיקן שפּאַציר הינטערן שטאָט און האָבן זיך שרעקלעך געלאַנגווייליקט. עס האָט זיך נישט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. ס'האָט אויסגעזען ווי די נאַטור וואָלט פאַר אַננאַ נישט עקזיסטירט. זי האָט גאָרנישט געזען. יעדע לאַנדשאַפט איז ביי איר באַשטאַנען פון גראָזן און שטיינער. איר נישט עמפּינדלעכקייט האָט געווירקט ווי אייז. קריסטאָף האָט געפּרוווט ווייזן איר די שיינע געגנט. זי האָט אַ קוק געטון, קאַלט אַ שמייכל געטון און

געזאָגט מיט אָנשטרענגונג, כּדי אים אַ טובה צו טון:

— יאָ יאָ, דאָס איז מיסטיש....

פּונקט ווי זי וואָלט געזאָגט:

— עס איז זייער זוניק.

פון אויפרעגונג האָט זיך קריסטאָף אַריינגעשטעקט די נעגל אין האַנט. זינט יענער צייט האָט ער זי מער גאָרנישט געפרעגט. און ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער געפונען אַן אויסרייד צו בלייבן אין שטוב.

אין דער אמתן איז עס נישט געווען ריכטיק, אַז אַננאַ איז נישט עמפּפינדלעך געווען אויף נאַטור. זי האָט נישט ליב געהאַט דאָס, וואָס ווערט פון אַלעמען אָנגערופן שיינע לאַנדשאַפט: זי האָט זיי נישט אונטערגעשיידט פון אַנדערע. אָבער זי האָט ליב געהאַט דאָרף, — ערד און לופט. זי האָט אָבער וועגן דעם נישט געוווּסט, פּונקט ווי פון אַנדערע געפילן אירע; און די, וואָס זענען געווען אַרום איר, האָבן עס נאָך ווייניקער געוווּסט.

לסוף האָט ברוין געפּועלט ביי זיין פרוי אַ געוויסן טאָג צומאַכן אַן אויספלוג אין דער געגנט. זי האָט נאָכגעגעבן, כּדי מען זאָל איר לאָזן צורו. דעם שפּאַציר האָט מען באַשטימט אויף אַ זונטיק. אין לעצטן מאָמענט האָט מען דעם דאָקטאָר, וואָס האָט זיך דערמיט געפרייט ווי אַ קינד, אַוועקגערופן צו אַ קראַנקן. קריסטאָף איז אַליין אַוועק מיט אַננאַן.

עס איז געווען אַ שיינער, שניילאָזער ווינטער־טאָג, אַ ריינע קאַלטע לופט, אַ קלאָרער הימל, אַ העלע זון און אַן אייז־קאַלטער ווינט. זיי זענען אַריין אין אַ קליינעם לאָקאַלן צוג, וואָס האָט געפירט צו איינע פון די בלויע בערגלעך אַרום דער שטאָט מיט זייער ווייטער גלאָריע־שיין. די קופּע איז געווען געפּאַקט. זיי זענען געזעסן באַזונדער און האָבן גאָרנישט גערעדט. אַננאַ איז געווען אין אַן אָנגעכמורעטער שטימונג. אַן אָוונט פריער האָט זי צו ברוינס איבעררעשונג דערקלערט, אַז זי וועט צומאָרגנס נישט גיין אין דער קירכע. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט זי דורכגעלאָזן די תּפילות. איז עס געווען אַ בונט?... ווער קען וויסן די קאַמפן, וואָס זענען אין איר פאָרגעקומען? זי האָט פאַרשטאַרט געקוקט פאַר זיך. זי איז געווען בלייך און זיך אויפגעפּרעסן.

זיי זענען אַרויס פון צוג. דער אָנהויב פון שפּאַציר האָט נישט

אַוועקגענומען די פּיינטלעכע קאַלטקייט, וואָס האָט צווישן זיי גע־
הערשט. זיי זענען געגאַנגען איינער נעבן צווייטן. זי האָט געשפּרייזט
מיט אַ פעסטן טריט און אויף קיין זאַך קיין אַכט נישט געלעגט. אי־
רע הענט האָבן זיך פריי באַוועגט. אירע טריט האָבן געסקריפּעט
אויף דער פאַרפרוירענער ערד. — ביסלעכווייז האָט זיך איר פּנים
באַלעבט, דער שנעלער גאַנג האָט פאַררויטלט אירע בלאַסע באַקן,
איר מויל האָט זיך אַביסל געעפנט צו טרינקען די פרישע לופט. ביים
סוף פון אַ וועגל, וואָס האָט זיך געשלענגלט באַרג־אַרויף האָט זי
זייער געשיקט גענומען קלעטערן אויפן בערגל ווי אַ ציג, שיר נישט
אומגעפאַלן ביים אָפּהאַנג פון אַ שטיין־ברוך און פעסט זיך אָנגעקלאַ־
מערט אין די קוסטעס. קריסטאָף איז געגאַנגען הינטער איר. זי האָט
גענומען קלעטערן נאָך שנעלער, גליטשנדיק זיך און כאַפּנדיק זיך
מיט די הענט אָן גראָז. קריסטאָף האָט געשריגן, זי זאָל וואַרטן. זי
האָט נישט געענטפערט, נאָר געקלעטערט פאָרויס אויף אַלע פיר, זיי
זענען דורכגעגאַנגען די נעפּלען, וואָס האָבן געשוועבט איבערן טאָל,
ווי אַ זילבערנער שלייער און איבערגעריסן זיך אין די קוסטעס. זיי
זענען געבליבן שטיין אונטער דער הויכער וואַרעמער זון. אויבן אויפן
שפּיץ האָט זי זיך אויסגעדרייט. איר פּנים האָט געשיינט. זי האָט
געאָטעמט מיט אַן אָפן מויל. מיט שפּאָטישע אויגן האָט זי אַ קוק
געטון אויף קריסטאָפן, וואָס האָט געקלעטערט איבער די שטיינער,
זי האָט אויסגעטון איר מאַנטל, אַ וואָרף געטון אים אין קאָפּ אַריין
און נישט וואַרטנדיק, ער זאָל אָפּכאַפּן דעם אָטעם, האָט זי זיך גע־
לאָזט גיין ווייטער. קריסטאָף האָט זי גענומען נאָכיאָגן. דאָס שפּיל האָט
זיי געוויילט. די לופט האָט זיי פאַרשיכּורט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט
פון אַ משופּעדיקן אָפּהאַנג, די שטיינער האָבן זיך אַרויסגעגליטשט
פון אונטער די פיס, נאָר זי איז נישט אומגעפאַלן. זי האָט זיך גע־
גליטשט, געשפּרונגען און געפלויגן ווי אַ פייל, פון צייט צו צייט
האָט זי געוואָרפן הינטער זיך אַ בליק כּדי צו מעסטן ווי ווייט קרי־
סטאָף איז הינטערשטעליק. ער איז אָנגעקומען אַלץ נעענטער. זי האָט
זיך אַ וואָרף געטון אין וואלד, די טרוקענע בלעטער האָבן געקנאקט
אונטער אירע פיס. די צווייגן, וואָס זי האָט באַזייטיקט האָבן איר
געשלאָגן איר פּנים. זי איז פּלוצלינג געשטרויכלט געוואָרן דורך די
וואָרצלען פון אַ בוים. ער האָט זי אָנגעכאַפּט. זי האָט זיך געוועדט
מיט די הענט און פיס. געריסן זיך און געוואָלט אים אומוואַרפן. זי

האָט געשריגן און געלאַכט. איר ברוסט איז געווען אָנגעשפּאַרט צו אים און זיך האַסטיק באַוועגט. איין אויגנבליק האָבן זיך אָנגערירט זייערע באַקן. ער האָט דערפילט אויף זיינע ליפּן דעם שווייס אויף אירע שלייפן. ער האָט איינגעאָטעמט דעם ריח פון אירע פייכטע האָר. מיט איין שטאַרקן שטויס האָט זי זיך פון אים באַפרייט און אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ קלאָרן, אַרויספאָדערנדיקן בליק. ער איז גע־ווען איבעראַשט פון דער קראַפט, וואָס האָט אין איר געשטעקט און וואָס אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָט זי דערפון קיין נוצן נישט געמאַכט. זיי זענען אַוועק נישט ווייט אין אַ דאָרף, טרעטנדיק פרייליך איבערן טרוקענעם וועג. פאַר זיי זענען געפלויגן קראָען, וואָס האָבן אויפגע־רודערט די פעלדער, די זון האָט געברענט און דער צפון־ווינט האָט געביסן. ער האָט גענומען אַנגאַן אונטערן אָרעם, זי האָט געטראָגן אַ גאַנץ דין קלייד. און ער האָט געפילט אונטערן שטאָף איר פייכטן, אין וואַרעמקייט געבאָדענעם קערפּער. ער האָט געוואָלט זי זאָל ווי־דער אָנטון איר מאַנטל. זי האָט אָפּגעזאָגט, און מיט אַ געוויסער פוס־טער גאווה אָפּגעקנעפּלט איר קאָלנער. זיי זענען אַריין אין אַ גאַסט־הויז מיטן נאָמען: „צום ווילדן מאַן". פאַר דער טיר איז געוואַקסן אַ קליינע יאָדלע. דאָס עס־צימער איז געווען באַפּוצט מיט דייטשע ביר־שורהדיקע סטראָפן און געדרוקטע לידער, וואָס איינס פון זיי אַ סענטימענטאַלס האָט געהייסן „אין פרילינג", דאָס צווייטע אַ פּאַטריאָ־טיש „די שלאַכט פון הייליקן זשאַק". אויסער דעם איז דאָרט געשטאַ־נען אַ קרייץ מיט אַ שאַרבן צופוסנס. אַנגאַ איז געווען שטאַרק אויס־געהונגערט און האָט געהאַט אַן אַפּעטיט, וואָס קריסטאָף האָט ביי איר קיינמאָל נישט געזען. זיי האָבן פרייליך געטרונקען ווייסן ווייִן. נאָכן עסן האָבן זיי זיך ווידער געלאָזט קווער איבער די פעלדער, ווי צוויי גוטע חברים. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום הינטער־כוונות, געטראַכט נאָר וועגן דער פרייד פון שפּאַציר, וועגן זייער זינגענדיק בלוט, וועגן דער לופט, וואָס האָט זיי געשמיסן. אַנגאַן האָט זיך אויפגעבונדן די צונג, זי האָט פאַרלוירן איר אומצוטרוי און גערעדט וואָס ס׳איז איר געקומען אין קאָפּ אַריין.

זי האָט דערציילט וועגן איר קינדהייט: די באָבע פלעגט זי מיטנעמען צו אַ פריינדין, וואָס האָט געוווינט לעבן דער קאַטעדרע. בעת די אַלטע דאַמען האָבן געפּלוידערט, פלעגט מען זי אַרויסשיקן אין גרויסן גאָרטן, אויף וועלכן ס׳איז געפאַלן דער שאָטן פונם מינ־

סטער. זי האָט זיך געזעצט אין אַ ווינקל און זיך נישט גערירט פון אָרט. זי האָט זיך צוגעהערט צום גערויש פון די בלעטער, באַטראַכט דעם געווימל פון די פליגעלעך און געפילט אי פרייד אי שרעק. — (זי האָט פאַרגעסן צו זאָגן, אַז זי האָט מורא געהאַט פאַר טייוואָלים, איר פאַנטאַזיע איז געווען געפּענטעט פון זיי. מען האָט איר דערציילט, אַז זיי דרייען זיך אַרום פאַר די קירכעס און האָבן נישט קיין העזה אַריינצוגיין; און זי האָט זיי געזען אין דער געשטאַלט פון חיות: שפינען, יאַשטשערקעס, מוראַשקעס, דאָס גאַנצע מיאוסע פאָלק, וואָס האָט געווימלט אַרום אין די בלעטער, אויף דער ערד און אין די מויער-שפּאַלטן). — דערנאָך האָט זי דערציילט וועגן דער שטוב, ווו זי האָט געלעבט, וועגן איר צימער, ווו ס'איז קיין זון נישט געווען; זי האָט געטראַכט מיט פאַרגעניגן וועגן דעם, לאַנגע נעכט האָט זי דאָרט פאַרבראַכט שלאָפלאָז און זיך עפּעס דערציילט...

— וואָס?

— משוגענע זאַכן.

— דערציילט!

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— פאַרוואָס?

זי האָט זיך פאַרויטלט, אַ שמייכל געטון און צוגעגעבן:

— אויך בייטאָג, ווען כ'האָב געאַרבעט.

זי האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטון, דערנאָך זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— משוגענע זאַכן, שלעכטע.

ער האָט געפרעגט אין שפּאַס:

— איר האָט נישט מורא געהאַט?

— פאַר וואָס?

— באַשטראָפט צו ווערן.

איר פּנים איז פאַרגליווערט געוואָרן.

— מען דאַרף דערפון נישט רעדן. — האָט זי געזאָגט.

ער האָט אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף אַן אַנדערן ענין. ער האָט באַוואונדערט די קראַפט, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן אין קאַמף. זי האָט ווידער אָנגענומען דעם פאַרטרויליכן טאָן און האָט אים דערציילט וועגן אירע העלדישע מעשים, אַלס קליין מיידל (זי האָט געזאָגט „אַלס יינגל", ווײַל אַלס קינד האָט זי זיך שטענדיק געוואָלט באַטייליקן אין

די יינגלשע מלחמות..). איינמאָל, ווען זי איז געשטאַנען צוזאַמען מיט אַ קליינעם חבר, וואָס איז געווען העכער פון איר מיט אַ קאָפּ, האָט זי אים פּלוצלינג אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין דער האָפּנונג, אַז ער וועט איר אָפּגעבן צוריק. אָבער ער איז אַנטלאָפן מיט אַ געשריי, אַז זי שלאָגט אים. אַן אַנדערש מאָל האָט זי אין דאָרף אַרויפגעקלעטערט אויפן רוקן פון אַ שוואַרצער קו, וואָס האָט זיך געפּאַשעט. די דערשראָקענע חיה האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף אַ בוים און אַנגאַ האָט שיר מיטן לעבן נישט באַצאָלט. איינמאָל איז איר איינגעפאַלן אַרויסצושפּרינגען דורכן פענסטער פון ערשטן שטאָק, ווייל זי האָט נישט געגלויבט, אַז זי וועט עס קאָנען: צום גליק האָט זי זיך נאָר אויסגעלענקט. ווען מען האָט זי געלאָזן אַליין אין שטוב, האָט זי אויסגעפונען די משונהדיקסטע געפערלעכסטע איבונגען פון דעם קערפּער.

— ווער וואָלט עס וועגן אייך געטראַכט, — האָט ער געזאָגט, — בעת מען זעט אייך שטענדיק אַזוי ערנסט?

— אָ, — האָט זי געזאָגט—ווען מען זעט מיך אַ מאָל אין צימער, ווען איך בין אַליין.

— וואָס? היינט נאָך אויך?

ז' האָט זיך צעלאַכט. אַריבערגייענדיק צו עפּעס אַנדערש האָט זי אים געפרעגט, צי ער גייט אויף גייעג. ער האָט געענטפערט, אַז נישט. זי האָט אים דערציילט, אַז איינמאָל האָט זי געשאָסן אין אַ קאַץ און אים געטראָפן. ער איז געווען אויפגעבראַכט.

— וואָס איז? — האָט זי געזאָגט, — וואָס מאַכט עס אויס?

— האָט איר גאָר קיין האַרץ נישט?

— דאָס ווייס איך נישט.

— גלויבט איר נישט, אַז די חיות זענען אַזעלכע לעבעדיקע ברואים, ווי מיר?

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, — כ'האָב אייך גראָד געוואָלט פרעגן, צי גלויבט איר, אַז די חיות האָבן אַ נשמה?

— יאָ, איך גלויב.

— און דער פּאַסטאָר זאָגט, אַז נישט. איך גלויב, אַז יאָ... קודם כל — האָט זי ווייטער ערנסט גערעדט, — גלויב איך, אַז איך בין אין פריערדיקן לעבן געווען אַ חיה.

ער האָט זיך צעלאַכט.

— נישטאָ פון וואָס צו לאַכן, — האָט זי געזאָגט. (זי האָט זיך

אַליין אויך צעלאַכט). — דאָס איז איינע פון די מעשיות, וואָס איך האָב זיך קינדווייז דערציילט. איך האָב זיך איינגערעדט, אַז איך בין אַ קאַץ, אַ הינטל, אַ פויגל, אַ קעלבל. כ'האָב געפילט אין זיך זייערע פאַרלאַנגען. איך האָב געוואָלט כאָטש איין שעה זיין אין זייער פעל אָדער אין זייערע פעדערן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שטעק אין זיי. איר פאַרשטייט עס נישט?

— איר זענט אַ מערקווירדיק באַשעפעניש. אָבער אויב איר פילט אַ קרובהשאַפט צו חיות, טאָ וואָס טוט איר זיי שלעכטס?

— מען מוז שטענדיק טון עמעצן עפּעס שלעכטס. אַנדערע טוען עס מיר, איך טו עס אַנדערע. און אַזוי דאַרף עס זיין. איך באַקלאָג זיך נישט דערויף. מען דאַרף נישט זיין אַזוי ווייכהאַרציק אין לעבן. איך טו זיך אַליין אויך אָן יסורים. פאַר הנאה וועגן.

— זיך אַליין?

— יאָ. גיט אַ קוק. איינמאָל האָב איך מיר אַריינגעהאַקט מיטן האַמער אַ טשוואָק אין האַנט אַריין.

— צו וואָס?

— צו גאָרנישט.

(זי האָט נישט געזאָגט, אַז זי האָט זיך געוואָלט קרייציקן.)

— גיט מיר אייער האַנט, — האָט זי געזאָגט.

— וואָס ווילט איר טון דערמיט?

— גיט מיר.

ער האָט איר דערלאַנגט זיין האַנט. זי האָט אָנגענומען די האַנט און אַזוי שטאַרק אַ דרוק געטון, אַז ער האָט אויסגעשריגן פון ווייטיק. זיי זענען געווען ווילד און געוואָלט איינער דעם אַנדערן אָנטון וואָס מער ווייטיק. זיי זענען געווען גליקלעך אָן שום הינטער-געדאַנקען. די גאַנצע איבעריקע וועלט, די קייטן פון זיין לעבן, די דאגות פון דער פאַרגאַנגענהייט, די מורא פאַר דער צוקונפט, דער שטורם, וואָס האָט זיך אין זיי געגרייט, אַלץ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

זיי האָבן דורכגעמאַכט עטלעכע מייל און האָבן נישט געפילט קיין מידקייט. פּלוצלינג איז זי געבליבן שטיין, אַ וואָרף געטון זיך צו דער ערד, אויסגעצויגן זיך און געשוויגן. ליגנדיק אויפן רוקן, מיט די אָרעמס אונטער איר קאָפּ, האָט זי געקוקט צום הימל. וואָס פאַראַ פרידן! וואָס פאַראַ זיסקייט!... עטלעכע שריט ווייטער האָט גע-מורמלט אַ פאַרבאָרגענער קוואַל אין אַ נישט רעגלמעסיקן טעמפּאָ, ווי

אַ פולסירנדיקער אָדער, אַמאָל שטאַרקער אַמאָל שוואַכער. דער האָרי־זאָנט האָט געגלאַנצט ווי פערלמוטער, אַ לייכטער נעפל האָט געשוועבט איבער דער פיאָלעטער ערד, ווו ס׳האָבן זיך געהויבן די נאַקעטע שוואַרצע ביימער. די זון פון סוף ווינטער, די יונגע בלאַס־גאָלדענע זון, וואָס שלעפערט איין. ווי גלאַנצענדיקע פיילן האָבן די פויגל געשאָסן דורך דער לופט. די פריינטלעכע שטימען פון די דאָרף־גלאָקן האָבן זיך גערופן און זיך איבערגעענטפערט פון דאָרף צו דאָרף... קריסטאָף איז געזעסן נעבן אַננאַן און זי באַטראַכט. זי האָט וועגן אים נישט געטראַכט. אַ טיפע פרייד האָט זי אַרומגענומען. אירע שיינע ליפן האָבן שטיל געשמייכלט. ער האָט געטראַכט:

— זענט איר עס באמת? איך דערקען אייך נישט.

— איך זיך אויך נישט. איך אויך נישט, איך גלויב, אַז איך בין אַן אַנדערע. איך האָב נישט מער קיין מורא. איך האָב נישט מורא פאַר „אים”... אַך, ווי אונטערדריקט ער האָט מיך, וויפיל ליידן! איך פיל מיך, ווי איך וואָלט ביז איצט געווען פאַרקלאַפט אין אַ טרומנע... איצט אָטעם איך אָפ. אָט דער קערפער, אָט דאָס האַרץ באַהערן צו מיר, מיין קערפער, מיין ליבער קערפער. מיין פריי האַרץ וואָס איז פול מיט ליבע. אַזוי פיל גליק איז אין מיר פאַראַנען, און איך האָב עס נישט געקענט, איך האָב זיך נישט געקענט. וואָס האָסטו פון מיר געמאַכט?

ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אירע שטילע געדאַנקען, אָבער זי האָט נאָר געטראַכט, אַז זי איז גליקלעך און אַז אַלץ איז שיין.

דער טאָג איז אויסגעגאַנגען. די זון, מיד פון שיינען, האָט נאָך אַרום אַ זייגער פיר אָנגעהויבן פאַרשווינדן הינטער די גרוי־פיאָלעטע שלייערן פון נעפל. קריסטאָף איז אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו אַננאַן. ער האָט זיך איינגעבויגן צו איר. זי האָט אָנגעשטעלט אויף אים איר בליק, וואָס האָט נאָך געשווינדלט איבערן גרויסן הימלישן רוים, איבער וועלכן ער האָט נאָר וואָס געבלאָנדזעט. עטלעכע סעקונדן זענען אַריבער איידער זי האָט אים דערקענט. דערמאָלט האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַ סודותדיקן שמייכל, וואָס האָט איבערגעטראָגן אויף אים איר טונקעלן אומרו. כדי אים אויסצומיידן, האָט ער אויף אַ ווײַלע צוגעמאַכט די אויגן. ווען ער האָט זיי ווידער געעפנט, האָט זי אים נאָך אַלץ אָנגעקוקט. ס׳האָט זיך אים גע־

דאַלט, אַז זיי קוקן זיך שוין אָן לאַנגע טעג. עס איז געווען, ווי יע-דער פון זיי וואָלט געליינט אין דעם צווייטנס נשמה. אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט וויסן וואָס זיי האָבן אַרויסגעליינט.

ער האָט צו איר אויסגעשטרעקט די האַנט, וועלכע זי האָט אָנ-גענומען אָן איין וואָרט. זיי האָבן זיך צוזאַמען אומגעקערט צוריק אין דאָרף, פון וואַנען מען האָט געקאָנט זען די טורעמס אין טאָל; פּאַרענדיקט ווי מיט אַ טויז-פּיק. איין טורעם האָט געטראָגן אויף זיין שפּיץ פון באַמאָלטע ציגל אַ פּוסטע נעסט פון באָטשאַנעס, ווי אַ היטל אַראָפּגערוקט איבערן שטערן. ביים קרייץ-וועג, נאָענט צום דאָרף, זע-נען זיי פאַרבייגעגאַנגען אַ ברונעם, ווו ס'איז געשטאַנען אַ קליינע קאַטוילישע הייליקע, אַ מאַגדאַלענאַ פון האָלץ, וואָס האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס. אַננאַ האָט אינסטינקטיוו נאָכגעמאַכט איר באַוועגונג, אויך אויסגעשטרעקט די אָרעמס, אַרויפגעגאַנגען אויפן שטיינערנעם טרעפּל און אָנגעפּולט די הענט פון דער שיינער הייליקער מיט שטעכיקע צווייגלעך, וואָס זאָלן זי אָפּהיטן פאַר פייגל און פראָסט.

אויפן וועג זענען פאַרביי-געגאַנגען גרופּן פויערים און פויער-טעס אין זונטיקדיקע קליידער, פרויען מיט אַ טונקל ברוינער הויט, לעבעדיקע פאַרבן, מיט דיקע, פאַרפלאָכטענע האָר, העלע קליידער און מיט בלומען-באַפּוצטע היט. זיי האָבן געטראָגן ווייסע הענטשקעס און געהאַט רויטע געלענקען. זיי האָבן געזונגען פרומע לידער מיט שאַר-פע, רויקע, אַביסל פאַלשע שטימען... אין אַ שטאַל האָט געמעקעט אַ קו. אַ קינד, וואָס האָט געהאַט אַ הוסט, האָט זיך ערגעץ פאַרקייכט. פון וויטן זענען דערגאַנגען די טענער פון אַ קלאַרנעט און אַ פלייט. מען האָט געטאַנצט אויפן דאָרף-פּלאַץ צווישן דער קרעטשמע און בית עולם. צוזאַמענגעדריקט אויף איין טיש האָבן געשפּילט פיר מוזיקאַנטן. אַננאַ און קריסטאָף האָבן זיך געזעצט פאַר דער קרעטשמע און אָנגע-קוקט די טענצער. די פּאָרלעך האָבן זיך געשטופּט און מיט אַ ליאַרם געפּלוידערט. די מיידלעך האָבן געשריגן, כדי זיך אַביסל אויסצושרייען. די טרינקער האָבן מיט די פויסטן געשלאָגן אין טיש צום טאַקט. אין אַן אַנדער צייט וואָלט די דאָזיקע מגושמדיקע לוסטיקייט אַננאַן גע-עקלט, אָבער אין דעם אָוונט האָט זי זיך דערמיט געפרייט. זי האָט אַראָפּגענומען איר הוט און געקוקט אָנגערעגט. קריסטאָף האָט געלאַכט פון דער קאָמישער ערנסטקייט פון דער מוזיק און די מוזיקאַנטן. ער האָט אַ זוך געטון אין די קעשענעס, אַרויסגענומען אַ בלייפעדער און

געגומען צייכענען אויף דער צווייטער זייט פון רעסטאָראַן־חשבון
שטריכן און פינטעלעך: ער האָט פאַרשריבן די טענץ. דאָס בלעטל
איז באַלד געוואָרן פול, ער האָט פאַרלאַנגט אַן אַנדערס, וואָס ער
האָט באַלד אויך באַדעקט מיט זיין ברייטן, אומגעדולדיקן און אומגע־
שיקטן כתב. מיט דער באַק נאָענט צו זיינער, האָט אַננאַ געלייענט
איבער זיין אַקסל און שטיל געזונגען. זי האָט געפרווט טרעפן דעם
סוף פון דער פראַזע און געפּאַטשט מיט די הענט, ווען זי האָט גע־
טראָפן, אָדער ווען אירע השערות האָבן אָנגענומען אַן אומגעריכטע
ווענדונג. ווען קריסטאָף איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער עס אַוועקגע־
טראָגן צו די מוזיקאַנטן. דאָס זענען געווען פעסטע שוואַבן, וואָס
האָבן פאַרשטאַנען זייער מלאכה. זיי האָבן געשפּילט קריסטאָפס מוזיק
פאַרן ערשטן מאָל. אַ געפילפולער, קאָמישער הומאָר איז דאָ געקומען
צום אויסדרוק אין אַ האַסטיקן ריטם, ווי איבערגעריסן פון געלעכטער.
עס איז געווען אוממעגלעך בייצושטיין דעם פונאַנדערגעיאָגטן שפּאַס:
די פיס האָבן פון זיך אַליין געטאַנצט. אַננאַ האָט זיך אַ וואָרף געטון
אין קרייז. זי האָט אָנגעכאַפּט די ערשטע בעסטע הענט און געדרייט
זיך ווילד, אַ שילד־קרויט־נאָדל איז אַרויסגעשפּרונגען פון אירע האָר,
די האָר האָבן זיך איר פונאַנדערגעלאָזט און אַראָפּגעפאַלן אויפן פנים.
קריסטאָף האָט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. ער האָט באַ־
וווּנדערט אָט די שטאַרקע שיינע חיה, וואָס איז ביז דעמאָלט פאַר־
משפּט געווען אויף אומברחמנותדיקע דיסציפּלין, צו לעבן שטיל און
אומבאַוועגלעך. ער האָט זי געזען, ווי קיינער האָט זי נאָך ביז דע־
מאָלט נישט געזען, אַזוי ווי זי איז ווירקלעך געווען אונטער דער
געבאָרגטער מאַסקע. אַ באַקאַנטין פאַרשיכורט פון איר אייגענער
קראַפט. זי האָט אים צוגערופן. ער איז צוגעלאָפן און האָט זי אַרומ־
געכאַפּט. זיי האָבן געטאַנצט, געטאַנצט, ביז זיי האָבן פון דעם שווינדל
זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ מויער. זיי זענען געבליבן שטיין פאַרשיכורט־
עס איז געווען נאַכט. זיי האָבן זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט, דערנאָך זיך
געזעגנט מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט. אַנגאַ, וואָס האָט זיך געהאַלטן
שטייף בנוגע פאָלקס־מענטשן צוליב פאַרלעגנהייט אָדער פאַראַכטונג,
האָט איצט פריינטלעך אויסגעשטרעקט די האַנט די מוזיקאַנטן, דעם
באַלעבאָס און די דאָרפס־ייִנגען, וואָס זענען געשטאַנען אין קרייז.
זיי זענען ווידער געווען אַליין, אונטער דעם לייכטנדיקן פאַר־
פרוירענעם הימל און זענען געגאַנגען צוריק דורך די פעלדער מיטן

זעלבן וועג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין דערפֿרי. אַננאַ איז נאָך געווען אָנגערעגט. ביסלעכווייז האָט זי גענומען רעדן אַלץ וועניקער, דערנאָך האָט זי אויפֿגעהערט אינגאַנצן צו רעדן, אונטערגעגעבן דער מידקייט אָדער דעם געהיימניספֿולן איינדרוק פֿון דער נאַכט. זי האָט זיך צערטלעך אָנגעשפּאַרט אָן קריסטאָפֿן; ווען זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען פֿון דעם אַראָפּהאַנג, ווו זיי זענען געקראָכן מיט עטלעכע שעה צוריק, האָט זי אַ זיפֿץ געטון. זיי זענען אָנגעקומען אויפֿן וואָקזאַל, נאָנט ביים ערשטן הויז איז ער געבליבן שטיין און זי אָנגעקוקט. אויך זי האָט אים אָנגעקוקט און טרויעריק צו אים געשמייכלט. אין צוג איז געווען דער זעלבער געדראַנג, וואָס אין דערפֿרי. זיי האָבן נישט נעקאָנט שמועסן. ער איז געזעסן קעגן איר און פֿאַרשלונגען זי מיט די אויגן. זי האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט. ווען זי האָט דערשפּירט זיין בליק, האָט זי אויף איהם אַ קוק געטון, דערנאָך האָט זי ווידער אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, און מער איז אים נישט געלונגען צו ציען אויף זיך איר בליק. זי האָט געקוקט אין דער נאַכט אַריין. אַן אומבאַשטימטער שמייכל האָט געשפּילט אויף אירע ליפּן, וואָס אין זייערע ווינקלען איז געלעגן אַ לייכטע מידקייט. דערנאָך איז איר שמייכל אויסגעגאַנגען, דער אויסדרוק איז געוואָרן פֿינסטער. ער האָט געמיינט, אַז דער ריטם פֿון צוג שלינגט זי איין, און ער האָט געפּרווט מיט איר צו רעדן. זי האָט געענטפֿערט קאַלט, נאָר מיט איין וואָרט, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ. ער האָט זיך געוואָלט אויסטייטשן, אַז די מידקייט איז שולדיק אין דעם דאָזיקן שנוי, אָבער ער האָט געוווסט, אַז די סיבה איז אַ גאַנץ אַנדערע. וואָס נענטער זיי זענען צוגעקומען צו דער שטאָט, אַלץ מער האָט ער געזען, ווי אַננאַס פּנים ווערט פֿערגליווערט, דאָס לעבן אויסגעלאָשן, גלייך ווי אָט דער שיינער קערפּער מיטן ווילדן חן וואָלט ווידער פֿערוואַנדלט געוואָרן אין שטיין. ביים אויסשטייגן האָט זי זיך נישט אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט, וואָס ער האָט איר דערלאַנגט. שווייגנדיק האָבן זיי זיך אומגעקערט אַהיים.

אין עטלעכע טעג אַרום, אַרום פֿיר אַ זייגער נאָכמיטאָג, זענען

זיי ווידער געווען אַליין. ברוין איז געהאַט אַרויסגעגאַנגען. זינט דעם פריערדיקן אָוונט איז די שטאָט געווען איינגעהילט אין אַ העלן גרי־נעם נעפל. דער געריש פון דעם אומגעזעענעם טייך איז אָנגעשוואָלן געוואָרן. די ליכט־פינקען פון די טראַמווייען האָבן געפינטלט אין נעפל. דאָס טאָג־ליכט איז דערשטיקט געוואָרן און אויסגעלאָשן. עס האָט שוין, דאַכט זיך, נישט געהערט צו קיין באַשטימטער צייט פון טאָג, עס איז געווען איינע פון יענע שעהן, ווען עס פאַרשווינדט יעדער באַוווסטזיין פון דער ווירקלעכקייט, אַ שעה, וואָס שטייט אוי־סער די יאָר־הונדערטער. נאָכן שניידנדיקן פראָסט פון פריערדיקן טאָג איז די פייכטע לופט פלוצלינג געוואָרן מילד און ווייך. דער הימל איז געהאָנגען פול מיט שניי און זיך געבויגן אונטער זיין משא.

זיי זענען געווען אַליין אין סאַלאָן, וואָס זיין איינריכטונג האָט אָפּגעשפּיגלט דעם קאַלטן ניכטערנעם געשמאַק פון זיין באַלעבאָסטע. זיי האָבן נישט גערעדט; ער האָט געלייענט, זי האָט גענייט. ער איז אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, ער האָט צו־געדריקט זיין ברייט פּנים צו די שויבן און איז געבליבן שטיין פאַר־חלומט. דאָס בלייכע ליכט, וואָס איז געפאַלן פון דעם טונקעלן הימל אויף דער בלייער ערד, האָט אים פאַרשיכורט. זיינע געדאַנקען זע־נען אומרויק אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק. אומזיסט האָט ער זיי געוואָלט איינהאַלטן — זיי האָבן זיך אים אַרויסגעגליטשט. עפּעס אַ שרעק איז אים באַפאַלן. ער האָט געפילט, ווי עס שלינגט אים איין אַ תהום, און פון דעם חלל פון זיין וועזן, פון די אָנגעהויפנטע חורבות, האָט זיך אין לאַנגזאַמע טומאַנען דערהויבן אַ גליענדיקער ווינט. ער איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו אַננאַן מיטן רוקן. זי האָט אים נישט געזען, פאַרטיפט אין אַרבעט. אָבער אַ לייכטער ציטער איז אַריבערגעלאָפן איבער איר קערפּער. זי האָט זיך אַ סך מאָל איינגעשטאָכן מיט דער נאָדל און עס נישט געפילט. זיי זענען ביידע געווען באַרוישט פון דער נאָענטער געפאַר.

ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין באַרוישטקייט און געמאַכט אַ פּאָר שריט איבערן צימער. די פּיאַנינאָ האָט אים געצויגן און גלייכצייטיק געשראָקן. ער האָט נישט געוואָלט קוקן אויף דער פּיאַנינאָ. בעת ער איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך זיין האַנט נישט געקאָנט איינ־האַלטן און ער האָט אָנגערירט די קלאַווישן. דער טאָן האָט אַ קלונג געטון, ווי אַ שטים. אַננאַ האָט אַ ציטער געטון און האָט אַרויסגע־

לאָזט איר אַרבעט פון האַנט. קריסטאָף איז שוין געזעסן און גע־שפילט. נישט זעענדיק, האָט ער געפילט, אַז אַננאַ איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט נעבן אים. איידער ער האָט זיך באַוויזן אָפּצוגעבן אַ חשבון, וואָס ער טוט, האָט ער אַ שלאָג געטון אויף די קלאַווישן די זעלבע רעליגיעזע און ליידנשאַפטלעכע מעלאָ־דיע, וואָס זי האָט אים געזונגען צום ערשטן מאָל, בעת זי האָט זיך אים אַנטפּלעקט. אויף דער טעמע האָט ער אימפּראָוויזירט שטור־מישע וואַריאַציעס. הגם ער האָט איר קיין וואָרט נישט געזאָגט, האָט זי געגומען זינגען. זי האָט פאַרלוירן דעם חוש פאַר דער גאַנצער סביבה. דער געהייליקטער שגעון פון דער מוזיק האָט זי אַוועקגע־ריסן אין זיינע נעגל...

אָ, מוזיק, וואָס דו עפנסט אויף די תהומות פון דער נשמה! דו צעשטערסט די שטענדיקע גלייכגעוויכט פון גייסט. אין טאָג־טעג־לעכן לעבן זענען די געוויינלעכע נשמות, ווי פאַרשלאָסענע צימערן. עס וועלקן אין זיי די נוצלאָזע כוחות, מעלות און שווערע לאַסטן, וואָס דריקן אונז. דער קלוגער פּראַקטישער שכל, דער געמיינער גע־זונטער מענטשן־פאַרשטאַנד היטן אָפּ די שליסלען פון צימער. זיי לאָזן נאָר זען אַ פּאָר מעבל־שטיק איינגעשטעלט אין אַ בירגערלעכער אָרדענונג. די מוזיק אָבער באַזיצט דאָס צויבערשטעקעלע, וואָס עפנט אויף די שלעסער. די טויערן עפענען זיך. די דעמאָנען פון האַרצן דערשיינען, און די נשמה דערזעט זיך דאָס ערשטע מאָל נאַקעט — כּל־זמן עס זינגט די סירענע, כּל־זמן עס קלינגט איר צויבער־שטים, האַלט איין דער באַצווינגער די חיות אונטער זיין בליק. דער מעכ־טיקער שכל פון אַ גרויסן מוזיקער האַלט איין די ליידנשאַפטן, וואָס ער האָט פרייגעלאָזן. אָבער ווען עס שווייגט די מוזיק, און דער באַ־צווינגער איז שוין מער נישטאָ, וואַרפן זיך די דערוועקטע לייד־נשאַפטן אין דער שטייג און לויערן אויף רויב...

די מעלאָדיע איז אויסגעגאַנגען. שטיל... זי האָט בעתן זינגען אָנגעשפּאַרט איר האַנט אויף קריסטאָפס אַקסלען. זיי האָבן זיך נישט דערוועגט אַ ריר צו טון זיך און זיי האָבן באַמערקט, אַז זיי ציטערן. פּלוצלינג האָט זי, ווי אַ בליץ, זיך אַ בויג געטון איבער אים, ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר. זייערע ליפּן האָבן זיך באַגעגנט — איר אָטעם האָט אים אַדורכגעדרונגען...

זי האָט אים אָפּגעשטויסן צוריק און איז אַנטלאָפן. ער איז

געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך אין דער פינסטער, ברוין איז געקומען אַהיים. זיי האָבן זיך געזעצט ביים טיש. קריסטאָף איז געווען אומפעיק צו טראַכטן. אננאַ האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען אין אַן אַנדער וועלט. זי האָט געקוקט ערגעץ ווייט. באַלד נאָך אָוונט-ברויט איז זי אַוועקצו זיך אין צימער. קריסטאָף, וואָס האָט נישט געקאָנט בלייבן מיט ברוינ׳ען אַליין, איז אויך אַוועק צו זיך. אין מיטן דער נאַכט איז דער דאָקטאָר, וואָס איז שוין געלעגן אין בעט, גערופן געוואָרן צו אַ קראַנקען. קריסטאָף האָט געהערט, ווי ער גייט אַראָפּ פון די טרעפּ און גייט אַרויס פון הויז. פון זעקס אַ זייגער אָן איז געפאַלן אַ שניי. די הייזער און די גאַסן זענען געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן טוך. די לופט איז געווען, ווי אָנגעשטאָפּט מיט וואַטע. מען האָט נישט געהערט אויף דרויסן קיין טריט, קיין וואָגן. די שטאָט איז געווען ווי טויט. קרי-סטאָף איז נישט געשלאָפן. ער האָט געפילט עפּעס אַ שרעק, וואָס איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין ריר טון. ער איז געלעגן אויפן רוקן, ווי צוגעשמידט צו זיין בעט מיט אָפענע אויגן. די ווענט פון זיין צימער זענען געווען באַגאָסן מיט אַ מעטאַלענער קלאָרקייט, וואָס האָט זיך גענומען פון דער ווייסער ערד און פון די דעכער. ער האָט אויפגעציטערט, דערהערנדיק אַ לייכטן גערויש. נאָר זיין פיבערדיק געשפּאַנטער אויער האָט אים געקאָנט דערהערן. אַ לייכטער שאָרך איבערן קאָרידאָר. קריסטאָף האָט זיך געזעצט אויפן בעט. דער גערויש איז געקומען אַלץ נענ-טער און האָט אויפגעהערט. דער פּאַרקעט האָט אַ סקריפּע געטון. עמעצער איז געווען הינטערן טיר: געוואַרט... אַ פולשטענדיגע אומ-באַוועגלעכקייט אין משך פון עטלעכע רגעס, אפשר עטלעכע מינוטן. קריסטאָף האָט שוין נישט געאָטעמט. ער האָט זיך געבאָדן אין שוויס. שניי-פלאַטערלעך האָבן ווי פליגל געפלאַטערט אין דעם פענסטער. אַ האַנט האָט געטאַפּט די טיר, וואָס האָט זיך געעפנט. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ ווייסע געשטאַלט. זי האָט זיך פּאַמעלעך דערנענטערט. עטלעכע שריט פאַרן בעט איז זי געבליבן שטיין. קרי-סטאָף האָט גאָרנישט געקאָנט אונטערשיידן, נאָר ער האָט געהערט זיין אָטעם און זיין אייגן פולסירנדיק האַרץ. זי איז צוגעקומען צום בעט און איז ווידער געבליבן שטיין. זייערע פּנימער זענען געווען אַזוי נאָענט, אַז זייערע אָטעמס האָבן זיך אויסגעמישט. זייערע בליקן האָבן זיך צרומגעזוכט און זיך נישט געקאָנט געפונען אין דער

פינסטער... זי איז אַ פּאָל געטון איבער אים. זיי האָבן זיך שווייגנ־דיק, אָן איין וואָרט, מיט ווילדער ליידנשאַפט אַרומגענומען...

אַ שעה, צוויי שעה, שפּעטער אַן אייביקייט. די טיר האָט זיך געעפנט. אַננאַ האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס, אין וועלכע זי איז געווען פאַרשלונגען, אַרויסגעגליטשט זיך פון בעט און פאַר־לאָזן קריסטאָפן אָן איין וואָרט, ווי זי איז געקומען צו אים. ער האָט געהערט, ווי אירע באָרוועסע פיס האָבן זיך דערווייטערט און גע־איילט איבערן פאַרקעט. זי איז אַריין צוריק אין איר צימער, וווּ ברוין האָט זי געפונען אין בעט שלאָפנדיק. אָט אַזוי איז זי געבליבן ליגן אַ גאַנצע נאַכט מיט אָפענע אויגן, אָן אָטעם, אומבאַוועגלעך אין דער ענגער בעט נעבן דעם שלאָפנדיקן ברוין. וויפיל נעכט האָט זי שוין אַזוי פאַרבראַכט!

קריסטאָף איז אויך נישט געשלאָפן. ער איז געווען פאַרצווייפלט. דער דאָזיקער מענטש האָט ליבע־ענינים און דער עיקר דאָס חתונה־לעבן באַטראַכט מיט טראַגישן ערנסט. ער האָט פיינט געהאַט יענע שריפטשטעלער, וואָס האָבן צו זייערע קונסט־ווערק צוגעווירצט אַ ביסל זנות. זנות האָט געוועקט אין אים אַן עקל, וווּ ס'האָט זיך צו־נויפגעטראָפן די פּויערישע ברוטאַליטעט מיט אַ הויכן מאָראַלישן חוש. אַ פרוי, וואָס האָט געהערט צו אַן אַנדערן, האָט דערוועקט אין אים אַ רעליגיעזן יראת־הכבוד און אַ פיזישן עקל. דער הינטישער געמיש, אין וועלכן ס'האָבן געלעבט פיל העכערע מענטשן אין אייראָפּע, איז אים געווען דערווידער. נאָוף מיטן מאַנס וויסן איז אַ שאַנד; אָן זיין וויסן איז עס אַ געמיינער פאַראַט פון אַ געפאַלענעם דינער, וואָס פאַראַט און באַשמוצט אין דער שטיל זיין באַלעבאָס. ווי אָפט האָט ער געפילט אַ פאַראַכטונג צו אָט די, וואָס האָבן זיך דערלויבט אַזאַ געמיינהייט! ער האָט איבערגעריסן מיט אַזעלכע פריינד, וואָס האָבן זיך דערמיט באַפלעקט אין זיינע אויגן... און אָט האָט ער זיך אַליין באַפלעקט מיט אַזאַ שאַנד! די אומשטענדן האָבן נאָך עקלדיקער גע־מאַכט זיין פאַרברעכן. אַ פריינט האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, געגעבן אים הילף, געטרייסט אים. קיינמאָל האָט אים נאָך

זיין גוטסקייט נישט גענאַרט. קיין זאַך איז פאַר אים נישט שווער געווען. אים האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין לעבן. און אַלס דאַנק האָט ער ביי דעם דאָזיקן מענטשן אַוועקגערויבט זיין ערע און זיין באַשיידן פאַמיליען־גליק! ער האָט אים אויף אַ געמיינעם אופן פאַראַטן. און מיט וועמען? מיט אַ פרוי, וואָס ער האָט נישט געקענט, וואָס ער האָט זי נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט זי נישט ליב געהאַט... וואָס ער האָט זי נישט ליב געהאַט? זיין גאַנץ בלוט האָט זיך צעבונטעוועט. ליבע איז אַ צו שוואַך וואָרט אויסצוזריקן דעם גאַנצן פייער־שטראָם, וואָס האָט אים אַדורכגענומען, קוים האָט ער נאָר פון איר אַ טראַכט געטון... דאָס איז נישט געווען קיין ליבע — און דאָך טויזנט מאָל מער, ווי ליבע... ער האָט פאַרבראַכט די נאַכט אין אַ ווילדן שטורם. ער איז אויפגעשטאַנען, איינגעטונקט זיין פנים אין אייז־קאַלט וואַסער, ביז ער איז שיר נישט דערשטיקט געוואָרן און דערפילט אַ פראָסטיקן שוידער. דער קריזיס האָט זיך געענדיקט מיט אַ היץ־אָנפאַל. ווען ער איז אַ צעבראָכענער אויפגעשטאַנען, האָט ער געטראַכט, ווי שטאַרק זי מוז זיך שוין שעמען. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. די זון האָט געגלאַנצט אויפן בלענדנדיקן שניי. אין גאָרטן האָט אַננאַ געהאָנגען וועש אויף אַ שטריק. זי איז געווען איבערגעגעבן איר אַרבעט, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז פולשטענדיק רויק. אין איר גאַנג און באַוועגונגען איז געלעגן עפעס אַ ווירדע, וואָס איז געווען אין איר אַ נייע דערשיינונג און וואָס האָט צוגעגעבן אירע באַוועגונגען עפעס פון אַ סטאַטוע.

ביים מיטאָג האָבן זיי זיך ווידער געזען. ברוין איז דעם גאַנצן טאָג געווען אין גאַס. קריסטאָף וואָלט בשום אופן נישט אויסגעהאַלטן די דאָזיקע באַגעגעניש מיט אים. ער האָט געוואָלט רעדן מיט אַננאַן, אָבער זיי זענען נישט געווען אַליין. דאָס דינסט־מיידל איז אַריין און אַרויס. זיי האָבן זיך געמוזט היטן. אומזיסט האָט קריסטאָף געזוכט אַננאַס בליק. זי האָט אויף קיינעם נישט געקוקט. קיין שום סימן פון אומרו, און אין אירע מינדסטע באַוועגונגען — עפעס אַ זיכערקייט און אויסערגעוויינלעכע איידלקייט. נאָכמיטאָג האָט ער גע-

האָפּט, אַז זיי וועלן לסוף קאָנען רעדן; אָבער דאָס דינסט-מיידל האָט דאָס מאָל באַזונדערס פּאַמעלעך אַראָפּגענומען פון טיש, און ווען זיי זענען אַריבער אין צווייטן צימער, האָט זי געזוכט אַ געלעגנהייט נאָכצוגיין נאָך זיי. זי האָט כּסדר עפּעס אַריינגעטראָגן און אַרויסגעטראָגן. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אין קאָרידאָר ביי דער האַלבּ־אָפענער טיר, וואָס אַננאַ האָט זיך נישט געאיילט צו פאַרמאַכן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיי נאָכגעקוקט. אַננאַ האָט זיך געזעצט ביים פענסטער מיט איר אייביקער האַנט־אַרבעט. קריסטאָף איז געזעסן אין אַ פאָטעל, אויסגעדרייט מיטן רוקן צום פענסטער, און געהאַלטן פאַר זיך אַן אָפן בוך, וואָס ער האָט אָבער נישט געלייענט. אַננאַ, וואָס האָט אים געקאָנט באַטראַכטן פון דער זייט, האָט דערזען זיין צעווייטיקט פּנים, וואָס האָט געקוקט צו דער וואַנט, און האָט אכזריות־דיק אַ שמייכל געטון. פון דעם דאַך און בוימער אין גאָרטן האָט דער צעשמאָלצענער שניי געטריפט מיט אַ דינעם קלאַנג אויפן זאַמד. אין דער ווייטן האָט געקלונגען דער געלעכטער פון די קינדער, וואָס האָבן זיך איבערגעוואָרפן אין גאַס מיט שניי־קוילן. אַננאַ האָט אויסגעזען איינצושלאָפן. דאָס שווייגן האָט קריסטאָפן געמאַטערט; ער האָט געוואָלט שרייען פון ווייטיק.

לסוף איז דאָס דינסט־מיידל אַראָפּ אויפן אונטערשטן שטאָק און האָט פאַרלאָזן דאָס הויז. קריסטאָף האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געווענדעט צו אַננאַן; ער האָט איר געוואָלט זאָגן:

— אַננאַ, אַננאַ! וואָס האָבן מיר געטון?

אַננאַ האָט אַ קוק געטון אויף אים. אירע עקשנותדיק אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָבן זיך ווידער געעפנט און האָבן געבריט קריסטאָפן מיט זייער גליענדיקן פייער. ווי אַ שטאָך האָט אים דער דאָזיקער בליק געטראָפן. ער האָט זיך אַ וואַקל געטון. אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעלאָשן. זיי זענען געגאַנגען איינער קעגן אַנדערן און האָבן זיך ווידער אַרומגעכאַפּט...

ס׳איז צוגעפאַלן אָוונט. זייער בלוט האָט נאָך געברויזט. זי איז געלעגן אויפן בעט מיט אַן אַרונטערגעריסענעם קלייד און אויסגע-

שפּרייטע אָרעמס, נישט מאַכנדיק קיין באַוועגונג צו פאַרדעקן איר קערפּער. ער האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין קישן און געקרעכצט. זי האָט זיך צוגעשאַרט צו אים, אויפגעהויבן זיין קאָפּ און אים צערטלעך געגלעט מיט די פינגער איבער די אויגן און מויל, דערנענטערט איר פּנים צו זיינעם און פערזונקען געוואָרן מיטן בליק אין זיינע אויגן. אירע אויגן זענען געווען טיף, ווי אַן אָזערע. זיי האָבן געשמייכלט גלייכגילטיק אויף אַלע ליידן. דאָס געוויסן איז איינגעשלאָפן. ער האָט געשוויגן. ווי גרויסע כוואַליעס איז אַ שוידער אַדורך זייערע קערפּער...

ווען קריסטאָף האָט זיך ביינאַכט אַליין אומגעקערט צוריק אין זיין צימער, האָט ער געטראַכט צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

קוים איז ער נאָר אויפגעשטאַנען אין דערפרי, איז ער געגאַנגען זוכן אַננאַן. איצט האָט ער אויסגעמיטן איר בליק. ווי נאָר ער האָט איר באַגעגנט, האָט ער באַלד פאַרגעסן, וואָס ער האָט צו זאָגן. ער האָט זיך אָבער געצוווּנגען און געוואָלט איבעררעדן וועגן דער געמיינהייט פון זייער האַנדלונג. קוים האָט זי עס פאַרשטאַנען, האָט זי אים האַסטיק פאַרמאַכט מיטן האַנט דאָס מויל, זי האָט זיך אויסגעדרייט מיט צוזאַמענגעצויגענע ברעמען, צענויפגעפּרעסטע ליפּן און אַ בייזן אויסדרוק. ער האָט גערעדט ווייטער. זי האָט אַ וואָרף געטון אויף דער ערד די האַנט-אַרבעט, וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט, אויפגעמאַכט די טיר און געוואָלט אַרויסגיין. ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, צוגעמאַכט די טיר און ביטער געזאָגט, אַז עס איז איר מסתמא זייער גוט, אויב זי קאָן אויסמעקן פון זינען די עוולה, וואָס זיי זענען באַגאַנגען. זי האָט זיך געווערט, ווי אַ חיה, וואָס מען האָט געפאַנגען אין אַ נעץ, און האָט אַ געשריי געטון מיט צאָרן:

— שווייג!... דו געמיינער מענטש, זעסטו דען נישט, ווי איך לייד?... איך וויל נישט דו זאָלסט רעדן! לאָז מיך צורו!

איר פּנים איז איינגעפאַלן, איר בליק איז געווען פול מיט האַס און שרעק, ווי ביי אַ פאַרוווּנדעטער חיה. אירע אויגן וואָלטן אים דערהרגעט, ווען זיי וואָלטן בכוח געווען. ער האָט זי אָפּגעלאָזט. זי איז אַנטלאָפן אין צווייטן עק צימער, כדי זיך צו באַשיצן קעגן אים. ער האָט נישט געהאַט קיין חשק זי נאָכצויאָגן. זיין האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעדריקט פון ביטערקייט און שרעק. אין צימער איז

אַריינגעקומען ברוין. זיי האָבן אים אָנגעקוקט ווי פאַרשטיינערטע. אויסער זייער וויטיק, האָט פאַר זיי גאָרנישט עקזיסטירט.

קריסטאָף איז אַרויסגעגאַנגען. ברוין און אַננאַ האָבן זיך געזעצט צום טיש. בעתן עסן האָט זיך ברוין פּלוצלינג אַ הויב געטון פון אָרט און געעפנט דאָס פענסטער: אַננאַ האָט געחלשט.

קריסטאָף איז פאַרשווונדן געוואָרן פון שטאָט אויף צוויי וואָכן, כּלומרשט אַרויסגעפאָרן אויף אַ רייזע. אויסער דער צייט פון עסן, איז אַננאַ געבליבן אין משך פון דער גאַנצער וואָך פאַרשלאָסן אין איר צימער. איר געוויסן, אירע געוווינהייטן, דאָס גאַנצע פאַרגאַנגענע לעבן, פון וועלכן זי האָט געגלויבט זיך צו באַפרייען, אָבער אין דער אמתן זיך נישט באַפרייט — האָבן זי ווידער געפאַנגען. כאָטש זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט איר אָבער די טאָג־טעגלעכע זאָרג אַריינגעכאַפּט אין איר רשות און לסוף זי מער נישט אַרויסגעלאָזן. דעם צווייטן זונטיק איז זי ווידער צו די תּפילות נישט געגאַנגען. אָבער אין אַ וואָך אַרום איז זי יאָ געגאַנגען און פון דעמאָלט אָן שוין מער נישט פאַרפעלט, זי איז געווען באַזיגט, הגם נישט אונטערגעוואָרפן. גאָט איז געווען דער שונא — אַ שונא, פון וועלכן זי האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען. זי איז געקומען צו אים מיטן דערשטיקטן צאָרן פון אַ שקלאַף, וואָס איז געצוווּנגען צו געהאָרכן, בעת איר תּפילה האָט איר פּנים אויסגעדריקט אַ פיינטלעכע קאַלטקייט. אָבער טיף אין איר נשמה איז איר גאַנץ רעליגיעז לעבן געווען איין ווילדער קאַמף, איין שטומער בונט קעגן דעם האַר, וואָס זיין פאַרוווּרף האָט זי גערודפט. זי האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. זי האָט אָבער געדאַרפט הערן, און מיט פאַרביסענע ציין, אַן עקשנותדיקן קנייטש אויפן שטערן, אַ האַרבן בליק, האָט זי זיך געדונגען מיט גאָט. וועגן קריסטאָפן האָט זי געטראַכט נאָר מיט האַס. זי האָט אים נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער האָט זי אויף איין אויגנבליק אַרויסגעריסן פון איר גייסטיקער תּפיסה, כּדי זי באַלד ווידער צו וואַרפן אירע תּלינים צו רויב. זי איז איינגאַנצן נישט געשלאָפן. טאָג און נאַכט האָט זי געטראַכט די זעלביקע טרויעריקע געדאַנקען. זי

האָט זיך נישט באַקלאָגט. עקשנותדיק האָט זי וויטער געפירט איר באַלעבאַטישקייט, דערפולט אירע פליכטן, און איר ווילן האָט אין טאָג־טעגלעכן לעבן אַרויסגעוויזן, לפנים, שטאַרקייט און עקשנות. זי איז געוואָרן אויסגעמאָגערט, ווי געפרעסן פון אַן אינערלעכן ווייטיק. ברוין האָט זיך מיט האַרציקער אומרו נאָכגעפרעגט, וואָס איר איז, און געוואָלט זי אונטערזוכן. זי האָט אים אָפּגעשטויסן צוריק. וואָס מער געוויסנסביסן זי האָט לגבי אים דערפילט, אַלץ האַרטער האָט זי צו אים גערעדט.

קריסטאָף האָט באַשלאָסן נישט צו קומען צוריק. ער איז געפאַלן פון מידקייט. ער האָט דורכגעמאַכט גרויסע מאַרשן און שווערע קערפּערלעכע איבונגען. גערודערט, געוואַנדערט, געקלעטערט אויף די בערג. ס'האָט זיך אים בשום אופן נישט איינגעגעבן אויסצולעשן דעם פיבער.

ער האָט זיך מער אונטערגעגעבן דער ליידנשאַפט, ווי אַן אַנדערער. ביי געניאַלע מענטשן איז זי אַ נויטווענדיקייט, אפילו די ריינסטע, בעטהאָווען, ברוקנער האָבן געמוזט שטענדיק ליב האָבן. אַלע מענטשלעכע כוחות זענען ביי זיי אין אַ שטאַרקערער מאָס, און אַזוי ווי די כוחות זענען באַהערשט דורך דער פאַנטאַזיע, ווערט זייער מוח אַ רויב פון שטענדיקע ליידנשאַפטן. ס'רוב זענען דאָס אַריבערגייענדיקע פלאַמען. איינער צעשטערט דעם צווייטן, און אַלע צוזאַמען ווערן פאַרברענט אין דער גרויסער שרפה פון דעם שעפערישן גייסט. אָבער קוים הערט אויף די היץ פון דעם שמיד און די נשמה אויסצופילן, בלייבט זי אָן אַ פאַרטיידיקונג אונטערגעגעבן יעדער ליידנשאַפט. זי קאָן זיך אָן איר נישט באַגיין, זי שאַפט זי, און זי מוז פון איר פאַרברענט ווערן... דעמאָלס אָבער איז ביים ביטערן באַגער, וואָס ברענט אין בלוט, פאַראַן אַ פאַרלאַנג צו צערטלעכקייט, וואָס טרייבט דעם מידן און פון לעבן אַנטוישטן מאַן אין די מוטערלעכע אָרעמס פון דער טרייסטערין. אַ גרויסער מאַן איז מער קינד ווי אַן אַנדערער. מער ווי אַן אַנדערער פילט ער די באַדערפעניש זיך אָנצופאַרטרויען אַ פרוי, צו באַהאַלטן זיין שטערן אין די ווייכע הענט פון זיין פריינדין, דעם קאָפּ צו לעגן אויף איר שויס.

אָבער קריסטאָף האָט נישט פאַרשטאַנען... ער האָט נישט געגלויבט אין דעם פאַנאַטיזם פון דער ליידנשאַפט — די דאָזיקע נאַ־

רישקייט פון די ראָמאַנטיקער. ער האָט געגלויבט אינם חוב און מעג־לעכקייט צו קעמפן, אין דער קראַפט פון זיין ווילן... זיין ווילן! ווו איז ער געווען? נישט געבליבן נאָך אים קיין שפור. ער איז געווען ווי געפּענטעט. דער שטאָך פון דער ערינערונג האָט אים ווייטגעטון ביי טאָג און ביי נאַכט. דער ריח פון אַנאַנאַס קערפּער האָט גע־שוועבט אַרום אים, ער איז געווען, ווי אַ שווער שיפל אָן אַ סטער, וואָס ווערט געשטויסן פון ווינט. אומזיסט האָט ער געוואָלט אַנטלויפן, געפּרווט עס טון מיט פאַרצווייפלטע כוחות: ער האָט זיך שטענדיק געזען צוריקגעשליידערט אויפן זעלביקן אָרט. ער האָט געשריגן צום ווינט:

— צעברעך מיך! וואָס ווילסטו פון מיר?

פיבערדיק האָט ער זיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן. פאַרוואָס? פאַרוואָס דווקא די פרוי?... פאַרוואָס האָט ער זי ליב געהאַט? נישט צוליב אירע גייסטיקע מעלות. עס זענען געווען פיל אַנדערע קלוגע־רע און בעסערע פון איר. נישט צוליב איר קערפּער. ער האָט גע־האַט אַנדערע געליבטע, וואָס האָבן מער באַפרידיקט זיינע חושים. וואָס זשע איז עס אַזוינס געווען? — מען ליבט ווייל מען ליבט? יאָ, אָבער עס מוז דאָך זיין אַ סיבה, אפילו אויב זי זאָל איבערוואַקסן דעם געוויינלעכן פאַרשטאַנד. וואַנזין? דאָס זאָגט גאָרנישט. פאַרוואָס דווקא דער דאָזיקער וואַנזין?

ווייל עס איז פאַראַן אַ פאַרבאָרגענע נשמה, עס זענען דאָ בלינדע כוחות און דעמאָנען, וואָס יעדער טראָגט זיי פאַרשלאָסן אין זיך. זינט די מענשהייט עקזיסטירט, איז אונזער גאַנצע אָנשטרענגונג געווענדעט דערויף, אַז אונזער שׂכל און רעליגיע זאָל זיך אַנטקעגנ־שטעלן דעם דאָזיקן אינערלעכן ים. קומט אָבער אַ שטורם (און וואָס רייכער די נשמות זענען, אַלץ מער זענען זיי פעיק אויפצונעמען שטורימס), ווערן צעבראָכן די צוימען, די דעמאָנען רייסן זיך אַרויס אויף דער פריי, געפינען אַנדערע נשמות, וואָס ווערן געטריבן פון ענלעכע כוחות... זיי וואַרפן זיך איינער אויפן צווייטן. האַס אָדער ליבע? קעגנזייטיקער חורבן? די ליידנשאַפט איז אַ רויב־נשמה.

דער ים האָט זיך צעכוואַליעט, ווער ווייסט אים ווידער איינ־צוימען אין זיין בעט? מען דאַרף זיך דעמאָלט ווענדן צו אַ שטאַר־קערן פון זיך: צום נעפּט׳ן, דעם גאָט פון די וואַסערן?

נאָך צוויי וואָכן אומזיסטע אָנשטרענגונג צו אַנטלויפן פון זיינע לײדנשאַפטן, האָט זיך קריסטאָף אומגעקערט צוריק אין אננאַס הויז. ער האָט נישט געקאָנט זיין דערוויטערט פון איר. ער האָט זיך געשטיקט.

ער האָט ווייטער געקעמפט. אין אָוונט, נאָך זיין קומען, האָבן זיי געפונען אַן אויסרייד זיך נישט צו זען, כדי נישט צו עסן צוזאַמען. ביינאַכט האָט יעדערער פון זיי מיט אַנגסט פאַרשפאַרט זיך אין צימער. — אָבער די לײדנשאַפט האָט גובר געווען. אין מיטן דער נאַכט איז זי מיט באָרוועסע פיס אַנטלאָפן פון איר צימער און אָנגעקלאַפט אין זיין טיר. ער האָט געעפנט. קאַלט, ווי אייז, האָט זי זיך אויסגעצויגן ביי זיין זייט. זי האָט שטיל געוויינט. ער האָט געפילט אירע טרערן אויף זיינע באַקן. זי האָט זיך געוואָלט באַרויקן, אָבער דער ווייטיק איז געווען שטאַרקער, און זי האָט געכליפעט צוּ־פרעסנדיק די ליפּן צו קריסטאָפס האַלז. אויפגעטרייסלט פון איר ווייטיק, האָט קריסטאָף פאַרגעסן זיין אייגנעם. ער האָט געפּרוּווט זי באַרויקן און געזאָגט די צערטלענדיקע, טרייסטנדיקע ווערטער. זי האָט געקלאָגט:

— איך בין אומגליקלעך, איך וויל שטאַרבן.

איר קלאָגן האָט אים געריסן אין האַרצן. ער האָט זי געוואָלט אַ קוש טון. זי האָט אים אָפּגעשטויסן.

— איך האַס אייך!... צו וואָס זענט איר געקומען?

זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס און אַ וואָרף געטון זיך צום עק בעט. די בעט איז געווען ענג. און זייערע קערפּערס האָבן זיך פונדעסטוועגן באַרירט. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו קריסטאָפן מיטן רוקן און געציטערט פון אויפרעגונג און ווייטיק. זי האָט אים שרעקלעך געהאַסט. קריסטאָף האָט נידערגעשלאָגן געשוויגן. אננאַ האָט געהערט אין דער שטילקייט זיין שווערן אָטעם, און פּלוצלינג האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים, פאַרוואָרפן די אָרעמס אַרום זיין האַלז און געזאָגט:

— אָרעמער קריסטאָף! דו לײדסט צוליב מיר...

צום ערשטן מאָל האָט ער געהערט פון איר אַזאַ טאָן פון מיטלייד.

— זיי מיר מוחל, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט געזאָגט:

— מיר דאַרפן איינער דעם אַנדערן מוחל זיין.

זי האָט זיך אויפגעזעצט, ווי זי וואָלט נישט געקאָנט אָטעמען. נידערגעשלאָגן און איינגעקאָרטשעט איז זי געזעסן אין בעט. זי האָט געזאָגט:

— איך בין פאַרלוירן... גאָט האָט עס געוואָלט. ער האָט מיך איבערגעגעבן צו דער זינד... וואָס קאָן איך טון קעגן זיין רצון?

אַ לאַנגע צייט איז זי געבליבן אַזוי זיצן, דערנאָך האָט זי זיך ווידער געלייגט און זיך נישט גערירט פון אָרט. אַ שוואַכע ליכט־שיין האָט אָנגעזאָגט דעם באַגינען. אין דער דעמערונג האָט ער געזען איר צעווייטיקט פנים נאָענט נעבן זיינעם. ער האָט געפליסטערט:

— עס טאָגט.

זי האָט זיך נישט גערירט.

ער האָט געזאָגט:

— לאָז זיין, אַלץ איינס.

זי האָט געעפנט די אויגן און האָט מיט אַן אויסדרוק פון מידקייט זיך געזעצט אויפן ראַנד פון בעט, קוקנדיק צו דער ערד. זי האָט מיט אַן אויסדרוקסלאָזער שטים געזאָגט:

— היינט ביינאַכט האָב איך אים געוואָלט דערהרגענען.

ער האָט זיך אַ דערשראָקענער אַ הויב געטון פון אָרט.

— אַננאַ! — האָט ער אויסגעשריגן.

זי האָט מיט אַ טונקעלן אויסדרוק געקוקט אין פענסטער.

— אַננאַ! — האָט ער איבערגעחזרט. — גאָט איז מיט דיר, נישט אים, ער איז דער בעסטער.

זי האָט נאָכגעזאָגט:

— ניין, נישט אים.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן עס געוווּסט פון לאַנג. זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז דער איינציגער אויסוועג. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס זיי לעבן אין ליגן. און ס'איז זיי קיינמאָל נישט איינגעפאַלן די מעגלעכקייט צוזאַמען צו אַנטלויפן. זיי

האָבן געוווּסט, אַז דאָס וועט נישט לייזן דעם קאָנפליקט, ווייל דאָס ערגסטע איז געווען נישט די אויסערלעכע מניעות, נאָר די אי־נערלעכע: די פאַרשידנקייט פון זייערע נשמות. ס'איז זיי געווען אוממעגלעך צו לעבן צוזאַמען, ווי צו לעבן באַזונדער. זייער לאַגע איז געווען אָן אַן אויסוועג.

פון דעם מאָמענט אָן האָבן זיי זיך מער נישט באַרירט. דער שאָטן פון טויט האָט געשוועבט איבער זיי. זיי זענען געווען איינער פאַרן אַנדערן הייליק.

אָבער זיי האָבן נישט באַשטימט קיין צייט. זיי האָבן געזאָגט צו זיך:

— מאָרגן, מאָרגן...

און פון דעם טאָג אָן האָבן זיי אָפּגעווענדט די אויגן. קרי־סטאָפס שטאַרקע נשמה האָט זיך אָפּטמאָל געבונטעוועט. ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט געפילט אַ פאַראַכטונג צו זעלבסטמאָרד און נישט געוואָלט זיך שיידן מיטן גרויסן לעבן אויף אַזאַ קלאָגנדיקן קורצן אופן. און ווי האָט אַנאַ געקאָנט זיך פאָרשטעלן דעם טויט, וואָס האָט געפירט צו אַן אייביקן טויט? אָבער די בלוטיקע נויטווענדיקייט איז געשטאַנען איבער זיי, ווי אַ שרעק־לעכע געשפענסט, און דער קרייז אַרום זיי איז געוואָרן אַלץ ענגער.

אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן האָט זיך קריסטאָף, דאָס ערשטע מאָל נאָך זיין פאַראַט, געטראָפן מיט ברוינען. ביז דעמאָלט האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצומיידן יעדע באַגעגעניש. עס איז געווען פאַר אים אומדערטרעגלעך, מען האָט געמוזט געפינען אַן אויסרייד נישט צו עסן ביי זיין זייט: יעדער ביסן איז אים געבליבן שטיין אין האַלז, דריקן זיין האַנט, עסן זיין ברויט, — אַ קוש פון אַ יהודי איש קריות... דאָס שרעקלעכסטע איז געווען נישט די פאַראַכטונג צו זיך, נאָר די מורא פאַר ברוינס ליידן, ווען ער זאָל זיך דערוויסן... דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים געפייניקט. ער האָט געוווּסט, אַז דער אָרעמער ברוין וועט זיך קיינמאָל נישט נוקם זיין. אַז ער וועט אפשר נישט האָבן קיין כח אַפילו זיי צו האַסן. אָבער ווי שטאַרק וועט צע־

בראָכן ווערן זיין לעבן! מיט וואָס פאַר אַ אויגן וועט ער זיי אָנקוקן? קריסטאָף האָט זיך נישט געפילט בכח אויסצוהאַלטן דעם פאָרוווּרף פון די דאָזיקע אויגן. — און עס איז געווען ווארשיינלעך, אַז ברוין וועט זיך פריער אָדער שפּעטער דערוויסן דערפון. צי פילט ער שוין נישט עפּעס? ווען קריסטאָף האָט אים נאָך די צוויי וואָכן ווידער געזען, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיין אויסזען: ברוין איז געווען נישט צו דערקענען. זיין פריילעכקייט איז פאַרשווונדן געוואָרן אָדער איז געווען אַ געצוווּנגענע, ביים טיש האָט ער געוואָרפן אומרויקע בליקן אויף אַננאַן, וועלכע האָט נישט גערעדט, נישט געגעסן, נאָר דערבּרענט, ווי אַ ליכט. ער האָט איר אַרויסגעוויזן זיין רירנדיקע זאָרגעוודיקייט. זי האָט אָפּגעשטויסן זיינע צערטלעכקייטן. דעמאָלט האָט ער זיך איבערגעבויגן איבערן טעלער און אַנטשוויגן געוואָרן. אַננאַ האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די שווערע לאַגע, זי האָט אין מיטן עסן אַ וואָרף געטון איר סערוועטל אויפן טיש און איז אַרויס־געגאַנגען. ביידע מענער האָבן שווייגנדיק געענדיקט דאָס עסן, אָבער געמאַכט זיך עסנדיק. זיי האָבן זיך נישט דערוועגט אויפצוהייבן די אויגן. ווען זיי זענען פאַרטיק געוואָרן, און קריסטאָף האָט געוואָלט אַוועקגיין, האָט ברוין פּלוצלינג אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט זיין אָרעם.

— קריסטאָף... — האָט ער געזאָגט.

קריסטאָף האָט אים אָנגעקוקט צעטומלט.

— קריסטאָף, — האָט איבערגעחזרט ברוין, און זיין שטים האָט געציטערט, — נישט דו ווייסט, וואָס איר איז?

קריסטאָף האָט געפילט, אַז עפּעס האָט אים אַ שטאָך געטון אין האַרצן. ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען שטיל און נישט געענטפערט. ברוין האָט אים נישט דרייסט אָנגעקוקט. ער האָט זיך האַסטיק גע־נומען פאַרענטפערן:

— דו זעסט זי אָפּט, זי האָט צו דיר צוטרוי.

קריסטאָף האָט שיר נישט געכאַפּט קושן ברוינס הענט און בעטן אים פאַרגעבונג. ברוין האָט געזען קריסטאָפס צערודערט פּנים. אַ דערשראָקענער האָט ער מער גאָרנישט געוואָלט וויסן. מיט רחמים אין די אויגן האָט ער גיך אַרויסגעשטאַמלט, אַליין אונטעררוקנדיק אים אַן ענטפער:

— ניין, דו ווייסט נישט, אמת?

קריסטאָף האָט געענטפערט נידערגעשלאָגן:

— ניין.

— אָ, ווייטיק, נישט צו קאָנען זיך באַקלאָגן, — דערנידעריקן, ווייל דאָס וואָלט צעריסן דאָס טויטלעך־באַליידיקטע האַרץ! אָ, דער ווייטיק, נישט צו קאָנען זאָגן דעם אמת, ווייל מען לייענט אַרויס פון די פרעגנדיקע אויגן, אַז זיי ווילן בשום אופן נישט וויסן דעם אמת!...

— גוט, גוט, איך דאַנק דיר... — האָט געמורמלט ברוין.

זיינע הענט האָבן זיך נאָך אַלץ געקלאַמערט אין קריסטאָפס אַרבל, ווי ער וואָלט אים נאָך געוואָלט עפעס פרעגן. אָבער ער האָט קיין מוט נישט געהאַט און אויסגעמיטן זיין בליק. ער האָט אים אָפּגעלאָזט, אַ זיפץ געטון און איז אַוועק.

קריסטאָף איז געווען צעשמעטערט פון זיין נייען ליגן. ער איז אַוועקגעלאָפן צו אַננאַן. ציטערנדיק פון אויפרעגונג האָט ער איר דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען. אַננאַ האָט אויסגעהערט מיט אַן אָנגעלמורעטער מינע און געזאָגט:

— נו, זאָל ער וויסן! ס'איז אַלץ איינס.

— ווי קאָנט איר אַזוי רעדן? — האָט אויסגעשריגן קריסטאָף. — דאָס איז שרעקלעך! בשום אופן, בשום אופן ווייל איך נישט, ער זאָל ליידן.

אַננאַ איז געוואָרן אויפגעבראַכט:

— און אַז ער ליידט, איז וואָס? איך לייד דען נישט? מעג ער אויך ליידן.

זיי האָבן געזאָגט איינער דעם צווייטן ביטערע ווערטער. ער האָט איר פאָרגעוואָרפן, אַז זי האָט ליב נאָר זיך אַליין. זי האָט אים באַשולדיקט, אַז ער טראַכט מער וועגן איר מאַן, ווי וועגן איר.

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום, ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז ער קאָן אַזוי ווייטער נישט לעבן, אַז ער וועט ברוינען אַלץ דערציילן, האָט זי אים אָנגערופן עגאָיסט און געשריגן, אַז זיין געוויסן גייט איר גאָרנישט אָן, און אַז ברוין דאַרף פון קיין זאַך נישט וויסן. נישט געקוקט אויף אירע האַרטע ווערטער, האָט זי געטראַכט וועגן ברוינען, פונקט ווי קריסטאָף. הגם זי האָט נישט געפילט צו איר מאַן קיין וואַרעם געפיל, איז זי דאָך געווען צו אים צוגעבונדן. דער־צו האָט זי געפילט אַ רעליגיעזן יראת־הכבוד פאַר די סאָציאַלע

פליכטן, וואָס זענען אויף איר געלעגן. זי האָט, אפשר, נישט געטראַכט דערפון, אַז די פרוי דאַרף זיין גוט צו איר מאַן און אים ליב האָבן. זי האָט אָבער געטראַכט, אַז זי איז מחויב צו דערפילן די פליכטן פון אַ באַלעבאָסטע און צו בלייבן אים טריי. ס'האָט אויסגעזען גע־מיין אין אירע אויגן, וואָס זי האָט זיך צוריקגעצויגן פון די דאָזיקע פליכטן.

און זי האָט נאָך געוווּסט בעסער ווי קריסטאָף, אַז ברוין וועט זיך בקרוב אַלץ דערוויסן. דאָס איז געווען אַ פאַרדינסט פון איר זייט, וואָס זי האָט עס פון קריסטאָפן פאַרבאָרגן. ראשית, ווייל זי האָט נישט געוואָלט פאַרגרעסערן זיין שרעק, און צווייטנס, האָט זי עס געטון צוליב שטאָלץ.

ווי אָפּגעשלאָסן ברוינס הויז איז נישט געווען, און ווי פאַר־באָרגן עס איז נישט געבליבן די טראַגעדיע, וואָס האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּילט, האָט זיך דאָך עפּעס אַרויסגעקריגן אין דרויסן.

קיינער האָט זיך אין דער דאָזיקער שטאָט נישט געקאָנט באַ־רימען, אַז זיין לעבן איז געבליבן פאַרבאָרגן. דאָס איז אַ מערקוויר־דיקע דערשיינונג. אויפן גאַס קוקט מען זיך אויף קיינעם נישט אום. די טירן און די לאָדנס זענען פאַרשלאָסן. אָבער אין די ווינקלען פון די פענסטער הענגען „שפּיאָנען", און ווען מען גייט פאַרביי, הערט מען דעם שאָרך פון פאָרהאַנגען, וואָס רוקן זיך ארויף און פאַרמאַכן זיך. קיינער פאַרנעמט זיך נישט מיטן צווייטן. עס דאַכט זיך, אַז מען קען זיך גאָרנישט, אָבער באַלד כאַפּט מען זיך, אַז עס איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען קיין איין וואָרט, קיין איין באַוועגונג. מען ווייס, וואָס יעדערער האָט געטון און געזאָגט, געזען און געגעסן, מען ווייס, יאָ, מען ווייס זיכער, וואָס יענער טראַכט. עפּעס אַ געהיימע וואַך אַרום יעדן מענטשן. דינסטמיידלעך, קרעמערלעך, קרובים, פריינד, גלייכגילטיקע, אומבאַקאַנטע שפּאַצירגייער, אַלע אַרבעטן אין אַ שווייגנ־דיקן הסכם אַרום דעם דאָזיקן אינסטינקטיוון שפּיאָנאַזש, וואָס נעמט צונויף, איין גאָט ווייס ווי אַזוי, אַלע צעוואָרפענע עלעמענטן. מען

אָבסערווירט נישט נאָר מעשים, נאָר אויך דאָס האַרץ. קיינער האָט נישט דאָס רעכט, אין דער דאָזיקער שטאָט, צו באַהאַלטן פאַר זיך זיין אינטימסטע איבערצייגונג, יעדערער האָט דאָס רעכט זיך אַריבערצובויגן, צו נישטערן אין זיינע פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען, און אויב עס רירט אָן די עפנטלעכע מיינונג, צו פאָדערן פון דיר אַ דין וחשבון. דער אומגעזעענער דעספּאָטיזם פון דער קאָלעקטיווער נשמה דריקט אויפן יחיד. ער בלייבט זיין לעבן לאַנג אַ קינד אונטער דער השגחה פון דער געזעלשאַפט. קיין זאַך געהערט נישט צו אים אַליין; עס געהערט צו דער שטאָט.

עס איז געווען געזוג, אַז אַננאַ זאָל צוויי זונטיקן נישט קומען אין קירכע, כּדי צו דערוועקן אַ חשד. פריער האָט קיינער נישט באַמערקט איר געגנוואַרט בעת דער תּפילה, זי האָט געלעבט אָפּגעזונדערט, און ס'האָט זיך געדאַכט, ווי די שטאָט וואָלט פאַרגעסן, אַז זי לעבט אויף דער וועלט. אין דעם אָוונט פון דעם ערשטן זונטיק, ווען זי איז נישט געקומען, האָט עס שוין יעדערער געוווּסט און פאַרצייכנט עס אין זיין זכרון. דעם צווייטן זונטיק האָט קיין איינער פון די פרומע בליקן, וואָס האָבן נאָכגעקוקט יעדעס וואָרט אין סידור און אויף דעם פּאַסטאָרס ליפּן, נישט פאַרפעלט צו באַמערקן ביים אַריינגאַנג און ביים אַרויסגאַנג, אַז אַננאַס פּלאַץ איז פּוסט. דעם צווייטן טאָג האָבן אַננאַן גענומען באַזוכן אַזעלכע מענטשן, וועלכע זי האָט לאַנגע חדשים נישט געזען. זיי זענען געקומען מיט פאַרשידענע אויסרעדן. אַנדערע האָבן מורא געהאַט טאָמער, חלילה, איז זי קראַנק. אַנדערע האָבן פּלוצלינג פון דער העלער הויט גענומען אַרויסווייזן אַן אינטערעס צו אירע ענינים, צו איר מאַן, צו איר הויז; אַנדערע ווידער האָבן אויסגעזען צו זיין אויסגעצייכנט אינפאָרמירט, וואָס ביי איר איז פאָרגעקומען, קיין איינע פון זיי האָט (זייער אומגעשיקט) נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט, אַז אַננאַ איז צוויי מאָל נישט געווען אין קירך. אַננאַ האָט געזאָגט, אַז זי איז געווען נישט געזונט, האָט געהאַט אַ סך אַרבעט, די באַזוכערינס האָבן זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. אַננאַ האָט געוווּסט, אַז זיי גלויבן איר נישט קיין איין וואָרט. זייערע בליקן האָבן אַרומגעוואַנדערט איבערן צימער, געשנישטערט אומעטום, פאַרצייכנט און געדענקט. זיי האָבן נישט דורכגעלאָזט די מינדסטע קלייניקייט, זיי האָבן נישט אויפגעהערט צוריידן מיט אַ קאַל-

טער גוטמוטיקייט, וואָס איז אין אָנהויב געווען טומלענדיק און איבערגעטריבן. מען האָט אָבער געזען אין זייערע אויגען די צודרינגלעכע נייגעריקייט, וואָס האָט זיי אויפגעפרעסן. אַ צוויי אָדער דריי האָבן מיט איבערגעטריבענער גלייכגילטיקייט זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם הער קראַפט.

אין עטלעכע טעג אַרום (קריסטאָף איז דעמאָלט נישט געווען אין דערהיים) איז געקומען דער פּאַסטאָר אַליין. אַ שיינער, אָרנטלעכער מענטש, געזונט, העפלעך, רויק — מיט יענער רויקייט, וואָס נעמט זיך פונם באַוווסטזיין, אַז ער האָט דערקענט דעם אמת, דעם גאַנצן אמת. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט זייער פריינטלעך אויף אַננאַס געזונט, העפלעך און צעטומלט אויסגעהערט איר פאַרענטפערונג, הגם ער האָט זי נישט געפרעגט, אויסגעטרונקען אַ גלאָז טיי און פריינטלעך געשפּאַסט אויפן חשבון פון שטאַרקע געטראַנקען. ער האָט דערציילט, אַז דער וויין, וועגן וועלכן עס דערציילט זיך אין תנ׳ך פאַרמאָגט נישט קיין אַלקאָהאָל. ער האָט געבראַכט דערצו אַ ציטאַט, דערציילט אַ וויץ, און ביים געזעגענען זיך געמאַכט אַן אָנצוהערעניש וועגן דער געפאַר פון אַ שלעכטער געזעלשאַפט, וועגן געוויסע שפּאַצירן, וועגן דעם גייסט פון גאָטלאָזיקייט, וועגן דער טומאה פון טאַנץ און אומריינע באַגערן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער רעדט נישט וועגן אַננאַן, נאָר בכלל וועגן דעם יאָרהונדערט. ער איז אויף אַ ווײלע אַנטשוויגן געוואָרן, אָפּגעהוסט, זיך אויפגעהויבן, געבעטן איבערגעבן זיינע האַרציקסטע גרוסן דעם הער בּרוין, געמאַכט אַ לאַטייניש וויץ און אַרויסגעגאַנגען. — אַננאַ האָט קאַלט אָנגענומען די דאָזיקע אָנצוהערעניש.

איז עס געווען אַן אָנצוהערעניש? ווי אַזוי האָט ער זיך געקאָנט דערוויסן וועגן דעם שפּאַציר פון קריסטאָפן מיט אַננאַן? זיי האָבן דאָרטן נישט געטראָפן קיינעם, וואָס זאָל זיי קענען. אָבער צי ווייסט מען נישט אַלץ אין שטאָט? דער מוזיקער מיטן כאַראַקטעריסטישן פּנים און די יונגע פרוי אין שוואַרצן, וואָס האָבן געטאַנצט אין קרעטשמע, האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. מען האָט זיי געשילדערט, און אַזוי ווי אַלץ איז געוואָרן איבערדערציילט, איז די ידיעה אָנגעקומען אין שטאָט אַריין, ווו די דערוועקטע רשעות האָט אין דער געשילדערטער פרוי תיכף דערקענט אַננאַן. נאַטירלעך, איז עס געווען בלויז אַ פאַרדאַכט, אָבער זייער אַן אָנציענדיקער. דערצו איז צוגעקומען די דערקלערונגען פון אַננאַס דינסטמיידל. די אַלגעמיינע ניי־

גערייקייט האָט איצט געלויערט אויף זייער קאָמפּראָמיטאַציע, און ז באַכגעפּאָרשט מיט טויזנטער אומבאַמערקטע אויגן. די שווייגנדיקע אָנגעכמורעטע שטאָט איז געלעגן גרייט צום שפּרונג ווי אַ קאַץ.

נישט געקוקט אויף דער סכנה, וואָלט זיך אפשר אַננאַ נישט אונטערגעגעבן: אפשר וואָלט איר דאָס באַוווסטזיין פון דער דאָזיקער געמיינער שנאה געשטויסן צו טון אויף צו להכעיס, ווען זי וואָלט אַליין נישט פאַרמאָגט אין זיך דעם פאַריזעישן גייסט פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, וואָס איז געווען פיינטלעך צו איר. די דערציאונג האָט אַרויפגעוואָרפן דעם יאָך אויף איר נאַטור. הגם זי האָט געפילט אַ פאַראַכטונג צו דער טיראַנישקייט און שטות פון דער עפנטלעכער מיינונג, האָט זי פונדעסטוועגן געהאַט פאַר איר דרך־ארץ. זי האָט מסכים געווען אויף איר פסק-דין, אפילו ווען ס'האָט זי אַליין אָנגערירט. ווען דאָס זאָל אפילו נישט שטימען מיט איר געוויסן, וואָלט זי איר אייגענעם געוויסן געגעבן אומרעכט. זי האָט פאַראַכטעט די שטאָט, און דאָך איז זי נישט געווען בכוח אַליין צו טראָגן די פאַראַכטונג.

ס'האָט זיך גראָד געמאַכט אַ געלעגנהייט צו פאַרשפּרייטן די רכילות. דער קאַרנאַוואַל איז געשטאַנען פאַר דער טיר.

ביז יענער צייט, ווען די דאָזיקע געשיכטע שפּילט זיך אָפּ — (זינט דעמאָלט האָט זיך אַסאַך געענדערט) — האָט דער קאַרנאַוואַל געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַלטערטימלעכער אויסגעלאַסנקייט און רויקייט. געטריי זיין אורשפּרונג, ווען דער פרייוויליק-אָדער נישט פרייוויליק־פאַרקנעכטעטער מענטשלעכער גייסט האָט זיך באַפרייט פונם יאָך פון שכל ביז צו ווילדקייט, איז ער אין ערגעץ נישט אויפגעטרעטן פרעכער, ווי אין די עפּאָכן, אין די לענדער, וואָס אויף זייער זיטן און געזעצן האָט צום שטאַרקסטן געדריקט דער שכל. אָט אַזוי האָט אויך אַננאַס היימשטאָט געמוזט בלייבן איינע פון די אויסדערוויילטע שטעט, וואָס מער די זיטלעכע שטרענגקייט האָט געליימט די באַוועגונגען און געצוווּנגען די שטימען צו שווייגן, אַלץ פרייער זענען אין משך פון עטלעכע טעג געוואָרן די באַוועגונגען, אַלץ שטאַרקער האָבן געשריגן די שטימען. אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די טיפענישן פון דער נשמה: אייפערזוכט, פאַרבאָרגענער האַס, אומפאַרשעמטע נייגעריקייט, אַלע ביידווויליקע אינסטינקטן, וואָס די געזעלשאַפטלעכע חיה פאַרמאָגט, האָבן פּלוצלינג

מיט רעש און נקמה-פרייד אויסגעבראָכן. יעדערער האָט געהאַט דאָס רעכט, גוט פאַרמאַסקירט, צו שלאָגן אין מיטן גאַס דעם, וואָס ער האָט געהאַסט; ער האָט געקאָנט דערציילן די פאַרבייגייער, אַלץ וואָס ער האָט אין משך פון אַ גאַנצן יאָר געדולדיק און מיט מאַטערניש צענויפגעקליבען, דעם גאַנצן אוצר פון סקאַנדאַליעזע געשיכטעס. איינער האָט אַרומגעטראָגן זיינע ידיעות אויף אַ וואָגן; דער צווייטער האָט אַרומגעטראָגן דורכזיכטיקע לאַמטערנעס, ווו די אויפשריפטן און בילדער האָבן געוויזן די סודותדיקע געשיכטעס פון דער שטאָט. אַן אַגדערער ווידער האָט זיך אַפילו דערוועגט אויפצוטרעטן אין דער מאַסקע פון זיין שונא, וואָס איז געווען אַזוי ענלעך, אַז די גאַסן־יינגלעך האָבן אים אָנגערופן מיט יענעמס נאָמען, אין משך פון די דריי טעג האָבן זיך באַוויזן רכילות־בלעטלעך; מענטשן פון דער געזעלשאַפט האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער נאַרישער שפּיל. עס איז נישט געווען קיין שום צענזור, העכסטנס ביי פּאָליטישע אָנצוהערענישן, — ווייל די דאָזיקע ווילדע פרייהייט איז אָפטמאָל געווען די סיבה פון אַ סיכסוך צווישן דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און די אויסלענדישע פאָרשטייער. אָבער קיין זאַך האָט נישט געשיצט די בירגער קעגן די בירגער. די מורא פאַר אַן עפנטלעכן בזיון, וואָס האָט שטענדיק געשוועבט איבער זיי, האָט זיי נישט געטריבן אויפצוהאַלטן אין די זיטן אַ באַשטימטע, לפּחות, אויסערלעכע ריינקייט, מיט וועלכע די שטאָט האָט זיך געגרויסט. אַננאַ האָט געלעבט אונטער דעם שרעק פון יענע טעג — אַ שרעק, וואָס האָט אייגנטלעך נישט געהאַט קיין שום סיבה. זי האָט נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. זי האָט פאַרנומען צו ווייניק אָרט אין דער עפנטלעכער מיינונג, אַז עמעצן זאָל איינפאַלן צו מאַכן אויף איר אַן אָנפאַל. אָבער די פולשטענדיקע אָפּגעזונדערטקייט, אין וועלכער זי האָט זיך געהאַלטן, דער צושטאַנד פון נערוועישער מידקייט און אויפרעגונג, אין וועלכן זי האָט פאַרבראַכט אַסאַך שלאָפלאָזע וואָכן, און גייסטיקע יסורים, — האָט נעמאַכט איר פאַנטאַזיע עמפינדלעך פאַר די אומזיניקסטע שרעק־בילדער. זי האָט איבערגעטריבן די פיינטלעכע שטימונג פון די מענטשן, וואָס האָבן זי נישט ליב געהאַט. זי האָט געמיינט, אַז דער פאַרדאַכט האָט שוין עפּעס דערשנאַפּט. און אַז ס׳איז גענוג די מינדסטע קלייניקייט, זיי זאָלן זי באַגראָבן. און ווער וואָלט זי געקאָנט באַרויקן, אַז דאָס איז שוין נישט געשען? דעמאָלט האָט געזאָלט קומען דער

בזיון, די אומברחמנותדיקע אַנטבלויזונג. דאָס אַרויסשטעלן איר האַרץ פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט, — אַ שרעקלעכע שאַנד, וואָס קוים האָט זי נאָר געוואָלט וועגן איר אַ טראַכט טון, האָט זי זיך געוואָלט באַגראָבן פֿון חרפּה. מען האָט דערציילט, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אַ יונג מיידל, וואָס איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון די שטעטלשע רדיפֿות, געמוזט אַנטלויפֿן מיט איר פֿאַמיליע פֿון שטאָט. און מען האָט דערצו גאָרנישט געקאָנט העלפֿן. נישט פֿאַרטיידיקן זיך, נישט אָפּהאַלטן, נישט דערוויסן זיך אַפֿילו, וואָס עס דאַרף געשען. דאָס צווייפֿלען איז נאָך געווען ערגער, ווי די ווירקלעכקייט. אַננאַ האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך מיטן בליק פֿון אַ גערודפֿטער חיה. אין איר אייגענער שטוב האָט זי זיך געפֿילט אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן.

אַננאַס דינסטמיידל איז שוין אַלט געווען העכער פֿערציק יאָר. זי האָט געהייסן ביבי, געווען הויך און שטאַרק, מיט אַ פּנים, וואָס איז ביים שטערן און ביי די שלייפֿן געווען שפּיציק, ביינערדיק און אָנגעבלאָזן, ברייט און לאַנג אונטערן קין, ווי אַן אויסגעטרוקנטע באַרנע. זי האָט שטענדיק געשמייכלט, געהאַט קליינע רונדע אויגן, וואָס זענען געלעגן אַזוי טיף, ווי זיי וואָלטן געוואָרן פֿאַרשלונגען אונטער די רויטע אויגנבייטעלעך מיט די קוים באַמערקבאַרע ברעמען. מיט איר שטענדיקער פֿריילעכקייט האָט זי שטענדיק געכאַפּט התפּעלות פֿון אירע באַלעבאַטים און פֿאַרנומען זיך מיט רירנדיקן אינטערעס מיט זייער געזונט. זי האָט געשמייכלט, ווען מען האָט איר עפּעס געהייסן. און געשמייכלט, ווען מען האָט איר געמאַכט פֿאָרווורפֿן. ברוין האָט געגלויבט אין איר שטאַרקער טרייהייט. איר גוטמוטיקער אויסדרוק איז געווען אַ שטאַרקער קעגנזאַץ צו אַננאַס קאַלטקייט. אין פֿיל הינזיכטן איז זי געווען ענלעך צו איר: זי האָט אויך גערעדט ווייניק, נישט געפּוצט זיך און אָנגעטון זיך זאָרגעוודיק; זי איז אויך געווען זייער פֿרום, באַגלייט איר מאַדאַם אין דער קירכע, דערפֿילט געטרוי אַלע רעליגיעזע פֿליכטן און זייער געטרוי די שטוב-פֿליכטן. די ריינקייט, פּינקטלעכקייט, די באַנעמונג און אויסגעצייכנטע קיך זענען געווען אָן פֿאָרוווּרף. מיט איין וואָרט, זי איז געווען דער מוסטער

פון אַ דינסט און דער פולקומענער טיפּ פון אַ שונא אין שטוב. אַננאַ'
וואָס איר פרויען־אינסטינקט האָט זי קיינמאָל נישט אָפּגעגנאַרט, בנוגע די
געהיימע געדאַנקען פון די ווייבער, האָט זיך נישט געמאַכט קיין שום
אילוזיעס. זיי האָבן זיך ביידע גישט געקאָנט אָנקוקן, געוויסט וועגן
דעם און געמאַכט זיך נישט וויסנדיק.

אין דער נאַכט נאָך קריסטאָפס צוריקקומען, ווען די צעווייטיק־
טע אַננאַ איז קעגן איר בעשלום אים מער נישט צו זען, דאָך ווידער
צו אים געגאַנגען, און טאַפּנדיק די ווענט, געשפּרייזט אין דער פינס־
טער, האָט זי דערפילט אונטער אירע באָרוועסע פיס, פאַר קריסטאָפס
צימער, אַז זי טרעט נישט אויפן קאַלטן גלאַטן פּאַרקעט, נאָר אויף אַ
וואַרימען שטויב, וואָס האָט לייכט געסקריפּעט. זי האָט זיך אייגעבויגן,
אָנגערירט מיט די הענט און פאַרשטאַנען: איבער דער גאַנצער ברייט
פון דעם אַריינגאַנג, אויף אַ שטח פון אַ צוויי ביז דריי מעטער, איז
געווען אָנגעשאָטן אַ דינער שיכט פון אַש. בייבי האָט אומבאַוווסט באַ־
נוצט דאָס אַלטע שפּיצל, ווי אין דעם ליד, ווו דער קאַרליק פּראָצין
טוט דאָס זעלבע, כּדי צו כאַפּן טריסטאַנען, וואָס שלייכט זיך צו אי־
זאָלדעס בעט. דאָס באַווייזט, אַז פאַר די יאָרהונדערטער גילט נאָר אַ
קליינע צאָל טיפּן פון גוטע און שלעכטע. דאָס באַווייזט אויך אויף
דער קלוגער עקאָנאָמיע פון דעם אוניווערזום! — אַננאַ האָט זיך נישט
אָפּגעשטעלט: מיט אַ מין פאַראַכטלעכער עקשנות איז זי ווייטער גע־
גאַנגען. זי איז אַריין צו קריסטאָפן און אַפילו אים נישט דערציילט
וועגן דעם. גאָר צוריקוועגס האָט זי גענומען דעם בעזים און פּאָרזיכ־
טיק אָפּגעווישט די שפּורען פון אירע געמאַכטע טריט. ווען אַננאַ און
בייבי האָבן זיך צומאָרגנס ווידער געטראָפן, איז עס געווען ווי שטענ־
דיק: איינע איז געווען קאַלט, די אַנדערע האָט געשמייכלט.

בייבין פלעגט אָפטמאָל באַזוכן אירער אַן עלטערער קרוב, וואָס איז
געווען אַ וועכטער אין דער קירכע. בעת דער תּפילה פלעגט מען אים
זען פאַרן טויער פון דער קירך אויף דער וואַך, מיט אַ שוואַרץ און
ווייס געשטרייפטע באַנד מיט זילבערנע קנעפּ אויפן אָרים, אָנגעשפּאַרט
אויף אַ הויכן געבויגענעם שטעקן. לויט זיין באַרוף איז ער געווען אַ
טרומנע־מאַכער. געהייסן האָט ער סאַמי וויטשי. ער איז געווען זייער
הויך און מאָגער און געהאַלטן געבויגן זיין קאָפּ און דאָס ראַזירטע
אַלטע און ערנסטע פויערן פּנים. ער איז געווען פרום און דער בעס־
טער מבין אויף אַלערליי רכילותלעך וועגן די נשמות פון דער געגנט

פּאַראַפּיע. בייבי און סאַמי האָבן געוואָלט חתונה האָבן, זיי האָבן קעגנזייטיק אָפּגעשאַצט זייערע גוטע מעלות, זייער פעסטן גלויבן און זייער ביזוויליקייט. אָבער זיי האָבן זיך נישט געאײַלט אויסצופירן דעם פּלאַן, ווײַל זיי האָבן איינער דעם צווייטן פּאָרזיכטיק אויסגעפּרוווט, — אין דער לעצטער צייט זענען סאַמיס באַזוכן געוואָרן אָפטער. כאָטש קיינער האָט נישט געוווּסט, ווען ער קומט, פלעגט אים אַננאַ שטענדיק זען אין קיך, ווי ער זיצט בײַם פייער, בעת בייבי האָט געניִיט עטלעכע טריט פון אים. זיי האָבן געמעגט רעדן זייער פיל, מען האָט קיינמאָל נישט געהערט קיין קלאַנג פון זיי. מען האָט געזען בייביס שטראַלנדיק פּנים און אירע ליפּן, וואָס האָבן זיך באַוועגט; סאַמיס ערנסט גרויס מויל האָט זיך פאַרקרומט, נישט עפּענדיק זיך אין אַ שמייכל: אָבער קיין קלאַנג האָט מען נישט געהערט. דאָס הויז האָט אויסגעזען שטום. ווען אַננאַ איז אַרײַן אין קיך, האָט זיך סאַמי מיט דרך-ארץ אויפגעהויבן און געבליבן שטיין אָן איין וואָרט, ביז זי איז אַרויסגעגאַנגען. ווען בייבי האָט געהערט, ווי ס׳עפנט זיך די טיר, האָט זי איבערגעריסן דעם גלייכגילטיקן שמועס און געוויזן אַננאַן אַ קרייַ בעדישן שמייכל, וואַרטנדיק אויף אירע באַפעלן. אַננאַ איז נעווען זיכער, אַז זיי רעדן וועגן איר. אָבער זי האָט זיי צופיל פאַראַכטעט, זי זאָל זיך אַרונטערלאָזן אונטערצוהערן זייער שמועס.

צומאָרגנס נאָך דעם, ווי אַננאַ האָט אַנטדעקט דאָס אַש, בעת זי איז אַרײַנגעגאַנגען אין קיך, האָט זי דערזען, אַז סאַמי האַלט אין האַנט דעם קליינעם בעזים, וואָס זי האָט נעכטן באַנוצט אָפּצווישן אירע טריט-שפּורן. זי האָט אים מיטגענומען פון קריסטאָפס צימער, און אין דעם מאָמענט האָט זי זיך פליצלונג דערמאָנט, אַז זי האָט זיך פאַרגעסן אים צוריק אַרײַנצוטראָגן אַהין, זי האָט אים געלאָזט שטיין ביי זיך אין צימער, ווי בייביס שאַרפע אויגן האָבן אים באַלד ענטדעקט. ביידע חברהלייט האָבן זיך צונויפגעשמועסט וועגן דער מעשה. אַנגאַ האָט נישט פאַרראַטן די מינדסטע באַוועגונג. בייבי, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך איר בליק, האָט געשמייכלט מיט איבערגעטריבענער פריינדלעכקייט און ערקלערט:

— דער בעזים איז געווען צעבראָכן, האָב איך אים געגעבן סאַמין, ער זאָל אים פאַריכטן.

אַננאַ האָט זיך נישט באַמיט אויפצווייזן דעם גראָבן ליגן, זי האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק, אַ קוק געטון אויף בייביס אַרבעט.

געמאַכט אירע באַמערקונגען און מיט דער גאַנצער רויקייט אַרויסגע־גאַנגען, אָבער ווי נאָר זי האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן נישט צו בלייבן שטיין אין קאָרידאָר און צוהערן (זי האָט זיך געפילט זייער דערנידעריקט, וואָס זי האָט אָנגעכאַפּט אָן אַזעלכע מיטלען, אָבער די שרעק האָט גובר געווען) — אַ קורצער אויסברוך פון געלעכטער, דערנאָך שעפּטשענדיקע רייד, וואָס זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, אָבער פון גרויס אויפרעגונג האָט זיך אַננאַן געדאַכט, אַז זי פאַרשטייט זיי יאָ. די שרעק האָט איר אונ־טערגעזאָגט ווערטער, פאַר וועלכע זי האָט מורא געהאַט. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זיי רעדן וועגן דער נאָענטער מאַסקאַראַדע און וועגן עפּעס אַ שפּיצל. בלי ספק: זיי האָבן געוואָלט איבערחזרן די געשיכטע מיטן אַש. וואַרשיינלעך האָט זי אַ טעות געהאַט, אָבער אין דעם צו־שטאַנד פון דער קרענקלעכער עגזאַלטאַציע, אין וועלכער זי האָט זיך שוין פון צוויי וואָכן געפונען, געפּענטעט פונם געדאַנק וועגן אַ בזיון, האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס אומזיכערע איז נישט נאָר אוממעגלעך, נאָר אַפילו זיכער.

אין דעם מאָמענט האָט זי אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס.

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט, — (עס איז געווען מיטוואָך ערב אַ תענית) — האָט מען גערופן ברוינען צו אַ קראַנקען אַ צוואַנציק קילאָמעטער פון שטאָט. ער האָט געקאָנט קומען צוריק ערשט אויף מאָרגן אינדערפרי. אַננאַ איז נישט אַראָפּגעגאַנגען אויף מיטאָג און איז געבליבן ביי זיך אין צימער. זי האָט אויסגעוועלט דידאָזיקע נאַכט צו דערפילן דעם שטומען באַשלוס, וואָס זי האָט אָנגענומען. אָבער זי האָט באַשלאָסן אויסצופירן עס אַליין נישט זאָגנדיק דערפון קריי־סטאָפן. זי האָט געהאַט צו אים אַ פאַראַכטונג. זי האָט געטראַכט:

— ער האָט עס צוגעזאָגט. אָבער ער איז אַ מאַן, ער איז עגאָ־איסטיש און פאַלש. ער האָט זיין קונסט און וועט שנעל פאַרגעסן.

און אפשר האָט נאָך אין דעם דאָזיקן האַסטיקן האַרץ, וואָס קיין שום גוטסקייט האָט, דאַכט זיך, צו אים קיין צוטריט נישט געהאַט, דאָך געפונען זיך אַ פּלאַץ פאַר מיטלייד צו איר פריינד. אָבער זי

איז געווען צו האַרט און צו ליידנשאַפטלעך, כּדי זיך אין דעם מודה צו זיין.

בייבי האָט מודיע געווען קריסטאָפן, אַז די מאַדאַם ענטשולדיקט זיך, אַז זי פילט זיך נישט גוט און וויל זיך אויסרוען. קריסטאָף האָט אַלזאָ געגעסן אַליין אונטער דער השגחה פון בייבי, וואָס האָט אים פאַרמאַטערט מיט איר פלוידעריי, געוואָלט אַרויספירן אים אויף אַ שמועס און געוועדט וועגן אַננאַן מיט אַזאַ איבערגעטריבענער ליבשאַפט, אַז אַפילו קריסטאָף מיט זיין לייכטן צוטרוי צו מענטשן, האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרדאַכט. ער האָט גערעכנט אויסצונוצן דעם דאָזיקן אָוונט, כּדי סוף-כּל-סוף זיך אַדורכצורעדן מיט אַננאַן. אויך ער האָט נישט געקאָנט לענגער אָפּשלעפּן. ער האָט נישט פאַרגעסן די פאַרפליכטונג, וואָס זיי האָבן ביידע באַשלאָסן אין דעם באַגינען פון יענעם טרויעריקן טאָג. ער איז גרייט געווען עס צו דערפילן, אויב אַננאַ זאָל עס פון אים פאָדערן. אָבער ער האָט געזען דעם אומזין פון דעם דאָזיקן צווייפאַכן טויט, וואָס וואָלט גאָרנישט געענדערט, בעת דער סקאַנדאַל און דער ווייטיק וואָלטן געפאַלן אויף ברוינס קאָפּ. ער האָט געהאַלטן, אַז צום בעסטן וואָלט געווען איבערצורייסן אָדער אַרויסצופאָרן, אָדער, לפּחות, אויב ער וואָלט געווען בכּח, צו בלייבן מיט איר פון דער ווייטן. ער האָט געצווייפלט אין דעם נאָך דעם לעצטן נוצלאָזן פּרווו; אָבער ער האָט זיך געזאָגט, אַז אויב ער וועט עס מער נישט קאָנען אַריבערטראָגן, וועט ער נאָך שטענדיק האָבן צייט אַליין און אָן אַ שום טומל צו מאַכן דעם לעצטן שריט.

ער האָט געהאָפט, אַז באַלד נאָכן עסן וועט ער זיך קאָנען אַרויסרייסן אויף אַ ווײַלע און קאָנען אַרויפגיין אין אַננאַס צימער. אָבער בייבי איז אים נאָכגעגאַנגען אויף טריט און אויף שריט. שטענדיק פלעגט זי פרי ענדיקן איר אַרבעט, נאָר יענעם אָוונט האָט זי נישט געקאָנט פאַרטיק ווערן מיטן וואַשן די כּלים, און ווען קריסטאָפן האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז שוין פּטור פון איר, איז איר איינגעפאַלן אין אָרדענונג צו ברענגען עפּעס אַ וואַנט-שאַנק אינם קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט אין אַננאַס צימער. קריסטאָף האָט געזען, ווי זי זיצט זיך ברייטלעך אויף אַ בענקעלע, און האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט שוין דעם גאַנצן אָוונט נישט אַוועקגיין. ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן חשק אַרויסצווואַרפן זי צוזאַמען מיטן הויפן טעלער, נאָר ער האָט זיך באַהערשט און געבעטן גיין אַ קוק טון, וואָס עס מאַכט די

מאַדאַם און פרעגן, צי קען ער איר זאָגן אַ גוטע נאַכט. בייבי איז אַריין, באַלד צוריקגעקומען און געזאָגט מיט אַ בייזוויליקער פרייד, אַז די חשובע מאַדאַם פילט זיך בעסער, נאָר זי איז מיד און וויל קיינעם נישט זען. אויפגערעגט און נערוועיש האָט קריסטאָף געפרווט לייענען און נישט געקאָנט. ער איז אַוועק צוריק אין זיין צימער. בייבי האָט נאָכגעקוקט, ווען אין זיין צימער איז אויסגעגאַנגען דאָס ליכט, דערנאָך איז זי אַוועק מיטן באַשלוס צו וואַכן. מיט פאָרזיכטיקייט האָט זי אָפן געלאָזט די טיר, כדי צו הערן יעדן גערויש אין שטוב, צו איר אומגליק איז זי באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן, ווי-נאָר זי האָט זיך געלעגט אין בעט, און איר שלאָף איז געווען אַזוי פעסט, אַז נישט קיין דונער און אַפילו נישט איר אייגענע נייגעריקייט וואָלטן זי נישט אויפגעוועקט פאַר באַגינען. איר שלאָף איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען. זיין עכאָ האָט זיך געלאָזט הערן ביזן אונטערשטן שטאָק.

ווי-נאָר קריסטאָף האָט דערהערט די דאָזיקע באַקאַנטע קלאַנגען, איז ער אַוועק צו אַננאַן. ער האָט געמוזט מיט איר רעדן. אַן אומבאַשטימטע אומרו האָט אים געמאַטערט. ער איז צוגעקומען צו דער טיר און אַ דריק געטון דאָס הענטל. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן, ער האָט שטיל אָנגעקלאַפט — קיינער ענטפערט נישט. ער האָט צוגעדריקט זיין מויל צום שליסל-לאָך און געבעטן מיט אַ שטילער, אָבער צודרינגלעכער שטים — קיין שום באַוועגונג, קיין שום גערויש. הגם ער האָט געטראַכט, אַז אַננאַ שלאָפט, האָט אים דאָך באַהערשט אַ פחד, און ווען ער האָט נאָך אַלע באַמיאונגען גאָרנישט געהערט און ער האָט צוגעדריקט זיין פנים צו דער טיר, האָט אים אַ שלאָג געטון אַ ריח פון צימער אַרויס, ער האָט זיך איינגעבויגן און דערקענט: דאָס איז געווען דער ריח פון גאַז. זיין בלוט איז פאַרגליווערט געוואָרן. ער האָט אַ טרייסל געטון די טיר, שוין נישט טראַכטנדיק וועגן דעם, אַז ער קאָן אויפוועקן בייבין. די טיר האָט נישט נאָכגעגעבן... ער האָט פאַרשטאַנען. אַננאַ האָט געהאַט אין איר קליידער-צימער, וואָס איז געווען אין שכנות מיט איר שלאָפצימער, אַ קליין גאַז-אויוועלע, וועלכן זי האָט מן-הסתם געעפנט. מען האָט געמוזט אויפברעכן די טיר. נישט געקוקט אויף זיין אויפרעגונג, איז נאָך קריסטאָף אויף אַזוי פייט געווען ביים קלאָרן זינען, אַז ער האָט מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט זיך אָפגעהיט נישט אויפצוּוועקן

בייבין. ער האָט שטיל, מיט אַלע כוחות אַ שפּאַר געטון איין טיר־פליגל. די פעסטע גוט־פאַרשלאָסענע טיר האָט אַ סקריפּע געטון מיט אירע זאַוויעסעס, נאָר נישט נאָכגעגעבן. אַ צווייטע טיר האָט פון אַננאַס צימער געפירט אין ברוינס צימער. ער איז אַהין געלאָפן. זי איז אויך געווען פאַרשלאָסן. דאָ איז אָבער דער שלאָס געווען פון דרויסן. ער האָט אים געפּרוווט אָפּרייסן, דאָס איז געווען נישט לייכט. ער האָט געמוזט אַרויסדרייען די פיר גרויסע שרויפן, וואָס האָבן געשטעקט אין האָלץ, ביי זיך האָט ער געהאַט נאָר זיין מעסער, און ער האָט גאָרנישט נישט געזען, ווייל ער האָט מורא געהאַט אָנצוצינדן אַ ליכט: ער וואָלט דערמיט אַרויסגערופן אַן עקספּלאָזיע פון דער גאַנצער דירה. טאַפּנדיק אין דער פינסטער, האָט זיך אים לסוף איינגעגעבן אַריינצושטעקן דעם מעסער אין אַ שרויף, דערנאָך אין אַ צווייטער, אָבער דערביי האָט ער צעבראָכן דעם קלונג און זיך איינגעשניטן די האַנט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די שרויפן זענען טייוואָניש לאַנג און אַז ער וועט זיי מסתמא קיינמאָל נישט אַרויסדרייען. און בעת ער האָט געאַרבעט אין פיבערדיקער איילעניש און זיין קערפּער איז באַדעקט געוואָרן מיט אייז־קאַלטן שווייס, איז בעת-מעשה געקומען אויפן זינען זיין קינדהייט: ער האָט זיך דערזען אַלס צען־יעריק יינגל, וועלכן מען האָט פאַרשלאָסן, אַלס שטראָף, אין אַ פינסטערן קאַמער. ער האָט דעמאָלט אָפּגעריסן דעם שלאָס און אַנטלאָפן פון שטוב... די לעצטע שרויף האָט נאָכגעגעבן, דער שלאָס איז לויז געוואָרן פון דעם געשפּאָלטענעם האָלץ, קריסטאָף איז אַריינגעלאָפן אין צימער, צוגעלאָפן צום פענסטער און עס געעפנט. אַ שטראָם קאַלטע לופט איז אַריין אין צימער. קריסטאָף, וואָס האָט זיך אין דער פינסטער אָנגעשטויסן אָן דעם מעבל, האָט געפונען דאָס בעט און טאַפּנדיק אין דער פינסטער, אָנגעטראָפן אַננאַס קערפּער. פירנדיק מיט זיין האַנט, האָט ער דורך דער דעקע דערפילט אירע אומבאַוועגלעכע פיס און לסוף זיך איבערצייגט, אַז אַננאַ זיצט אויפן בעט און ציטערט. זי האָט נאָך נישט באַוויזן צו פילן די ערשטע ווירקונג פון דערשטיקונג: דאָס צימער איז געווען הויך. די לופט איז אַריין דורך די שלעכט פאַרשלאָסענע פענסטער און טיר-שפּאַלטן. קריסטאָף האָט זי גענומען אין די אָרעמס. זי האָט זיך מיט צאָרן אַרויסגעריסן און געשריגן:

— טראָגט זיך אָפּ! אַך, וואָס האָט איר געטון?

זי האָט אויפגעהויבן די הענט און געוואָלט אים שלאָגן. אָבער די אויפרעגונג האָט גובר געווען: זי איז געפאַלן אויפן קישן און געכליפּעט.

— אָ! אָ! איצט מוז מען אַלץ אָנהויבן פון אָנהויב.

קריסטאָף האָט אָנגענומען אירע הענט, געקושט זי, געבייזערט זיך אויף איר, געזאָגט איר צערטלעכע און האַרטע ווערטער.

— שטאַרבן! און אַליין, אָן מיר!

— אַך דו! — האָט זי מיט פאַרביטערונג געזאָגט.

איר טאָן האָט דייטלעך געזאָגט:

— דו ווילסט דאָך לעבן.

ער איז געוואָרן אויפגעבראַכט און געוואָלט צווינגען איר ווילן.

— אומגליקלעכע! — האָט ער געזאָגט, — ווייסטו דען נישט, אַז דו וואָלסט געקאָנט חרוב מאַכן דאָס גאַנצע הויז?

— דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט, — האָט זי אים פאַרביסן געענטפערט.

ער האָט געפּרוווט וועקן אין איר די רעליגיעזע דאגות: דער־מיט האָט ער געטראָפן אין פּינטל. קוים האָט ער דאָס באַרירט, האָט זי גענומען שרייען און אים געבעטן, ער זאָל שווייגן. ער האָט ווייטער גערעדט אומברחמנותדיק, ווייל ער האָט געטראַכט, אַז דאָס איז דאָס איינציקע מיטל צו דערוועקן אין איר ווידער דעם ווילן צו לעבן. זי האָט מער גאָרנישט גערעדט און האָט קאָנוולסיוו גע־שלוקערצט. ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי אים געזאָגט מיט אַ טאָן פון שטאַרקן האַס:

— ביסטו איצט צופרידן? האָסט דערגרייכט דיין ציל? דו האָסט מיך פולשטענדיק דערדריקט. און וואָס זאָל איך איצט טון?

— לעבן!

— לעבן—האָט זי אויסגעשריגן.— צי ווייסטו אָבער נישט, אַז דאָס איז אוממעגלעך? דו ווייסט גאָרנישט, דו ווייסט גאָרנישט.

ער האָט געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

זי האָט געהויבן מיט די אַקסלען:

—הער!

זי האָט אים בקצור דערציילט אין אָפּגעריסענע זאַצן, וואָס זי האָט אים ביז איצט פאַרשוויגן: וועגן בייביס שפּיאָנאַזש, וועגן דעם

אַש, די סצענע מיט סאַמין, וועגן קאַרנאַוואַל און דעם גרויסן בזיון, דערציילנדיק, האָט זי נישט אונטערגעשיידט צווישן דעם, וואָס די שרעק האָט איר אונטערגעזאָגט און צווישן דערווירקלעכקייט. ער האָט זיך צוגעהערט דערשראָקן און איז נאָך ווייניקער בכּוח געווען אונטערצושיידן די ווירקלעכע געפאַר פון דער איינגערעדטער. עס איז אים ווייט נישט איינגעפאַלן, אַז מען זאָל זי נאָכיאָגן, ער האָט עס געוואָלט פאַרשטיין און נישט געקאָנט אויסרעדן קיין וואָרט. קעגן אַזעלכע שונאים איז ער געווען מאַכטלאָז. ער האָט נאָר געפילט אַ בלינדן צאָרן און אַ חשק צו שלאָגן. ער האָט געזאָגט:

— פאַרוואָס האָסטו נישט אַרויסגעטריבן בייבין?

זי האָט געהאַלטן פאַר איבעריק צו ענטפערן. די אַרויסגעטריי־בענע בייבי וואָלט נאָך געווען געפערלעכער, ווי די טאָלערירטע, און קריסטאָף האָט פאַרשטאַנען דעם אומזין פון דער פראַגע. זיינע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט. ער האָט געזוכט אַן אויסוועג, אַ דירעקטע האַנדלונג. מיט געבייַלטע פויסטן האָט ער געזאָגט:

— איך וועל זייביידן דערהרגענען.

— וועמען? — האָט זי געפרעגט, פול מיט פאַראַכטונג צו זייַ־נע נוצלאָזע ווערטער.

ער איז אַראָפּ פון די בּוחות. ער האָט זיך געפילט געפאַנגען אין דער נעץ פון דעם טונקעלן פאַראַט, וווּ אַלץ איז געווען אַזוי אומפאַרשטענדלעך און אַלע האָבן זיך פאַראייניקט קעגן זיי. ער האָט זיך געווערט.

— געמיינע! — האָט ער פאַרצווייפלט געשריגן.

ער איז געפאַלן אויף די קני פאַרן בעט און צוגעדרוקט זיין פּנים צו אַנאַס קערפּער. — זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט געפילט פאַראַכטונג און גלייכצייטיק מיטלייד צו דעם דאָזיקן מאַן, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרטיידיקן נישט זי און נישט זיך. מיט זיין באַק האָט ער געפילט, ווי אַנאַס פיס ציטערן פון קעלט. דאָס פענסטער איז געבליבן אָפן, און אין דרויסן איז געווען אַ פראָסט. מען האָט געזען, ווי עס ציטערן אויפן הימל די פאַרפרוירענע שטערן.

נאָך דעם, ווי זי האָט זיך אָנגעטרונקען מיט דער ביטערער פרייד צו זען אים צעבראָכן, ווי זי אַליין, האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ האַרטן און מידן טאָן:

צינדט אָן אַ ליכט.

ער האָט אָנגעצונדן, אַננאַ האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. זי איז געזעסן איינגעקאָרטשעט, צוגעדריקט די הענט צו דער ברוסט, מיט די קני אונטערן קין. ער האָט צוגעמאַכט דאָס פענסטער און געזעצט זיך אויפן בעט. ער האָט גענומען אַננאַס אייז־קאַלטע פּיס. געוואַרעמט זיי מיט זיין מויל, מיט זיינע הענט. דאָס האָט זי גערירט.

— קריסטאָף, — האָט זי געזאָגט.

אירע אויגן זענען געווען זייער טרויעריק.

— אַננאַ!

— וואָס וועלן מיר טון?

ער האָט זי אָנגעקוקט און געזאָגט:

— שטאַרבן.

זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון פרייד:

— אָ, דו ווילסט באמת? דו ווילסט אויך?... איך וועל נישט זיין אַליין.

זי האָט אים געקושט.

— האָסט געגלויבט, אַז איך וועל דיך פאַרלאָזן?

זי האָט שטיל געענטפערט:

— יאָ.

ער האָט געפילט, וויפיל זי האָט געמוזט ליידן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זי אָנגעפרעגט מיטן בליק.

זי האָט פאַרשטאַנען:

— אין שרייב־טיש, — האָט זי געזאָגט — רעכטס אין אונטערשטן שופלאָד.

ער האָט געזוכט. טיף פאַררוקט האָט ער דערזען ליגן אַ רעוואָלווער. ברוין האָט אים געקויפט נאָך אַלס סטודענט, ער האָט אים קיינמאָל נישט באַנוצט. אין אַ צעבראָכענעם שאַכטל האָט קריסטאָף געפונען אַ פּאָר קוילן, ער האָט עס צוגעבראַכט צום בעט. אַננאַ האָט אַ קוק געטון און אָפּגעווענדט די אויגן צו דער וואַנט. קריסטאָף האָט געוואַרט, דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטון:

— דו ווילסט נישט מער?

אַננאַ האָט זיך לעבעדיק אויסגעדרייט צו אים:

— איך וויל... שנעל!

זי האָט געטראַכט:

— קיין זאַך קאָן מיך שוין נישט ראַטעווען פון דעם אייביקן

תהום. אַ ביסל מער, אַ ביסל ווייניקער, עס איז אַלץ איינס.

קריסטאָף האָט אומגעשיקט אָנגעלאָדן דעם רעוואָלווער.

— אַננאַ! — האָט ער מיט אַ ציטעריקער שטים געזאָגט, — איי־נער פון אונז וועט מוזן קוקן אויפן צווייטנס טויט.

זי האָט אים אַרויסגעריסן דעם רעוואָלווער פון האַנט און גע־זאָגט מיט עגאָיזם:

— פריער איך.

זיי האָבן זיך נאָכאַמאָל איבערגעקוקט... אָך, אפילו אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן געוואָלט שטאַרבן איינער פאַרן צווייטן, האָבן זיי זיך געפילט אַזוי ווייט פון זיך!... יעדערער האָט געטראַכט מיט שרעק:

— וואָס טו איך? וואָס טו איך?

און יעדערער האָט געלייענט אין דעם צווייטנס אויגן: דער אומזין פון דער דאָזיקער האַנדלונג האָט דער עיקר געשראָקן קרי־סטאָפן. אומזיסט זיין גאַנץ לעבן, אומזיסט זיינע קאַמפן, אומזיסט זיינע ליידן, אומזיסט זיינע האָפנונגען. אַלץ גייט אונטער, גייט אַוועק מיטן ווינט. איין קליינע באַוועגונג קאָן אַלץ אויסלעשן... אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד וואָלט ער אַרויסגעריסן אַננאַן דעם רעוואָלווער פון האַנט, ער וואָלט אים אַרויסגעוואָרפן דורכן פענסטער און גע־שריגן:

— ניין, ניין! איך וויל נישט!

ו אָבער די אַכט מאָנאַטן פון יסורים, אַכט מאָנאַטן פון צווייפל און טריער און איבער אַלעמען — דער שטורם פון דער דאָזיקער וואַנזיניקער ליידנשאַפט, האָבן אונטערגעגראָבן זיינע כּוחות און גע־בראָכן זיין ווילן. ער האָט געפילט, אַז ער קאָן גאָרנישט העלפן, אַז ער הערשט נישט איבער זיך. אָך, צי איז עס נישט געווען סוף כּל סוף אַלץ איינס?

אַננאַ, וואָס איז געווען זיכער אין איר אייביקן טויט, האָט אָנגעשפאַנט איר גאַנץ ווזן, כּדי צו באַהערשן אָט די דאָזיקע לעצטע לעבנס מינוט. קריסטאָפס צעווייטיקט פּנים, וואָס איז געווען באַלויכטן פון דעם ברענענדיקן ליכט, די שאָטנס אויף דער וואַנט, אַ גערויש פון טריט אויף דער גאַס, די באַרירונג פון שטאָל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט... אָן די דאָזיקע איינדרוקן האָט זי זיך אָנגעקלאַמערט, ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך. דערנאָך איז געקומען

דער גרויל. פאַרוואָס נישט אָפּשלעפּן אַ ביסל דאָס וואַרטן? אָבער זי האָט זיך כסדר איבערגעחזרט:

— עס מוז געשען...

זי האָט געזאָגט קריסטאָפן אָן שום צערטלעכקייט אַ זיי-געזונט,

ש דער איילעניש פון אַ מענטשן, וואָס פאָרט אַוועק און האָט מורא נישט צו פאַרשפּעטיקן דעם צוג. זי האָט געעפנט איר העמד, אָנגעטאַפּט דאָס האַרץ און צוגעדריקט דעם רעוואָלווער. קריסטאָף האָט פאַר איר געקניט און פאַרבאָרגן דאָס פּנים אין דער דעק. אינם מאָמענט, ווען זי האָט אַ דרוק געטון, האָט זי געלעגט איר לינקע האַנט אויף קריסטאָפס מיט דער באַוועגונג פון אַ קינד, וואָס האָט מורא צוגיין אַליין ביינאַכט...

אָט אַזוי זענען אַריבער עטלעכע שרעקלעכע רגעס... אַננאַ האָט נישט געשאָסן. קריסטאָף האָט געוואָלט אויפהייבן דעם קאָפּ, געוואָלט איר אָנכאַפּן פאַר דער האַנט און מורא געהאַט, אַז גראָד די באַוועגונג קאָן זי טרייבן אויסצושיסן. ער האָט מער גאָרנישט געהערט. ער האָט פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין... אַננאַס אַ קרעכץ האָט אים אַ שניט געטון אין האַרצן און ער האָט דערזען אַננאַס פּנים פאַרענדערט פון שרעק. דער רעוואָלווער איז אַרויסגעפאַלן פאַר איר אויפן בעט. זי האָט איבערגעחזרט קלאָגנדיק:

— קריסטאָף, דער רעוואָלווער האָט נישט אויסגעשאָסן!...

ער האָט גענומען דאָס געווער אין האַנט. אין משך פון דער לאַנגער צייט, וואָס ער איז געלעגן, איז ער געוואָרן פאַרזשאַווערט. אָבער ער איז נאָך געווען גוט. אפשר האָט די לופט קאַליע געמאַכט די קוילן. — אַננאַ האָט אויסגעצויגן די האַנט נאָכן רעוואָלווער.

— הער אויף! — האָט ער זיך געבעטן.

זי האָט באַפוילן:

— די קוילן!

ער האָט זיי איר דערלאַנגט. זי האָט זיי באַטראַכט, אויסגעקליבן איינע, אָנגעלאָדן, ציטערנדיק בשעת־מעשה, צוגעשטעלט דאָס געווער צו איר ברוסט און ווידער אַ דריק געטון. — אָבער אויך דער שאָס איז געווען אַן אומזיסטער.

אַננאַ האָט אַ וואָרף געטון דעם רעוואָלווער.

— אָך, דאָס איז צו שרעקלעך! צו שרעקלעך! — האָט זי געשריגן. — ער וויל נישט, איך זאָל שטאַרבן.

זי האָט זיך געוואָרפן אויף איר בעט. זי איז געווען, ווי משוגע, ער האָט געוואָלט צוגיין צו איר, נאָר זי האָט אים מיט אַ געשריי אָפּגעשטויסן צוריק. לסוף האָט זי באַקומען אַ נערוון־אָנפאַל. קריסטאָף איז געבליבן ביי איר ביז אינדערפרי. לסוף האָט זי זיך באַרויקט, אָבער זי איז געלעגן אָן אַן אָטעם-צוג מיט פאַרמאַכטע אויגן. איבער איר שטערן און באַקן־ביינער האָט זיך פאַרצויגן אַ בלייכע הויט, זי האָט אויסגעזען, ווי אַ טויטע.

קריסטאָף האָט פאַרלכט דאָס צעוואָרפענע בעט, אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער, אַריינגעזעצט צוריק דעם אַרויסגענומענעם שלאָס, געבראַכט אין אָרדנונג דאָס גאַנצע צימער און אַרויסגעגאַנגען, ווייל עס איז שוין געווען זיבן אַ זייגער, און בייבי האָט געדאַרפט אָנקומען.

ווען ברוין איז צומאָרגנס אינדערפרי צוריק געקומען אהיים, האָט ער געפונען אַננאַן אין דעם זעלבן צושטאַנד פון פולשטענדיקער אָפּגעשוואַכטקייט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'האָט געמוזט געשען עפּעס באַזונדערס, אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט דערגיין, נישט פון בייבין, נישט פון קריסטאָפן. דעם גאַנצן טאָג האָט זיך אַננט נישט גערירט, זי האָט אַפילו די אויגן נישט אויפגעמאַכט. איר פולס איז געווען אַזוי שוואַך, אַז מען האָט אים קוים געפילט. ער איז כסדר געבליבן שטיין, און ברוין האָט אַלע ווײַלע מיט שרעק גע־טראַכט, אַז אָט־אָט הערט אויף איר האַרץ צו קלאַפן. זיין געפיל האָט ביי אים צוגענומען דעם גלויבן אין זיין קונסט, און ער איז געלאָפן און געבראַכט אַ קאָלעגע. ביידע מענער האָבן אַננאַן באַטראַכט און האָבן נישט געקאָנט פעסטשטעלן, צי איז עס אַן אָנהויב פון אַ פיבער אָדער אַ היסטערישע נערוון־קראַנקהייט. מען האָט געמוזט ווייטער אָבסערווירן די קראַנקע. ברוין איז נישט אָפּגעטרעטן פון אַננאַס געלעגער. ער האָט נישט געוואָלט עסן. אין אָוונט האָט אַננאַ קיין היץ נישט געהאַט, נאָר זי איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט. ברוין האָט איר געוואָלט אַריינגיסן אַ פּאָר לעפעלעך מילך, נאָר זי האָט עס אָפּגעגעבן צוריק. זי איז געלעגן אין איר מאַנס אָרעמס, ווי אַ

צעבראָכענע ליאַלקע. ברוין האָט די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט, זיצנדיק נעבן איר, און איז אַלע ווײַלע אויפגעשטאַנען און זיך צוגעהערט. בייבי, וואָס אַננאַס קראַנקהייט האָט זי לחלוטין נישט גערירט, האָט אָבער געהאַלטן פאַר איר חוב נישט צו גיין שלאָפן און צו וואַכן צוזאַמען מיט ברוינען.

ערשט פרייטיק האָט אַננאַ געעפנט די אויגן. ברוין האָט צו איר גערעדט, נאָר זי האָט ווי נישט באַמערקט זיין געגנוואַרט. זי איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך און געגלאָצט צו דער וואַנט. בייטאָג האָט ברוין געזען, ווי גרויסע טרערן רינען איבער אירע מאָגערע באַקן. ער האָט זיי צאַרט אָפּגעווישט, אָבער די טרערן האָבן ווייטער טראָפּנווייז גערונען. ברוין האָט ווידער געפּרוווט געבן איר עפּעס עסן. זי האָט נאָכגעגעבן. אין אָוונט האָט זי גענומען רעדן: דאָס זענען געווען ווערטער אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג. זי האָט גערעדט וועגן דעם רהיין. זי האָט זיך געוואָלט דערטרינקען, נאָר ס'איז געווען צו ווייניק וואַסער. אין שלאָף האָט זי עקשנותדיק איבערגעחזרט די פּרוּוון צו באַגיין זעלבסטמאָרד און האָט אויסגעטראַכט אַלץ נייע, משונהדיקע אופנים פון טויט. אָבער דער טויט האָט זיך איר כסדר אַרויסגעגליטשט. טיילמאָל האָט זי זיך מיט עמעצן געקריגט. איר פּנים האָט דעמאָלט באַקומען אַן אויסדרוק פון צאָרן און שרעק. זי האָט זיך געווענדעט צו גאָט און געוואָלט אים אויפווייזן, אַז ער איז שולדיק. טיילמאָל האָט זיך אָנגעצונדן אַ פלאַם פון באַגער אין אירע אויגן, און זי האָט גערעדט אומפאַרשעמטע ווערטער, וואָס זי האָט אייגנטלעך נישט פאַרשטאַנען. איינמאָל האָט זי באַמערקט בייבין און האָט איר געגעבן גענויע אָנווייזונגען, ווי דורכצופירן די מאָרגנדיקע וועש. בײַנאַכט איז זי אַנטדרימלט געוואָרן. פּלוצלינג האָט זי זיך אויפגעהויבן. ברוין איז געקומען צולויפן. זי האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט און געשטאַמלט אומגעדולדיקע און אומקלאָרע ווערטער:

— וואָס ווילסטו, טייערע אַננאַ?

זי האָט שאַרף געענטפערט:

— ברענג אים אַהער.

— וועמען? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיטן זעלבן אויסדרוק. פּלוצלינג האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער, אַ וויש געטון מיט די הענט איבערן שטערן און גענומען קרעכצן:

— אַך, גאָט מייַנער! פאַרגעסן...

ס'האָט זי ווידער איינגענומען דער שלאָף, זי איז געבליבן רויק ביזן באַגינען, פאַרטאָג האָט זי זיך גענומען רירן. ברוין האָט איר אונטערגעהאַלטן דעם קאָפּ און געגעבן איר צו טרינקען. הכנעה־דיק האָט זי גענומען אַ פּאָר שלינגען, דערנאָך זיך איינגעבויגן צו ברוינס הענט און זיי געקושט, און זי איז ווידער איינגעשלאָפן.

שבת אין דער פרי האָט זי זיך אויפגעכאַפּט אַרום ניין אַזייגער, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָט זי געמאַכט אַ באַוועגונג אויפצו־שטיין, ברוין איז צוגעלאָפן און געפּרוּווט זי ווידער לעגן אין בעט. זי האָט זיך איינגעשפּאַרט. ער האָט זי געפרעגט, וואָס אַזוינס זי וויל טון. זי האָט געענטפערט:

— צו דער תפילה.

ער האָט געפּרוּווט איר געבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז נישט זונטיק און אַז די קירכע איז פאַרשלאָסן, זי האָט געשוויגן, נאָר גע־זעצט זיך אויף אַ שטול בײַם בעט און גענומען זיך אָנטון מיט צי־טעריקע פינגער. עס איז אַרייַנגעקומען דער דאָקטאָר, ברוינס פריינט ער האָט זי אויך גענומען בעטן, זי זאָל בלייבן. נאָר ווען ער האָט געזען, אַז זי וועט נישט נאָכגעבן, האָט ער זי נאָכאַמאָל באַטראַכט און לסוף געגעבן זיין הסכמה. ער האָט אַוועקגענומען ברוינען אין אַ זייט און געזאָגט, אַז זיין פרויס קראַנקהייט איז פון ריין־גייסטיקער נאַ־טור, אַז מען דאַרף איר דערווייל נישט ון צו להכעיס, אַז ס'איז נישט קיין געפאַר פאַר איר אַרויסצוגיין מיטן תנאי, אַז ברוין זאָל זי באַגלייטן. ברוין האָט געזאָגט אַננאַן, אַז ער וועט מיט איר גיין. זי האָט נישט געוואָלט און גענומען גיין אַליין. אָבער שוין ביי די ערשטע טריט האָט זי זיך אַ וואַקל געטון אויף די פיס. נישט רעדנ־דיק קיין וואָרט האָט זי גענומען ברוינען אונטערן אָרעם און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען. זי איז געווען זייער שוואַך און זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט. ער האָט זי עטלעכע מאָל געפרעגט, צי וויל זי זיך נישט אומקערן אַ היים, נאָר זי איז געגאַנגען ווייטער. אין דער קירכע האָבן זיי געטראָפן די טיר פאַרשלאָסן, ווי ער האָט געזאָגט. אַננאַ האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק ביים אַריינגאַנג און געבליבן זיצן ציטערנ־דיק, ביז דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף. דעמאָלט האָט זי ווידער גענומען ברוינען אונטער דער האַנט, און זיי זענען שווייגנדיק גע־גאַנגען אַ היים. אין אָוונט אָבער האָט זי ווידער געוואָלט גיין אין

דער קירכע. ברוינס בקשות זענען געווען אומזיסט. מען האָט זי ווידער געמוזט אַוועקפירן.

קריסטאָף האָט איינזאַם פאַרבראַכט די צוויי טעג. ברוין איז געווען צופיל פאַרדאגהט, צו טראַכטן וועגן אים. איינאונאיינציק מאָל, שבת אין דער פרי, ווען ברוין האָט געוואָלט אָפרעדן אַנגאַן פון איר ווילן אַרויסצוגיין, האָט ער זי געפרעגט, צי זי וויל זען קריסטאָפן, זי האָט באַקומען אַן אויסדרוק פון אַזאַ עקל און שרעק, אַז ער איז דערשטוינט געוואָרן. ער האָט מער נישט דערמאָנט קריסטאָפס נאָמען.

קריסטאָף האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין צימער. דאגות, ליבע און געוויסנסביסן האָבן זיך צונויפגעמישט אין אַ כאַאָס, וואָס האָט אים שרעקלעך געפייניקט. ער האָט זיך אַליין אין אַלעמען בעשולדיקט. ס׳האָט אים געמאַטערט אַן עקל צו זיך אַליין. עטלעכע מאָל איז ער אויפגעשטאַנען און געוואָלט גיין זיך אין אַלץ מודה צו זיין ברוינען, — עס האָט אים אָבער אָפגעהאַלטן דער געדאַנק, אַז זיין דערקלערונג וועט נאָך מער פאַרגרעסערן דאָס אומגליק. גלייכצייטיק האָט אים געמאַטערט די ליידנשאַפט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין קאָרידאָר פאַר אַנגאַס צימער, נאָר ווען ער האָט דערהערט, אַז פון דאָרטן דערנעענטערן זיך טריט, איז ער אַנטלאָפן צו זיך.

ווען ברוין און אַנגאַ זענען נאָכמיטאָג אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זי נאָכגעקוקט פון הינטערן פענסטער־פאָרהאַנג. ער האָט דערזען אַנגאַן. זי, וואָס איז שטענדיק געגאַנגען אַזוי גלייך און שטאָלץ, האָט איצט געהאַט אַן אויסגעקרומטן רוקן, אַ געבויגענעם קאָפּ און אַ געלע הויט. זי איז געווען געעלטערט און איז פאַרפאַלן געוואָרן אין דעם מאַנטל און שאַל, מיט וועלכן איר מאַן האָט זי אַרומגעהילט. זי איז געווען מיאוס. אָבער קריסטאָף האָט נישט געזען איר מיאוסקייט, נאָר איר עלנט, און זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט מיטלייד און ליבע. ער האָט געוואָלט צו איר לויפן, וואַרפן זיך פאַר איר אויף דער ערד, קושן אירע פיס און איר קערפּער, וואָס איז חרוב געוואָרן פון ליידנשאַפט, בעטן ביי איר פאַרגעבונג; און קוקנדיק אויף איר האָט ער געטראַכט:

— דאָס איז מיין אַרבעט!

אָבער זיין בליק האָט אָנגעטראָפן אין שפיגל זיין אייגענעם פנים, ער האָט דערזען אין זיינע אייגענע אויגן און שטריכן דעם

זעלבן חורבן. ער האָט געריזען אויף זיין פּנים דעם זיגל פון טויט, און ער האָט געטראַכט:

— מיין אַרבעט? ניין. די אַרבעט פונם גרויזאַמען הער, וואָס טרייבט צו שגעון און דערהרגעט.

דאָס הויז איז געווען פּוסט. בייבי איז אַרויסגעגאַנגען, כּדי צו דערציילן די שכנים די נייעס פון טאָג. די צייט איז געלאָפן. דער זייגער האָט געשלאָגן פינף. קריסטאָפן האָט באַהערשט אַ שרעק ביים געדאַנק וועגן אַנגאַן און דער אָנקומענדיקער נאַכט. ער האָט געפילט, אַז ער וועט קיין כּוח נישט האָבן זיך בלייבן מיט איר אַ גאַנצע נאַכט אונטער איין דאַך, ער האָט געפילט, אַז דער פאַרשטאַנד ווערט אים פאַרנעפּלט פון ליידנשאַפט. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער וועט טון, און נישט געוווּסט, וואָס ער וויל. ער האָט געוואָלט פאַר יעדן פּרייז באַזיצן אַנגאַן. ער האָט געטראַכט וועגן דער עלנטער געשטאַלט, וואָס איז אַדורכגעגאַנגען פאַרביי זיין פענסטער און האָט צו זיך געזאָגט:

— איך מוז זי ראַטעווען פון מיינע הענט.

זיין ווילנסקראַפט האָט ווידער דערוואַכט, ער האָט צונויפגע־קליבן די פּאַפּירן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן טיש, אַרומגע־בונדן זיי, גענומען זיין הוט און זיין מאַנטל און איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, נאָענט צו אַנגאַס טיר, האָט ער פון שרעק צוגעאײַלט די טריט. אונטן האָט ער אַ וואָרף געטון זיין לעצטן בליק אויף פּוסטן גאָרטן. ער איז אַנטלאָפן, ווי אַ גנב. אַן אייזיקער נעפּל האָט ווי מיט נאָדלען געשטאָכן זיין הויט. ער איז פאַרבייגעגאַנגען די ווענט פונם הויז אין איין שרעק, טאָמער טרעפט ער אַ באַקאַנטן פּנים. ער איז געגאַנגען צום וואָקזאַל. דאָרט איז ער אַריין אין אַ צוג, וואָס איז געפאָרן קיין לוצערן. פון דער ערשטער סטאַציע האָט ער געשריבן צו ברוינען. ער האָט אים מודיע געווען, אַז אַ וויכטיקער ענין רופט אים אַוועק אויף עטלעכע טעג און אַז ער איז אומגליק־לעך, וואָס ער מוז אים פאַרלאָזן אין אַזאַ מאָמענט. ער האָט אים געבעטן צו ענטפערן אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס. אין לוצערן איז ער אַריין אין דעם גאַדהאַרט. באַנאַכט איז ער אַראָפּ אויף אַ קליינער סטאַציע, צווישן אַלטדאָרף און געשענען. ער האָט נישט געקענט דעם נאָמען און אים קיינמאָל נישט געהערט. ער איז אַריין אין דעם ערשטן בעסטן האָטעל ביים וואָקזאַל. דער וועג איז געווען פול מיט

קאַלוזשעס. אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג האָט געגאָסן אַ שלאַקס-רעגן. מיטן רעש פֿון אַ וואַסערפֿאַל האָט דער רעגן געדונערט פֿון אַ געלעכערטער רינווע. הימל און ערד זענען געוואָרן פֿאַרפֿלייצט און פֿאַרטרונקען, ווי זיין געדאַנק. ער האָט זיך געלעגט אין פֿייכטן בעט, וואָס האָט געשמעקט מיט באַן-רויך. ער האָט נישט געקאָנט איינליגן. דער געדאַנק וועגן דער סכנה, אין וועלכער אַננאַ געפֿינט זיך, האָט אים נישט אויפֿגעהערט צו מאַטערן, און ער האָט פֿאַרגעסן וועגן זיינע אייגענע צרות. מען האָט געמוזט אָפּנאַרן די עפֿנטלעכע מיינונג און אַרויספֿירן אויף אַנדערע שפּורן. אין היץ איז אים איינגעפֿאַלן אַ מאָדנער געדאַנק: אָנצושרייבן אַ בריוו צו איינעם פֿון די מוזיקער, וואָס האָט געוווינט אין דעם שטעטל, צו קרעבסן דעם אָרגאַניסט, דעם אייגנטימער פֿון אַ צוקערניע. ער האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז אַ געוויסע ליבע, אַ האַרץ-אָנגעלעגנהייט, ציט אים קיין איטאַליען; אַז ער איז שוין געווען באַהערשט פֿון דער דאָזיקער ליידנשאַפֿט, ווען ער איז אָנגעקומען צו ברוינען, ער האָט זיך געפּרוווט דערפֿון באַפֿרייען, נאָר די ליידנשאַפֿט האָט אים גובר געווען, דאָס אַלץ איז געווען אויסגעדרוקט אויף אַזאַ אופֿן, אַז קרעבס האָט זיך געקאָנט אָנשטויסן, און בשעת מעשה אַזוי פֿאַרשלייערט, אַז יענער זאָל נאָך קאָנען אַליין עפּעס צוגעבן. קריסטאָף האָט געבעטן קרעבסן, ער זאָל עס האַלטן בסוד. ער האָט געוווסט, אַז דער גוטער מענטש האָט אַ טבע צו פּלוידערן, און ער האָט גערעכנט דערויף, אַז באַלד נאָכן באַקומען די דאָזיקע ידיעה, וועט ער צעפּויקן איבער דער גאַנצער שטאָט. כדי אָפּצוווענדן פֿון זיך יעדן חשד, האָט קריסטאָף געענדיקט דעם בריוו מיט אַ פּאָר קאַלטע ווערטער וועגן ברוינען און אַננאַס קראַנקהייט.

די דאָזיקע נאַכט און אויך דעם צווייטן טאָג איז ער געווען דורכגעדרונגען פֿון דער פֿיקס-אידעע: אַננאַ... אַננאַ... ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט מיט איר די לעצטע חדשים אַ טאָג נאָך אַ טאָג. ער האָט זי מער נישט געזען אַזוי, ווי זי איז געווען באמת. ער האָט זי אַרומגעהילט מיט עפּעס אַ ליידנשאַפֿטלעכע אילוזיע. ער האָט זי אָן אויפֿהער געפֿורעמט לויט זיין ווונטש. צוגעטראַכט אַ גייסטיקע גרויסקייט, אַ טראַגישן געוויסן, און וועלכע ער האָט זיך גענויטיקט, כדי זי נאָך מער ליב צו האָבן. די דאָזיקע ליגנס פֿון דער ליידנשאַפֿט זענען געוואָרן פֿאַר אים זיכערע פֿאַקטן, בפֿרט, ווען אַננאַס געגנוואַרט איז געווען פֿאַר אים אויסער יעדן ספֿק, ער האָט געזען אין איר אַ

געזונטע, פרייע אָבער אונטערדריקטע נאַטור, וואָס האָט זיך געבונטע־וועט קעגן אירע קייטן, געבענקט צו אַ לעבן פול מיט בייסטיקן ליכט, און אַ באַהערשטע פון שרעק, באַקעמפט זי אירע טרוימען, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן גורל און האָבן זיך שרעקלעך געמאַטערט. זי האָט צו אים געשריגן:

— ראַטעווע!

ער האָט ווידער געזען איר שיינעם קערפּער און האָט זי אַרומגענומען. די זכרונות האָבן אים געפּייניקט. ער האָט געפונען אַ מערדערישן תענוג אויפצורייסן די אייגענע וווּנדן. וואָס־שפּעטער עס איז געוואָרן, אַלץ שרעקלעכער איז געוואָרן פאַר אים דאָס געפיל, אַז ער האָט זי פאַרלוירן. ער האָט עס נישט געקאָנט אַריבערטראָגן.

נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, וואָס ער גייט טון, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַראָפּגעגאַנגען אונטן, באַצאָלט און איז מיטן ערשטן צוג געפאָרן צוריק אין אַנגאַס שטאָט. ער איז אָנגעקומען אין מיטן דער נאַכט און זיך געלאָזט גיין גלייך אַהיים. אַ מויער האָט אים אָפּגעטיילט פונם געסל, וואָס האָט זיך געפונען אין שכנות מיט ברוינס גאָרטן. קריסטאָף האָט אַריבערגעקלעטערט איבערן מויער, אַריינגעשפּרונגען אין אַ פרעמדן גאָרטן און פון דאָרט אין ברוינס גאָרטן אַריין. פאַרן הויז איז ער געבליבן שטיין. אומעטום איז געווען פינסטער, נאָר דער שימער פון אַ ליכט האָט געל באַפאַרבט איין פענסטער — אַנגאַס פענסטער. דאָרט איז געווען אַננאַ. דאָרט האָט זי געליטן. ער האָט געדאַרפט מאַכן נאָר איין טריט, כדי אַריינצוגיין. ער האָט שוין אויסגעשטרעקט די האַנט צום הענטל פון דער טיר. ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין האַנט, אויף דער טיר, אויפן גאָרטן און פלוצלינג איז אים קלאָר געוואָרן, וואָס ער האָט געטון. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פונם פיבער־חלום, וואָס האָט אים געהאַלטן געשפּאַנט אין משך פון זיבן אָדער אַכט שעה. ער האָט אַ ציטער געטון און מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג באַפרייט זיך פון דער מאַכט, וואָס האָט זיינע פיס צוגעשמידט צו דער ערד. ער איז צוגעלאָפן צום מויער, אַריבערגעקלעטערט און — אַנטלאָפן.

אין דער זעלבער נאַכט האָט ער צום צווייטן מאָל פאַרלאָזן די שטאָט. און צומאָרגנס איז ער געגאַנגען פאַרגראָבן זיך אין אַ דאָרף, אין די בערג, אונטערן שניי. — באַגראָבן זיין האַרץ, איינשלעפערן זיין געדאַנק, פאַרגעסן, פאַרגעסן....

— „E pero leva su, vinci l'ambascia
con l'animo che vince ogni battaglia,
se col suo grave corpo non s'accascia,

Leva'mi allor, mostrandomi fornito
meglio di lena ch'io non mi sentia;
e dissi: „Va, ch'io son forte ed ardito".

(Inf. XXIV)

שטיי-זשע אויף און באַהערש זיך מיט דער קראַפט פונם
גייסט,
וואָס דאַרף שטענדיק זיגן, אין יעדן קאַמף,
אויב עס דערשטיקט אים נישט דער שווערער גוף,

בין איך אויפגעשטאַנען און געמאַכט זיך, אַז כ'האָב מערער
גייסט אין זיך, ווי כ'האָב באמת אים געפילט,
און האָב געזאָגט: „לאָמיר גיין, כ'בין שטאַרק און מוטיק".
(דאַנטע, גהינום, ליד XXIV)

רבונו של עולם, וואָס האָב איך דיר אַזוינס געטון? פאַרוואָס דריקסטו מיך אַזוי צו דער ערד? פון קינדווייז אָן איז מיין גורל געווען עלנט און קאַמף. איך האָב געקעמפט אָן טענות. איך האָב ליב געהאַט מיין עלנט. איך האָב געפרוווט ריין צו האַלטן די נשמה, וואָס דו האָסט מיר געגעבן. ראַטעווען דאָס פייער, וואָס דו האָסט אין מיר אָנגעצונדן.... האַר, דו, דו אַליין מאַכסט חרוב דאָס, וואָס דו האָסט געשאַפן. דו האָסט דערשטיקט דאָס פייער, דו האָסט באַפלעקט די נשמה. דו האָסט מיר צוגענומען אַלץ, וואָס עס האָט מיר באַ-טראָפן מיין לעבן. איך האָב פאַרמאָגט צוויי איינציקע אוצרות אויף דער וועלט: מיין פריינט און מיין נשמה. איצט האָב איך גאָרנישט. דו האָסט מיר אַלץ צוגענומען. איין איינציק וועזן האָט געהערט צו

מיר אין דעם מדבר פון דער וועלט, האָסטו עס צוגענומען פון מיר. אונזערע הערצער זענען געווען איינס — דו האָסט זיי צעריסן. דו האָסט אונז געלאָזט דערקענען דעם תענוג צוזאַמענצוזיין, כּדי אונז נאָך שרעקלעכער צו לאָזן פילן, אַז מיר האָבן איינער דעם צווייטן פאַרלאָזן. דו האָסט אויסגעגראָבן אַ חלל אין מיר און אַרום מיר. איך בין געווען שוואַך, קראַנק, אָן ווילן, אָן געווער, ווי אַ קינד, וואָס ווייניקט אין דער נאַכט, דו האָסט אויסגעוועלט די דאָזיקע שעה, כּדי מיר אַ קלאַפּ צו טון. דו ביסט מיך מיט שטילע טריט באַפאַלן, ווי אַ פאַררעטער, פון הינטן און מיך אומגעבראַכט. דו האָסט אַרויסגעלאָזט אויף מיר דיין ווילדן הונט, די ליידנשאַפט. דו האָסט געוווּסט, אַז איך בין געווען אָן כּוחות און אַז כ'האָב נישט געקאָנט קעמפן. די ליידנשאַפט האָט מיך געוואָרפן צו דער ערד, מיך אויסגעשלאָגן, אַלץ באַפלעקט, חרוב געמאַכט. איך פיל עקל צו זיך אַליין. ווען איך וואָלט כאָטש געקאָנט אויסשרייען מיין שאַנד און מיין חרפה פאַר דער וועלט! אָדער פאַרגעסן אין דער שטראָמענדיקער קראַפט פון דער שאַפונג! אָבער מיין קראַפט איז געבראָכן, מיין שאַפונג אויסגעטרוקנט... איך בין אַ טויטער בוים... ווען איך זאָל קאָנען שטאַרבן! אָ, גאָט, לייז מיך אויס, צעברעך דעם דאָזיקן גוף און די דאָזיקע נשמה. רייס מיך אַרויס פון דער ערד. לאָז מיך נישט ראַנגלען זיך אין קבר, פאַרלענגער נישט מיין גסיסה ביז דער אומענדלעכקייט! איך בעט ביי דיר רחמים... דערהרגע מיך, דערשלאָג מיך ביזן סוף.

אָט אַזוי האָט קריסטאָפס ווייטיק גערופן צו אַ גאָט, אין וועלכן זיין שכל האָט נישט געגלויבט.

ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַן איינזאַם דערפל אין דער שווייצאַרישער יוראַ. דאָס הויז, וואָס איז געשטאַנען ביים ראַנד פון אַ וואַלד, איז געווען פאַרבאָרגן אין דעם שפּוע פון אַ הויך בערגל. צעכוואַליעטע בערגעלעך האָבן עס פאַרשטעלט פון די צפון-ווינטן. פאָרויס זענען געלעגן לאָנקעס אין טיפע באַוועלדערטע אָפּהאַנגען. די פעלזן האָבן זיך פלוצלינג איבערגעריסן און האָבן זיך משופּעדיק אַראָפּגעלאָזט. איינגעקאָרטשעטע יאָדלעס האָבן זיך אָנגעקלאַמערט אָן

די ברעגעס. ברייט-אַקסלדיקע בוקן האָבן זיך געבוינן אויף הינטן. דער הימל איז געווען אויסגעלאָשן. דאָס לעבן איז פאַרשוווּנדן. אַ טויטער שטח מיט פאַרווישטע ליניעס.

אַלץ איז געשלאָפן אונטערן שניי. נאָר די פוקסן האָבן ביינאַכט געבילט אין וואַלד. עס איז געווען סוף ווינטער. אַ שפּעטער ווינטער, אָן אַ סוף. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך שוין געהאַלטן ביים ענדיקן, האָט ער זיך ווידער אָנגעהויבן פון ס׳ניי.

דאָך האָט די אַלטע פאַרגליווערטע ערד זינט אַ וואָך צייט דערפילט, אַז איר האַרץ דערוועקט זיך ווידער. אַן ערשטער אילוזיע-פרילינג האָט דורכגענומען די לופט און די פאַרגליווערטע ערד. פון די בוקן-צווייגן, ווי שוועבנדיקע פליגל אויסגעשפּאַנט אין דער לופטן, האָט טראָפּנווייז גערונען דער שניי. פון אונטערן ווייסן מאַנטל, וואָס האָט באַדעקט די פעלדער, האָבן שוין אַרויסגעקוקט עטלעכע צאַרטגרינע גראָז-שטענגלעך. אַרום זייערע דינע שפּיצן האָט געאָטעמט די נייכטע שוואַרצע ערד דורך די שניי-לעכער, ווי דורך קליינע מיילעכלעך; אַ פּאָר שעה אין טאָג האָבן ווידער געמורמלט די שטימען פונ׳ם וואַסער, וואָס איז געווען פאַרפרוירן. אינם סקעלעט פון די ביימער האָבן עטלעכע פייגל געפּייפט ריינע קלינגענדיקע לידער.

קריסטאָף האָט דאָס אַלץ נישט געזען. עס איז אים געווען אַלץ איינס. ער איז אָן אויפהער אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק איבער זיין צימער אָדער כּסדר געוואַנדערט אין דרויסן. ס׳איז געווען אוממעגלעך צו בלייבן רויק. זיין נשמה איז געפּלאָגט געוואָרן פון אינערלעכע דעמאָנען, וואָס האָבן זיך איינער מיטן צווייטן געריסן. די דערשטיקטע ליידנשאַפט האָט זיך ווייטער האַסטיק צעקלאַפּט אין די ווענט פון דעם הויז. דער עקל צו דער ליידנשאַפט איז געווען נישט וויניקער פאַרביסן. זיי האָבן זיך ביידע אַריינגעביסן איינער דעם צווייטן אין האַלז אַריין און פאַרווּנדעט דאָס האַרץ אין זייער קאַמף. גליייכצייטיק האָט אָליוויערס זכר געמאָנט זיינע רעכט, די פאַרצווייפלונג נאָך זיין טויט, דעם ברענענדיקן פאַרלאַנג עפּעס צו שאַפן, אַ פאַרלאַנג, וואָס איז נישט באַפרידיקט געוואָרן, דעם שטאָלץ, וואָס האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם תּהום פון נישט-זיין. אַלע שדים האָבן אים געפּענטעט. קיין איין רגע פון רו. און ווען עס איז יאָ געקומען אַ מינוט פון כּלומרשטער רו, ווען די צעבונטעוועטע כוואַליעס זענען אַראָפּגעזונקען אויף אַ רגע, — האָט ער מער נישט געפונען זיין איך:

זיין געדאַנק, זיין ליבע, זיין ווילן. אַלץ איז הרוב געוואָרן.
שאַפן! דאָס איז געווען די איינציקע ישועה. וואַרפן די שיריים פון זיין לעבן צום שטראָם! שווימענדיק, זיך ראַטעווען צום חלום פון דער קונסט!... שאַפן! ער האָט עס געוואָלט... אָבער נישט געקאָנט.

קריסטאָף האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אַרבעטס-מעטאָד, ווען ער איז געווען שטאַרק און געזונט, איז ער געווען גיכער פאַרפלייצט פון דער שפע, ווי פון מאַנגל פאַרדאגהט. ער איז נאָכגעגאַנגען זיינע קאַפּריזן, געאַרבעט ווי עס איז אים איינגעפאַלן, ווי די צופעליקע אומשטענדן האָבן אים דערלויבט, אָן שום פעסטע כּללים. אייגנטלעך, האָט ער געאַרבעט אומעטום. אין יעדן אויגנבליק, זיין מוח איז אָן אויפהער געווען פאַרנומען. אָליוויער, וואָס איז געווען וויניקער רייך און דערפאַר מיושבדיקער, האָט אים טיילמאָל געוואָרנט:

— גיב אַכטונג, דו פאַרלאָזסט זיך צופיל אויף דיין כּוח. ער איז אַ באַרג־שטראָם. היינט רייך אין וואַסער, מאָרגן אפשר אויסגעטרוקנט. אַ קינסטלער מוז באַהערשן זיין טאַלענט. נישט לאָזן זיך אים צעשפּליטערן. פאַס-איין דיין קראַפט. צווינג זיך צו געוווינהייט, צו דער היגיענע פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, צו אַ בעשטימטער שעה. זי איז פונקט אַזוי נייטיק פאַרן קינסטלער, ווי די געוווינהייט צו מיליטערישע באַוועגונגען און שריט ביי אַ מענטשן, וואָס דאַרף גיין אין מלחמה. עס קאָנען קומען קריטישע מאָמענטן (און זיי קומען שטענדיק), ווען דער דאָזיקער אייזערנער פאַנצער לאָזט נישט פאַלן דער נשמה. איך ווייס עס זייער גוט. אויב איך בין נישט געשטאָרבן, האָט נאָר דאָס מיך געראַטעוועט.

אָבער קריסטאָף האָט געלאַכט און געזאָגט:

— דאָס איז גוט פאַר דיר, מיין טייערער! ביי מיר איז נישטאָ קיין שום געפאַר, אַז איך זאָל ווען־עס־איז פאַרלירן דעם חשק צו לעבן. איך האָב אַ צו־געזונטן אַפּעטיט.

אָליוויער האָט געהויבן מיט די אַקסלען:

— די שפע איז טיילמאָל אַ מאַנגל. די אַלע צו־געזונטע מענטשן קרענקען צום ערגסטן.

איצט איז מקוים געוואָרן אָליוויערס וואָרט, נאָכן טויט פון זיין פריינט, איז דער קוואַל פון דעם אינערלעכן לעבן נישט געוואָרן

באַלד אויסגעטריקנט, נאָר מאָדנע נישט רעגלמעסיק. ער האָט פּלוצ־
לינג אַ שטראָם געטון, אָבער באַלד אויפגעהערט און פאַרלוירן גע־
וואָרן אונטער דער ערד. קריסטאָף האָט דערויף קיין אַכט נישט
געלייגט. וואָס איז עס אים אָנגעגאַנגען? זיין ווייטיק און די דער־
וואַכנדיקע ליידנשאַפט האָבן אינגאַנצן באַהערשט זיין געדאַנק. —
אָבער ווען דער שטורעם איז אַריבער, און ער האָט ווידער געזוכט
דעם קוואַל, כדי פון אים צו טרינקען, האָט ער אים מער נישט
געפונען. אַ מדבר, אָן אַ ביסל וואַסער. די נשמה איז געווען אויס-
געטרוקנט. אומזיסט האָט ער געגראָבן אין זאַמד, כדי עס זאָל אַרויס־
שפּריצן פון די אונטערערדישע שיכטן דער קוואַל. אומזיסט האָט
ער געוואָלט פאַר יעדן פּרייז שאַפן. די גייסטיקע מאַשין האָט זיך
אָפּגעזאָגט צו פאָלגן, ער האָט נישט געקאָנט רופן צו הילף די גע־
וווינהייט, — אָט די טרייע פריינדין, וואָס אַפילו ווען יעדערער לעבנס־
צוועק פאַרשווינדט, בלייבט זי עקשנותדיק מיט אונז — זאָגט נישט
קיין וואָרט, מאַכט נישט קיין באַוועגונג און פירט אונז מיט אומבאַ-
וועגלעכע אויגן און ליפן, אָבער מיט אַ זייער זיכערער האַנט, וואָס
טוט קיינמאָל נישט קיין ציטער, דורכן געפערלעכן דורכגאַנג, ביז
עס גייען ווידער אויף דער באַגינען און דער חשק צו לעבן. קרי־
סטאָף איז געווען אומבאַהאָלפן, און זיין האַנט האָט נישט באַגעגנט
קיין צווייטע האַנט אין דער נאַכט. ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט
צוריקקערן צום באַגינען. דאָס איז געווען דער שווערסטער נסיון. ער
האָט געפילט, אַז אָט גייט ער פון זינען אַראָפּ. טיילמאָל איז פאָר-
געקומען אין אים אַן אומזיניקער, משונהדיקער גראַנגל קעגן זיין
מוח, טיילמאָל איז ער באַהערשט געוואָרן פון אַ מאַניע, למשל, פון
דער מאַניע צו ציילן: ער האָט געציילט די ברעטער פון פאַרקעט,
די בוימער אין וואַלד; נאָטן און אַקאָרדן, וואָס זיין שכל האָט זיי
נישט געקאָנט צוזאַמענבונדן, האָבן געפירט אין זיין קאָפּ סיסטעמאַ־
טישע מלחמות. דערנאָך איז ער ווידער אַריין אין אַ צושטאַנד פון
פולשטענדיקער אויסגעשעפּטקייט, און ער איז געלעגן ווי אַ טויטער.

קיינער האָט וועגן אים נישט געזאָרגט. ער האָט געוווינט אין
אַ זייטיקן פליגל פון הויז. ער האָט אַליין געראָמט אין צימער, אָדער
אינגאַנצן נישט געראַמט. דאָס עסן פלעגט מען אים לאָזן אונטן. ער
האָט נישט אָנגעזען קיין מענטשלעך פּנים, זיין באַלעבאָס, אַן אַלטער,
שווייגנדיקער, עגאָיסטישער פויער, האָט זיך מיט אים נישט פאַראינ־

טערעסירט. צי קריסטאָף האָט געגעסן אָדער נישט, איז עס געווען זיין זאַך. מען האָט זיך קוים אומגעקוקט, צי ער קומט אין אָוונט אַהיים. איינמאָל האָט ער פאַרבלאָנדזעט אין וואַלד און איז געבליבן שטעקן ביז איבערן האַלז אין שניי. עס האָט קיין סאַך נישט גע-פעלט, ווען ער וואָלט שוין צוריק נישט געקומען. ער איז געלאָפן שרעקלעך מיד, אַבי נישט צו טראַכטן, נאָר ס'האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. פון צייט צו צייט איז ער פון מידקייט געשלאָפן אַ פּאָר שעה.

איין איינציקע לעבעדיקע באַשעפעניש האָט אויסגעזען צו אינ-טערעסירן זיך מיט זיין עקזיסטענץ: אַן אַלטער בערנאַרדינער-הונט, וואָס האָט געלעגט זיין דיקן קאָפּ מיט די פאַרבלוטיקטע אויגן אויף קריסטאָפס קני, בעת ער האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק פאַרן הויז. זיי האָבן זיך לאַנג אָנגעקוקט. קריסטאָף האָט אים נישט פאַר-טריבן, די דאָזיקע אויגן האָבן אים נישט באַאומרויקט, ווי דעם קרענקלעכן געטהע. ער האָט נישט געהאַט קיין חשק, ווי יענער, אויסצורופן:

— טראָג זיך אָפּ, וווּ דו ווילסט, ליאַרווע. מיך וועסטו נישט באַהערשן!

ער האָט זיך בעסער נישט געוווּנטשן, ווי צו לאָזן זיך פאַנגען פון די דאָזיקע בעטנדיקע, מידע אויגן. ער האָט געפילט אין אים אַ געפאַנגענע נשמה, וואָס בעט זיך ביי אים.

אין יענער צייט, ווען ער איז פאַרזונקען געווען אין צרות, לעבעדיק אַרויסגעריסן פון לעבן דורכן מענטשלעכן עגאָיזם, האָט ער פלוצלינג דערזען די קרבנות פון מענטשן, דערזען דאָס שלאַכטפעלד, ווו דער מענטש איז דער מייסטער איבער דער בלוטדורשטיקייט פון אַנדערע ברואים. און זיין האַרץ איז פול געוואָרן פון מיטלייד און עקל. אַפילו אין דער צייט, ווען ער איז גליקלעך געווען, האָט ער שטענדיק ליב געהאַט חיות. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן בנוגע זיי קיין אַכזריות. ער האָט געפילט צום געיעג אַן עקל, וועלכן ער האָט צוליב מורא פאַר לעכערלעכקייט נישט אַרויסגעזאָגט אָפן, אפשר האָט ער פאַר זיך אַליין אויך נישט געוואָלט מודה זיין. אָבער דער דאָזיקער עקל איז געווען די געהיימע סיבה פון דער, לפנים, אומקלאָ-רער פרעמדקייט, וואָס ער האָט געפילט צו אַנדערע מענער. ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט באַפריינדן מיט אַ מענטשן, וואָס האָט גע-

הרגעט אַ חיה בלויז ציליב פאַרגעניגן. אין דעם איז נישט געלעגן קיין סענטימענטאַלקייט: ער האָט געוווּסט בעסער פון אַן אַנדערן, אַז דאָס לעבן איז אַ סומע פון ליידן און אומענדלעכע אַכזריות, מען קאָן נישט לעבן, נישט אָנטוענדיק עמעצן קיין יסורים. עס העלפט נישט צוצומאַכן די אויגן און זיך צופרידן צו שטעלן מיט ווערטער. עס איז אויך אומזיניק צו מאַכן אַ סך-הכל, אַז מען דאַרף זיך אָפּזאָגן פון לעבן, אָדער וויינען, ווי אַ קינד. ניין. ווען מען געפינט נישט אין דעם אויגנבליק קיין אַנדער מיטל צו לעבן, מוז מען טויטן, כדי צו לעבן. אָבער ווער עס הרגעט בלויז צוליב רציחה, דער איז אַן אויסוווּרף. אומבאַוווּסטערהייט, איך ווייס עס, אָדער דאָך אַן אויסוווּרף. די שטענדיקע שטרעבונג פון דעם מענטשן דאַרף זיין צו פאַרקלענערן די סומע פון ליידן און אַכזריות. דאָס איז דער ערשטער מענטשלעכער חוב.

אַזעלכע געדאַנקען זענען אין געוויינלעכן לעבן געבליבן באַגראָבן אין קריסטאָפס האַרצן. ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן זיי. צו וואָס? וואָס האָט ער געקאָנט העלפן דערמיט? ער דאַרף זיין קריסטאָף, ער דאַרף ענדיקן זיין ווערק, ער מוז לעבן פאַר יעדן פּרייז. לעבן אויפן חשבון פון די שוואַכערע... נישט ער האָט באַשאַפן דאָס וועלטל... לאָמיר נישט טראַכטן דערפון, נישט טראַכטן...

אָבער ווען דאָס אומגליק האָט אים אויך אָוועקגעשטעלט אין דער ריי פון באַזיגטע, האָט ער געמוזט עפּעס וועגן דעם אַ טראַכט טון. פריער פלעגט ער זיך בייזערן אויף אָליוויערן, ווען ער האָט זיך פאַרטיפט אין נוצלאָזע געוויסנביסן, אין צוועקלאָזן מיטגעפיל צו יעדן אומגליק, וואָס טרעפט ביי מענטשן. איצט איז ער געגאַנגען נאָך ווייטער, ווי אָליוויער. מיט דער האַסטיקייט פון זיין שטאַרקער נאַטור האָט ער אַריינגעדרונגען טיף אין דער טראַגעדיע פון דער וועלט: ער האָט געליטן אַלע יסורים פון דער וועלט. ער איז געווען ווי אַ געשונדענער. ער האָט נישט געקאָנט טראַכטן וועגן די חיות אָן אַ געפיל פון שרעק. ער האָט געלייענט אין די אויגן פון די חיות, געזען אין זיי אַ נשמה, פּונקט ווי זיינע, אַ נשמה, וואָס האָט נישט געקאָנט רעדן. נאָר די אויגן האָבן זיך, אָנשטאָט איר, געקלאָגט:

— וואָס האָב איך אייך געטון? פאַרוואָס טוט איר מיר אָן יסורים?

ער האָט איצט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס געוויינלעכסטע

בילד, וואָט מען זעט אין די הונדערטער: אַ קעלבל, וואָס האָט ערגעץ געקלאָגט, פאַרשפאַרט אין אַ שטייג; זיינע גרויסע, בולטע, שוואַרצע אויגן, מיט בלוילעכע ווייסלעך, זיינע ראָזע וויעס, זיינע ווייסע ברעמען, זיינע געקרייזלטע, ווייסע הערלעך אויפן שטערן, זיין בלוילעכע מאָרדקע און געבויגענע קני; — אַ לעמעלע, וואָס אַ פויער האָט געטראָגן מיט פיר צוזאַמענגעבונדענע פיסלעך, מיט אַן אַראָפּהענגענדיקן קאָפּ, האָט געוואָלט זיך אויפהויבן, געקרעכצט, ווי אַ קינד, געקלאָגט און אַרויסגעשטעקט זיין גרויע צונג; — הינער, וואָס מען האָט אָנגעשטאָפּט אין אַ קויש; — אין דער וויטן אַ שאַרפער געשריי פון אַ געקוילעטן חזיר; — אויפן טיש פון קיך אַ געמאַכטער פיש....
די יסורים, וואָס האָבן גאָר קיין נאָמען נישט און וואָס דער מענטש טוט אָן די אומשולדיקע ברואים, האָבן אים געריסן ביים האַרצן. אויב מען זעט אין דער חיה אַ שימער פון שכל, ווערט ערשט קלאָר, וואָס פאַראַ שרעקלעכער חלום די וועלט איז פאַר איר: די גלייכגילטיקע, בלינדע און טויבע מענטשן, וואָס דערווערגן זי, שניידן איר אויף דעם בויך, ציען אַרויס די געדערים, צעשניידן עס אויף שטיקער, קאָכן עס לעבעדיקערהייט און שפּילן זיך טייַלמאָל מיט אירע יסורים! צי איז פאַראַן עפּעס שרעקלעכערס אַפילו צווישן די מענטשן-פרעסער פון אַפריקע? די יסורים פון די חיות האָבן פאַר דעם פרייען באַוווסטזיין עפּעס שרעקלעכערס, ווי די יסורים פון אַ מענטשן, ווייל דאָס לעצטע איז, לפחות, באַטראַכט פאַר אַ זינד, און דער, וואָס פאַרשאַפט דאָס — פאַר אַ פאַרברעכער. אָבער טויזנטער חיות ווערן טאָגטעגלעך נוצלאָז דערהרגעט אָן אַ שאָכן פון חרטה. ווען עמעצער זאָל עס דערמאָנען, וואָלט ער אויסגעזען לעכערלעך. — אָבער דאָס קאָן מען נישט מוחל זיין. דאָס פאַרברעכן גופא פאַרענטפערט אַלץ, וואָס דער מענטש ליידט. עס רופט נאָך נקמה קעגן דעם מענטשלעכן מין. אויב עס לעבט אַ גאָט און פאַרטראָגט עס, רופט עס נאָך נקמה קעגן גאָט. אויב עס לעבט אַ גוטער גאָט, וואָלט ער אויסגעלייזט די נידעריקע לעבעדיקע נשמה. אויב גאָט איז נאָר גוט צו די שטאַרקסטע, און זיין גערעכטיקייט ווענדט זיך אָפּ פון די עלנטע נידעריקע, וואָס זענען די קרבנות פון דער מענטשהייט, — איז נישטאָ קיין גוטסקייט, נישטאָ קיין גערעכטיקייט...
אַך! ליידער איז די שחיטה, וואָס דער מענטש מאַכט איבער די חיות, אַזוי קליין אין פאַרגלייך מיט די אַלגעמיינע רציחות אויף

ער וועלט. די חיות פרעסן־אויף אייגע די צווייטע. די רויקע פלאַנצן די שטומע בוימער זענען צווישן זיך אויך ווילדע חיות. די רויקייט פון די וועלדער איז נאָר אַ שײנרעדנערישער מאַטעריאַל פאַר ליטע־ראַטן, וואָס קאָנען די נאַטור בלויז פון בילער. אין דעם נאָענטן וואַלד, עטלעכע טריט פון דעם הויז, האָבן זיך אָפּגעשפּילט שרעקלעכע קאַמפן. די מערדערישע בוקן האָבן זיך געוואָרפן אויף די שייגע ראָזע קערפּער, די טענענבוימער, אַרומגענומען זייערע שלאַנקע, אַנטיקע זיילן און זיי געשטיקט. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די דעמבעס, געבראָכן זיי און אַרויסגעריסן. די הונדערט־אָרימדיקע בוקן, וואָס יע־דער איינער פון זיי איז שטאַרק, ווי צען בוימער, האָבן געזייט אַרום זיך טויט. און ווען זיי האָבן שוין נישט געהאַט אַרום זיך קיין שונא און האָבן זיך באַגעגנט צווישן זיך, זענען זיי געוואָרן איין מאַסע, וואָס האָט זיך דורכגעשטאָכן, צוזאַמענגעוואַקסן און זיך צוזאַמענגע־דרייט, ווי ברואים פון פאַרן מבול. טיפער אין וואַלד זענען די אַקאַציעס אַרויסגעלאָפן אויפן פלאַץ און זענען באַפאַלן די טענענבוי־מער, אַרומגענומען און געריסן די וואָרצלען פון דעם שונא און פאַר־סמט אים מיט זייערע זאַפטן. אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, אין וועלכן דער זיגער באַפעסטיקט זיך זיין פלאַץ און גלייכצייטיק פרעסט ער אויף דאָס געביין פון דעם באַזיגטן. דעמאָלט קומען די קליינע ברואים און פאַרענדיקן דאָס ווערק פון די גרויסע. די שוואָמען שטופּן זיך צווישן די וואָרצלען, זויגן אויס דעם קראַנקן בוים, ביז ער ווערט אינגאַנצן אויסגעליידיקט. די שוואַרצע מוראַשקעס צעפרעסן דאָס צע־פוילטע האָלץ. מיליאָנען אומגעזעענע בריאימלעך נאָגן, שטעכן און צערייבן אויף שטויב דאָס, וואָס איז געווען אַמאָל לעבן... און די דאָזיקע קאַמפן שפּילן זיך אָפּ אין פולשטענדיקער שטילקייט... אָ, פרידן פון דער נאַטור, טראַגישע מאַסקע, וואָס באַדעקט דאָס צעוויי־טיקטע, אַכזריותדיקע פּנים פון לעבן!

קריסטאָף איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. אָבער ער איז נישט גע־ווען דער מענטש, וואָס גייט־אונטער מיט פאַרלעגטע הענט. הגם ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט שטאַרבן, האָט ער דאָך געטון אַלץ כדי

צו לעבן. ער האָט געהערט צו יענע, וואָס וועגן זיי זאָגט מאָצאַרט, אַז „זיי זענען טעטיק, ביז עס פעלט זיי אויס לסוף די מעגלעכקייט עפּעס צו טון”. ער האָט געפילט, אַז ער גייט אונטער, און שלאָגנדיק די הענט אויף רעכטס און לינקס, געזוכט אַן אָנהאַלט. ער האָט געמיינט, אַז ער האָט אים געפונען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן אָליוויערס קינד. באַלד האָט ער אויף דעם אַריבערגעטראָגן זיין גאַנצן לעבנס-ווילן, ער האָט זיך אָנגעקלאַמערט אָן דעם. יאָ, ער מוז עס אויפזוכן, צוריקפאָדערן, דערציען עס, ליבן, פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַ פאָטער, לאָזן אָליוויערן ווייטער לעבן אין זיין זון, ווי זשע האָט ער אין זיין עגאָיסטישן ווייטיק נישט אַ טראַכט געטון וועגן דעם? ער האָט אָנגעשריבן צו סעסילן, וואָס האָט געהאַט די השגחה איבערן קינד. ער האָט פיבערנדיק געוואַרט אויף אַן ענטפער, זיין גאַנץ וועזן האָט זיך אָנגעשפּאַנט אין דעם איינציקן געדאַנק. ער האָט זיך געצוווּנגען צו רו. עס איז אים געבליבן אַ שטראַל פון האָפנונג. ער האָט געגלויבט. ער האָט געקענט סעסילס גוטסקייט.

דער ענטפער איז געקומען. סעסיל האָט געשריבן, אַז דריי חדשים נאָך אָליוויערס טויט איז געקומען צו איר אַ דאַמע אין טרויער און געזאָגט:

— גיט מיר אָפּ מיין קינד.

דאָס איז געווען זי, וואָס האָט אַמאָל פאַרלאָזן איר קינד און אָליוויערן, זשאַקלין. זי איז אָבער געווען אַזוי געענדערט, אַז מען האָט זי קוים דערקענט. איר ליבע-שגעון האָט נישט לאַנג געדויערט. זי איז איר געליבטן נאָך גיכער נמאס געוואָרן, ווי דער געליבטער איר. זי איז געקומען צוריק אַ צעבראָכענע, פול מיט עקל און אַ געעלטערטע. דער עפנטלעכער סקאַנדאַל פון דער געשעעניש האָט פאַרשלאָסן פאַר איר אַ סך טירן. די געוויסנלאָזע מענטשן האָבן איר דאָס נישט געוואָלט מוחל זיין. איר אייגענע מוטער האָט איר אַרויסגעוויזן אַזאַ באַליידיקנדע פאַראַכטונג, אז זשאַקלין האָט נישט געקאָנט בלייבן ביי איר. זי האָט דערקענט דורך און דורך די פאַלשקייט פון דער וועלט. אָליוויערס טויט האָט זי אינגאַנצן דערשלאָגן. זי איז געווען אַזוי אָנגעווייטיקט, אַז סעסיל האָט נישט געפילט קיין שום רעכט אָפּצוזאָגן איר פאַרלאַנג. עס איז זייער שווער געווען זיך צו שיידן מיטן קליינעם וועזן, וואָס זי האָט זיך שוין צו אים צוגעוווינט און באַטראַכט פאַר אַן אייגן קינד. ווי קאָן מען אָבער זיין

נאָך האַרטער צו אַ מענטשן, וואָס האָט מער רעכט און איז אומגליקלעכער. זי האָט געוואָלט שרייבן צו קריסטאָפן און פרעגן ביי אים אַן עצה, אָבער קריסטאָף האָט קיינמאָל נישט געענטפערט אויף די בריוו, וואָס זי האָט אים געשריבן, דערצו האָט זי נישט געוווּסט זיין אַדרעס, נישט געוווּסט, צי ער לעבט, צי איז ער געשטאָרבן. די פרייד קומט און גייט אַוועק. וואָס זאָל מען טון? מען מוז שלום מאַכן. דער עיקר איז — דאָס קינד זאָל זיין גליקלעך און געליבט...

דער בריוו איז געקומען אין אָוונט. דער פאַרשפּעטיקטער ווינטער האָט געבראַכט מיט זיך שניי. ער איז געפאַלן אַ גאַנצע נאַכט. די בוימער אין וואַלד, וואָס האָבן שוין געהאַט יונגע בלעטער, האָבן געקרעכצט און געבראָכן זיך אונטער דער משא פון שניי. דאָס איז געווען ווי אַן אַרטילעריע־שלאַכט. קריסטאָף איז אָן אַ ליכט געזעסן אין זיין צימער, אין דעם חושך, וואָס איז העלער געוואָרן פון דעם שניי, צוגעהערט זיך צום וואַלד, וואָס האָט אָנגעזאָגט שלעכטע בשורות, און איז ביי יעדן קלאַפּ אויפגעשפּרונגען פון אָרט. ער איז געווען געגליכן צו איינעם פון יענע בוימער, וואָס האָבן זיך קרעכצנדיק געבויגן אונטער דער לאַסט. ער האָט געזאָגט צו זיך:

— איצט איז אַלץ געענדיקט.

די נאַכט איז אַריבער. עס איז אָנגעקומען דער פאַרטאָג און דער בוים איז נישט צעבראָכן געוואָרן. דעם גאַנצן נייען טאָג, די צווייטע נאַכט און אויך די ווייטערדיקע טעג און נעכט האָט זיך דער בוים כסדר געבויגן און געקרעכצט אָבער נישט צעבראָכן געוואָרן. קריסטאָף האָט שוין מער נישט געהאַט קיין שום לעבנס־צוועק און דאָך האָט ער געלעבט. ער האָט נישט געהאַט קיין שום סיבה ווייטער צו קעמפן — און דאָך האָט ער זיך געראַנגלט, פוס ביי פוס, לייב ביי לייב, מיטן אומגעזעענעם שונא, וואָס האָט אים געוואָלט צעברעכן דעם רוקן־ביין, ווי יעקב מיטן מלאך. פון דעם קאַמף האָט ער מער נישט דערוואַרט ווי דעם סוף, די רו. ער האָט זיך אָבער ווייטער געראַנגלט און געשריגן:

— צעברעך מיך שוין אַמאָל! פאַרוואָס צעברעכסטו מיך נישט?

די טעג זענען געלאָפן, קריסטאָף איז געגאַנגען דורך זיי אָן דער אַמאָליקער לעבנס־קראַפט. דאָך האָט ער זיך געהאַלטן עקשנות־דיק, ער איז אַרויסגעגאַנגען, אַרומגעוואַנדערט. גליקלעך זענען די, וואָס די געזונטע נאַטור שטיצט זיי אין די פינסטערנישן פון זייער לעבן! די פיס פונם פאָטער און פונם זיידן האָבן געטראָגן דעם קערפּער פונם זון, וואָס האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין. די קראַפט פון די שטאַרקע אבות האָט געטראָגן די צעבראָכענע נשמה, ווי אַ פערד, וואָס טראָגט אַ טויטן רייטער.

ער איז געגאַנגען דורך אַ וועגל צווישן צוויי גרובן. ער האָט געשפּרייזט דורך אַ שמאָלן שטייניקן וועג, וואָס איז פול געווען מיט קיזלשטיינער, קנויטיקע וואָרצלען, וואָס האָבן זיך געשלענגלט פון די איינגעקאָרטשעטע קליינע דעמבעס. ער איז געגאַנגען אַליין נישט ווייסנדיק וווהין, און ער איז געווען זיכערער, ווי ווען ער וואָלט געפירט געוואָרן פון אַ קלאָרן ווילן. ער פלעגט נישט שלאָפן, אין משך פון עטלעכע טעג האָט ער קוים עפּעס געגעסן. אַ נעפּל איז געלעגן פאַר זיינע אויגן. ער איז אַראָפּ אין טאָל. — דאָס איז געוועזן די וואָך פון פסח. אַ גרויער טאָג. דער לעצטער שטורם פון ווינטער איז באַזיגט געוואָרן. אומעטום אַ וואַרעמער פרילינג פון די אונטערשטע דערפער האָבן אַרויפגעקלונגען די גלאָקן; פריער פון איין דאָרף, וואָס איז מיט זיינע שוואַרצע און געלע בונט־פאַרביקע דעכער, וועלכע האָבן אויסגעזען באַדעקט פון סאַמעט און געדיכטן מאָך, געלעגן ווי אַ נעסט אין אַ טאָל צופוסנס פון באַרג. דערנאָך פון אַ צווייטן אומגעזעענעם, וואָס איז געלעגן אויף דער אַנדערער זייט פון דעם באַרג־שפּוע. שפּעטער פון אַן אַנדערן, וואָס איז געלעגן אין טאָל אויף דעם ברעג טייך. עס האָט אויך געקלונגען דער גרויסער גלאָק פון אַ ווייטער שטאָט, וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן אין נעפּל. קריסטאָף איז געבליבן שטיין. זיין האַרץ איז שיר נישט אויסגעגאַנגען. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז יענע שטימען רופן אים:

— קום צו אונז! דאָ איז דער פרידן. דאָ איז נישטאָ קיין ווייטיק. ער איז איינגעשלאָפן צוזאַמען מיטן געדאַנק. מיר וויגן־איין אַזוי גוט די נשמה, וואָס ווערט אַנטדרימלט אין אונזערע אָרעמס. קום, רו דיך אויס, דו וועסט מער נישט דערוואַכן.

ווי מיד ער האָט זיך געפילט! ווי גערן וואָלט ער איצט געשלאָפן, נאָר ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— איך זוך נישט די רו, איך זוך דאָס לעבן.

ער האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין. נישט באַמערקנדיק האָט ער דורכגעמאַכט גאַנצע מיילן. אין זיין צעריצטער אָפּגעשוואַכטקייט האָבן די איינפאַכסטע איינדרוקן אָפּגעקלונגען אין אים מיט אַן אומגעריכטער שטאַרקייט. זיין געדאַנק האָט געוואָרפן אַ פאַנטאַסטישע שיין אויף אַלץ אַרום אים, אויף דער ערד און אין דער לופטן. אַ שאָטן, וואָס איז געלאָפן איבערן ווייסן, זוניקן, פוסטן וועג פאַר אים אָן אַ שום קענטיקע סיבה, האָט אים דורכגענומען מיט אַ ציטער.

ביים עק וואַלד האָט ער זיך געפונען נאָענט צו אַ דאָרף. ער האָט זיך גענומען מיט אַ צווייטן וועג: ס'איז אים איצט געווען שווער צו זען מענטשן. דאָך האָט ער נישט געקאָנט אויסמיידן אַן איינזאַם הויז, וואָס איז געלעגן אויסערן דאָרף. ער איז געשטאַנען אויפן באַרג-רוקן און האָט אויסגעזען ווי אַ סאַנאַטאָריע. אַרום איז געווען אַ גרויסער זוניקער גאָרטן, און אַ פּאָר געשטאַלטן האָבן זיך מיט אומזיכערע טריט אַרומגעשלעפּט איבערן זאַמדיקן וועג. קריסטאָף האָט אויף זיי קיין אַכט נישט געלעגט. אָבער אין דעם אָרט, וווּ דער וועג פאַרנעמט זיך אין אַ זייט, האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט אַ מאַן מיט בלאַסע אויגן, אַ דיק געל פּנים, וואָס איז געזעסן איינגעקאָרטשעט אויף אַ באַנק אונטער צוויי הימל-בוימער און געגלאָצט פאַר זיך. נעבן אים איז געזעסן אַ צווייטער מאַן. זיי האָבן ביידע געשוויגן. קריסטאָף איז פאַרבייגעגאַנגען. אָבער אַ פּאָר שריט ווייטער איז ער געבליבן שטיין: די דאָזיקע אויגן זענען אים געווען באַקאַנט. ער איז געגאַנגען צוריק. דער מאַן האָט זיך קיין ריר נישט געטון, נאָר ווייטער אומבאַוועגלעך געגלאָצט ערגעץ מיט די אויגן, אָבער זיין באַגלייטער האָט באַמערקט קריסטאָפן, וואָס האָט אים געגעבן אַ צייכן. ער איז צוגעגאַנגען.

— ווער איז עס? — האָט קריסטאָף געפרעגט.

— אַ קראַנקער פון הייל-אַנשטאַלט. — האָט געענטפערט דער מאַן, אָנווייזנדיק אויף דער געביידע.

— מיר דאַכט זיך, אַז איך קאָן אים. — האָט קריסטאָף געזאָגט.

— דאָס איז מעגלעך, — האָט יענער געענטפערט, — ער איז

געווען אַ באַקאַנטער שריפטשטעלער אין דייטשלאַנד.

קריסטאָף האָט אָנגערופן זיין נאָמען. — יאָ, דאָס איז געווען ער. ער האָט אים אַמאָל געזען אין דער צייט, ווען ער האָט געשריבן אין מאַנהיימס צייטשריפט. דעמאָלט זענען זיי געווען שונאים. קריסטאָף האָט ערשט דאַן אָנגעהויבן, און יענער איז שוין געווען בארימט. ער איז געווען דער קרעפטיקסטער, זיכערסטער מענטש, וואָס האָט פיינט געהאַט אַלץ אויסער זיך. אַ ראָמאַנען־שרייבער, וואָס זיין רעאַליסטישע און זינלעכע קונסט האָט איבערגעשטיגן די מיטל־מעסיקייט פון די בולוואַר־שרייבער. קריסטאָף, וואָס האָט אים נישט געקאָנט פאַרטראָגן, האָט געמוזט באַוואונדערן די גאַנצקייט פון דער דאָזיקער מאַטעריעלער, אויפריכטיקער און באַגרענעצטער קונסט.

— עס איז אים באַפאַלן מיט אַ יאָר צוריק. — האָט געזאָגט דער וועכטער. — מען האָט אים געהיילט, געהיט און לסוף אָפּגעשיקט אַהיים, כלומרשט אַן אויסגעהיילטן. אָבער דערנאָך איז עס ווידער געקומען, איינמאָל אין אָוונט האָט ער זיך אַרויסגעוואָרפן דורכן פענסטער. די ערשטע צייטן דאָ איז ער געווען אויפגערעגט און געשריגן. איצט איז ער אינגאַנצן רויק. ער פאַרברענגט זיינע טעג אַזוי ווי איר זעט אים.

— וואָס באַטראַכט ער אַזוי? — האָט קריסטאָף געפרעגט.

ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו דער באַנק, פול מיט מיטלייד האָט ער אָנגעקוקט דאָס בלייכע פנים פון דעם באַזיגטן, זיינע שווערע, איבער די אויגן פאַלנדיקע ווינעס. איין אויג איז געווען כמעט פאַרמאַכט. דער גייסטיק־קראַנקער האָט, משמעות, נישט באַמערקט קריסטאָפן. קריסטאָף האָט אים אָנגערופן ביים נאָמען. אָנגענומען זיין האַנט — אַ ווייכע פייכטע האַנט, וואָס מען קאָן אָננעמען, ווי אַ טויטע זאַך. ער האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו האַלטן זי לענגער אין זיינע הענט. דער מאַן האָט אויפגעהויבן אַ ווײַלע זיינע אויגן צו קריסטאָפן אַזוי גיך, אַז מען האָט קוים געזען די ווייסלען, דערנאָך האָט ער ווידער גענומען גלאָצן מיט זיין קינדערשן שמייכל פאַר זיך. קריסטאָף האָט געפרעגט:

— וואָס באַטראַכט איר דאָ?

אומבאַוועגלעך, שטיל האָט דער מאַן געענטפערט:

— איך וואַרט.

— אויף וואָס?

— אויף תחית־המתים...

קריסטאָף האָט אַ ציטער געטון, ער איז שנעל אַוועק. דאָס וואָרט האָט אים געשראָקן ווי אַ פייערדיקע קויל.

ער איז געלאָפן טיפער אין וואַלד און איז געגאַנגען דורך די בערג אין דער ריכטונג אַ היים. פון גרויס צעטומלקייט האָט ער פאַרלוירן דעם וועג, ער איז געווען אין מיטן פון אַ גרויסן יאָדלע־וואַלד. שאָטן און שטילקייט. עטלעכע רויטלעך־געלע זונפלעקן זענען געפאַלן, ווער ווייס פון וואַנען, אין געדיכטן שאָטן. קריסטאָף איז געווען ווי פאַרכאַפּט פון די דאָזיקע ליכט־פלעקן. אַרום האָט אַלץ אויסגעזען ווי נאַכט. ער איז געגאַנגען איבערן נאָדל־טעפּיך און איז געשטרויכלט געוואָרן איבער די וואָרצלען, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט ווי געשוואָלענע אָדערן. צו פוסנס פון די בוימער זענען נישט געווען נישט קיין פלאַנצן נישט קיין מאָך. אין די צווייגן — קיין פויגל־געזאַנג — די אונטערשטע צווייגן זענען געווען אָפּגעשטאָרבן, דאָס גאַנצע לעבן איז אַריבער אויבן, וו עס איז געווען די זון. באַלד איז אויך דאָס לעבן אויסגעלאָשן געוואָרן. קריסטאָף האָט באַמערקט אין אַ טייל וואַלד, וו ס'האָט געהערשט אַ געהיימגישפולע קראַנקהייט, אַ מין לאַנגע, דינע געפלאָכטענע פעדים, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שפּינוועבס. מיט זייער נעץ האָבן זיי אַרומגעוויקלט די צווייגן פון די בוימער, געפּענטעט זיי פון קאָפּ ביז די פיס, אַריבערגעוואָרפן זיך פון איין בוים צום צווייטן און געשטיקט דעם וואַלד. זיי האָבן אויסגעזען ווי ים־פלאַנצן מיט באַהאַלטענע נעצן, עס האָט אויך געהערשט די שטילקייט פונם טיפן ים. אויבן איז בלאַסער געוואָרן די זון־שיין, נעפּלען, וואָס האָבן זיך פאַררעטעריש אַרומגעשלייכט אין דעם טויטן וואַלד, האָבן אַרומגענומען קריסטאָפן. אַלץ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, עס איז שוין מער קיין זאַך נישט געווען. אין משך פון אַ האַלבער שעה האָט קריסטאָף בלינד אַרומגעבלאָנדזעט אין דער נעץ פון דעם ווייסן נעפּל, וואָס איז ביסלעכווייז געוואָרן אַלץ געדיכטער, שוואַרצער און האָט זיך אים געשטופּט אין האַלז אַריין. ער האָט געמיינט, אַז ער גייט גלייך, אָבער אונטערן גיגאַנטישן שפּינגעוועב, וואָס איז געהאָנגען די דערשטיקטע בוימער, האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין אַ קרייז, פאַרבייגייענדיק האָט דער נעפּל געלאָזט אויף זיי הענגען ציטעריקע טראָפּנס. לסוף האָבן זיך די נעץ־

אייגעלעך איבערגעריסן, עס איז אַנטשטאַנען אַ חלל, און קריסטאָפֿן האָט זיך אייגעגעבן אַרויסצוגיין פֿון דער וואַלד־טיפֿעניש. ער האָט ווידער געפֿונען אַ לעבעדיקן וואַלד אין דעם שטילן קאַמף צווישן די טאַנען־בוימער און בוקן. נאָר אומעטום האָט געהערשט די זעלבע אומבאַוועגלעכקייט. די שטילקייט, וואָס האָט געוואַרט שוין שעהן, האָט אים באַאומרויקט. קריסטאָף איז געבליבן שטיין און זיך צוגעהערט...

פֿלוצלינג האָט ער דערהערט פֿון דער ווייטן אַ גערויש, וואָס איז אָנגעקומען אַלץ נענטער. אַ ווינט האָט זיך פֿלוצלינג אַ הויב־געטון פֿון די טיפֿענישן פֿון וואַלד; ווי אַ גאַלאָפּירנדיק פֿערד, איז ער געלאָפֿן איבער די קעפּ פֿון די צעכוואַליעטע בוימער, אַזוי האָט געבֿרויזט אין שטורם־ווינט דער גאָט פֿון מיקל אַנדזשעלאָ. ער איז דורכגעפֿלויגן איבער קריסטאָפֿס קאָפּ, דער וואַלד און קריסטאָפֿס האַרץ האָט אַ ציטער געטון. דאָס איז געווען דער אָנזאָגער...

עס איז ווידער געוואָרן שטיל. קריסטאָף איז געווען באַהערשט ווי פֿון אַ הייליקע שרעק. מיט געבויגענע קני האָט ער זיך איילִיק אומגעקערט אַ היים. אויף דער שוועל פֿון דעם הויז האָט ער, ווי אַ גערודפֿטער, געוואָרפֿן אַ בליק הינטער זיך. די נאַטור האָט אויסגעזען טויט. די וועלדער, וואָס האָבן באַדעקט די זייטן פֿון די בערג, זענען געשלאָפֿן, ווי דערשלאָגענע פֿון אַ שווערן טרויער, די אומבאַוועגלעכע לופֿט האָט געהאַט אַ פֿאַרכּישופֿטע דורכזיכטיקייט, קיין שום קלאַנג. נאָר די פֿינסטערע מוזיק פֿון אַ שטראָם, דאָס וואַסער, וואָס צעפֿרעסט אַ פֿעלז — האָט אַ קלונג געטון, ווי די קבֿרים פֿון דער ערד. קריסטאָף האָט זיך מיט היץ געלעגט אין בעט. אין דער שכנות־דיקער שטאַל האָבן זיך אומרויִק, ווי ער, באַוועגט די חיות...

נאַכט, ער איז איינגעשלאָפֿן, ווידער האָט זיך אויפֿגעהויבן אין דער שטילקייט דער ווייטער גערויש. דער ווינט איז געקומען צוריק, דאָס מאָל ווי אַן הוראַגאַן, ווי אַ פֿרילינגס־פֿיין, וואָס דערוואַרעמט מיט זיין הייסן אָטעם די פֿאַרפֿרוירענע נאָך שלאָפֿנדיקע ערד, ווי אַ פּיין, וואָס צעשמעלצט דעם אייז און טרייבט אָן די פֿרוכטבאַרע רעגנוואָלקנס. ער האָט געבֿרומט, ווי אַ דונער אין די וועלדער פֿון יענער זייט גראָבן. ער איז געקומען נענטער אָנגעשוואָלן און אַרומגענומען די בערג־זייטן מיט אַ שטורם, דער גאַנצער באַרג האָט אַ ברום געטון. אין שטאַל האָט אַ הירזשע געטון אַ פֿערד. די קו האָט גע־

מוקעס. קריסטאָף האָט זיך געזעצט אויפן בעט, די האָר האָבן זיך אים געשטעלט קאַפּויר. ער האָט זיך צוגעהערט. דער שטורם איז געקומען צופליִען און געברומט, אַז די לאָדנס פון די פענסטער האָבן געצי־טערט. די וועטער־פענדלעך האָבן געסקריפּעט. פון די דעכער זענען אַראָפּגעפאַלן די ציגל, און דאָס גאַנצע הויז האָט זיך געטרייסלט. אַ בלומען־טאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן. קריסטאָפס שלעכט פאַרמאַכטער פענסטער האָט זיך מיט אַ טומל אויפגעריסן, און דער הייסער ווינט האָט אַ בלאָז געטון קריסטאָפן אין פנים און אויף זיין נאַקעטער ברוסט. ער איז אַרויסגעשפּרונגען מיט אַן אָפן מויל פון בעט און געשטיקט זיך. ס'האָט זיך אים געדאַכט, ווי אין זיין פוס־טער נשמה האָט זיך אַריינגעריסן דער לעבעדיקער גאָט, תחית המתים!... די לופט האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין האַלז. דער שטראָם פון אַ נייעם לעבן, האָט אים אַדורכגעדרונגען ביז טיף אין דער נשמה. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וועט באַלד צעריסן ווערן. ער האָט געוואָלט שרייען, שרייען פאַר ווייטיק און פאַר פרייד: נאָר פון זיין מויל זענען אַרויס אומבאַשטימטע קלאַנגען. ער איז גע־שטרויכלט געוואָרן, ער איז געשטאַנען צווישן די פּאַפּירן, וואָס דער שטורם־ווינט האָט צעוואָרפן, און געקלאַפּט מיט די אָרעמס אין די ווענט. אין מיטן דעם צימער האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד און געשריגן:

— אָ דו, דו! לסוף ביסטו געקומען צוריק!

— ביסט געקומען צוריק, ביסט געקומען צוריק! אָט דו, וועלכן כ'האָב פאַרלוירן!... פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן?

— כדי צו פאַרענדיקן דאָס ווערק, וואָס דו האָסט אָנגעהויבן.

— וואָס פאַר אַ ווערק?

— דעם קאַמף.

— צו וואָס דאַרפסטו קעמפן? ביסטו דען נישט דער האַר איבער אַלעמען?

— איך בין נישט קיין האַר.

— ביסטו נישט אַלץ וואָס עקזיסטירט

— איך בין נישט אַלץ, וואָס עקזיסטירט. איך בין דאָס לעבן, וואָס באַקעמפט דעם גאָרנישט. איך בין נישט דער גאָרנישט. איך בין דאָס פייער, וואָס ברענט אין דער נאַכט. איך בין נישט די נאַכט. איך בין דער אייביקער קאַמף, און איבער דעם קאַמף שוועבט נישט דער אייביקער גורל, איך בין דער פרייער ווילן, וואָס קעמפט אייביק. קעמף און פלאַקער מיט מיר!

— איך בין באַזיגט. איך טויג שוין מער צו גאָרנישט.

— ביסטו באַזיגט? אַלץ זעט דיר אויס פאַרלוירן? וועלן אונ־זערע זיין די זיגער. טראַכט נישט וועגן זיך, טראַכט וועגן דיין אַרמיי.

— איך בין איינזאַם, איך האָב נאָר זיך. איך האָב נישט קיין אַרמיי.

— דו ביסט נישט איינזאַם, און דו געהערסט נישט צו זיך אַליין. דו ביסט איינע פון מיינע שטימען, דו ביסט איינער פון מיי־נע אָרעמס. רעד פאַר מיר, שטראָף פאַר מיר. דאָך, ווען דיין אָרעם איז צעבראָכן און דיין שטים פאַרשוויגן, בלייב איך נאָך אַלץ אומ־באַרירט. איך קעמף מיט דער הילף פון אַנדערע שטימען און אַנדע־רע אָרעמס, אויסער דיינע, אויך אַלס באַזיגטער ביסטו אַ טייל פון דער אַרמיי, וואָס וועט קיינמאָל נישט באַזיגט ווערן, געדענק עס, און דו וועסט נאָך זיגן אַפילו אין טויט.

— האַר, איך לייד אַזוי פיל!

— גלויבסטו, אַז איך לייד אויך נישט? זינט טויזנטער יאָרן לויערט שוין אויף מיר דער טויט, און עס קוקט מיך אויס דער גאָר־נישט. און נאָר מיט נצחון מאַך איך זיך אַ וועג. דער שטראָם פון לעבן איז רויט פון מיין בלוט.

— קעמפן, אייביק קעמפן?

— שטענדיק דאַרף מען קעמפן. אויך גאָט ראַנגלט זיך. גאָט איז אַ זיגער. ער איז אַ פאַרציקנדיקער לייב. דער גאָרנישט רינגלט אים אַרום, און גאָט ברעכט אים אַדורך. דער ריטם פון קאַמף שאַפט די האַרמאָניע פון דער וועלט. די דאָזיקע האַרמאָניע איז נישט באַ־שטימט פאַר דיינע שטערבלעכע אויערן. גענוג, אַז דו ווייסט, אַז זי איז דאָ. טו דיין חוב אין פרידן און דאָס איבעריקע לאָז איבער פאַר די געטער.

— איך האָב שוין מער קיין כּוח נישט.

— זינג פאַר די, וואָס זענען שטאַרק.

— מיין שטים איז געבראָכן.

— טו תפילה.

— מיין האַרץ איז באַפּלעקט.

— רייס עס אַרויס, נעם מיינס.

— האַר, עס העלפט נישט, ווען מען פאַרגעסט זיך אַליין. ווען מען וואַרפט אַוועק פון זיך די מידע נשמה. אָבער צי קאָן איך אַוועקוואַרפן פון זיך מיינע טויטע? צי קאָן איך פאַרגעסן די, וואָס איך ליב?

— פאַרלאָז די, וואָס זענען טויט. פאַרלאָז אויך דיין טויטע נשמה. לעבנדיק, וועסטו זי ווידער געפינען מיט מיין לעבעדיקע נשמה.

— אָ דו, וואָס דו האָסט מיך פאַרלאָזן, צי וועסטו מיך ווידער פאַרלאָזן?

— איך וועל דיך ווידער פאַרלאָזן. צווייפל נישט אין דעם. אָבער דו קאָנסט מיך נישט פאַרלאָזן.

— אָבער ווען מיין לעבן וועט אויסגיין?

— צינד עס אָן אין אַנדערע.

— און אויב דער טויט איז אין מיר?

— דאָס לעבן איז ערגעץ אַנדערש. גיי, עפן אים דיינע טויערן. נאַר, וואָס דו פאַרמאַכסט זיך אין די חורבות פון דיין הויז. גיי אַרויס פון זיך! עס זענען דאָ אַנדערע וווין־ערטער.

— אָ, לעבן, לעבן! איך זע! איך האָב דיר געזוכט אין מיר, אין מיין פוסטער פאַרשלאָסענער נשמה. מיין נשמה ברעכט זיך אי־בער, דורך די פענסטער פון מיינע ווונדן שטראָמט אַריין די לופט. איך אָטעם ווידער, איך געפין זיך ווידער. אָ לעבן!...

— איצט געפין איך דיך ווידער, שווייג און הער.

און קריסטאָף האָט פאַרנומען, ווי אַ געוויש פון אַ קוואַל, דאָס געזאַנג פון לעבן, וואָס האָט פון אים געשטראָמט. אָנגעשפּאַרט אין דער פענסטער־ראַם, האָט ער געזען דעם וואַלד, וואָס איז נעכטן גע־

ווען טויט און האָט איצט אויפגעשטראַלט. אין זון און אין ווינט און אויפגעכוואַליעט ווי דער אָקעאַן. איבער די רוקנס פֿון די ביימער האָבן זיך איצט געטראָגן די כוואַליעס פֿון ווינט, ווי אַ ציטער פֿון פֿרייד, און די געבויגענע צווייגן האָבן אויסגעשטרעקט זייערע אָרעמס, ווי אין באַגייסטערונג, אַנטקעגן דעם באַלויכטענעם הימל. און דער וואַסער-שטראָם האָט געקלונגען ווי אַ לאַכנדיקער גלאָק. די לײַדנשאַפֿט, וואָס איז נאָך נעכטן געלעגן אין קבר, איז אויפגעשטאַנען תחית המתים. אין דער זעלבער צייט איז צוריק אַריין אין זיי דאָס לעבן, ווי די ליבע אין קריסטאָפֿס האַרץ. וווּנדער פֿון דער נשמה, וואָס האָט דערוואַכט צום לעבן, באַרירט פֿון דעם חסד! אַלץ דערוואַכט אַרום איר. דאָס האַרץ הייבט ווידער אָן צו פּולסירן, ווידער עפֿנט זיך דאָס אויג פֿון דעם גייסט. די אויסגעטרוקנטע קוואַלן הייבן ווידער אָן צו שטראָמען.

און קריסטאָף האָט זיך צוריק אומגעקערט אין דעם געטלעכן געראַנגל... ווי קליין זענען איצט געוואָרן די אייגענע קאַמפֿן, די מענטשלעכע קאַמפֿן, אין דעם דאָזיקן גיגאַנטישן שטורעם, אין וועלכן עס רעגנט מיט זונען ווי מיט שניי-פֿלאַטערלעך, געטריבן פֿון שטורעם-ווינט... ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון זיין נשמה. גלייך ווי אין די חלומות, ווו מען שוועבט אַרום אין רוים, אַזוי האָט ער אַרומגעשוועבט איבער זיך אַליין. ער האָט זיך געזען אין דער האַרמאָניע פֿון דער וועלט, און מיט איין בליק האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אים דער זין פֿון זיין שטרעבן, דער ווערט פֿון זיינע יסורים. זיינע קאַמפֿן האָבן זיך באַטייליקט אין דעם גרויסן וועלטן-קאַמף. זיין מפּלה איז נאָר געווען אַן עפּיזאָד פֿון איין אויגנבליק, וואָס האָט זיך באַלד ווידער אויסגעגלייכט. ווי ער האָט געקעמפֿט פֿאַר אַלע, אַזוי האָבן אַלע געקעמפֿט פֿאַר אים. זיי האָבן געטיילט זיינע נסיונות. ער האָט געהאַט אַ טייל אין זייער רום.

— חברים, פֿריינט, גייט איבער מיר, צעטרעט מיך, אַז איך זאָל פֿילן, ווי איבער מיין לייב קייקלען זיך די רעדער פֿון די זיג-רייכע קאַנאָנען! איך טראַכט נישט וועגן דעם אייזן, וואָס שניידט אַדורך מיין פֿלייש. איך טראַכט נישט וועגן דעם פֿוס, וואָס צעטרעט מיר דעם קאָפּ. איך טראַכט וועגן מיין נקמה-נעמער, דעם מייסטער, וועגן דעם האַר פֿון דער אומצייליקער אַרמיי. מיין בלוט וועט זעטיקן זיין קינפֿטיקן נצחון...

גאָט איז נישט געווען פאַר קריסטאָפן דער געפילזלאָזער בורא, נישט נעראָן, וואָס באַטראַכט פון דער הויך די שׂרפה פון דער שטאָט, וואָס ער האָט אַליין אָנגעצונדן. גאָט האָט געקעמפט. גאָט האָט געליטן. צוזאַמען מיט די אַלע, וואָס האָבן געקעמפט און געליטן, ווייל ער איז געווען דאָס לעבן, דער טראָפּן ליכט, וואָס איז געפאַלן אין חושך, וואָס פאַרשפרייט זיך און פאַרברייטערט זיך און שלינגט־איין אין זיך די נאַכט. אָבער אומבאַגרענעצט איז די נאַכט, און קיינמאָל רוט נישט דער געטלעכער קאַמף, און קיינער קאָן נישט וויסן מיט וואָס ער וועט זיך ענדיקן. דאָס איז אַ העלדישע סימפאָניע, וווּ אַפילו די די־סאָנאַנסן, וואָס שטויסן זיך פונאַנדער און זיך צעמישן, שאַפן אַ ליסטיקן קאָנצערט! גלייך ווי דער בוקן־וואַלד, וואָס קעמפט אין דער שטיל, אַזוי פירט אויך דאָס לעבן אַ מלחמה אינמיטן דעם איי־ביקן פרידן. די דאָזיקע קאַמפן, דער דאָזיקער פרידן האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג. ער איז געווען, ווי אַ מושל, אין וועלכן עס רוישט דער אָקעאַן. העלדן געשריי האָט אין אים אָפּגעקלונגען. טראָמפּייטן־רוף, אַ הויפן פון קלאַנגען, וואָס זענען געקומען פון דערהויבענע ריטמען. ווייל דער דאָזיקער קלאַנגענרייכער נשמה האָט זיך אַלץ אַנטפּלעקט אין קלאַנגען. דאָס ליכט האָט אין איר געזונגען. די נאַכט האָט אין איר געזונגען. דאָס לעבן און דער טויט. זיין נשמה האָט געזונגען פאַר די זיגער אין שלאַכט. זי האָט געזונגען פאַר אים אַליין, דעם באַזיגטן און דערשלאָגענעם, זי האָט געזונגען. אַלץ איז געווען געזאַנג. זי איז געווען דער איינציקער געזאַנג.

איר שׂכרות איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט אַליין נישט געהערט איר אייגענעם געזאַנג. ווי דער פרילינגס־רעגן, האָבן זיך געגאָסן די שטראָמען פון דער מוזיק אויף דעם באָדן, וואָס איז צעפּלאַצט געוואָרן פון ווינטער. חרפה, דאגות, פאַרביטערונג האָבן איצט אַנטפּלעקט זייער געהיימנישפולע שליחות: האָבן דורכגעאַקערט די ערד און זי פרוכטבאַר געמאַכט. דער אַקער פון דעם ווייטיק האָט דורכגעשניטן דאָס האַרץ און געעפנט נייע לעבנס־קוואַלן. די לאָנקע האָט ווידער אויפגעבליט. אָבער דאָס זענען שוין נישט געווען די בלומען פון פאָריקן פרילינג. אַ נייע נשמה איז געבוירן געוואָרן.

אין יעדן אויגנבליק איז זי פון דאָס ניי געבוירן געוואָרן. ווייל זי איז נאָך נישט געווען פאַרהאַרטעוועט און געפאָרעמט אַזוי ווי די נשמות, וואָס האָבן דערגרייכט דעם סוף פון זייער וואַקסן,

אַזוי ווי די נשמות וואָס שטאַרבן. זי איז נישט געווען קיין סטאַטוע, נאָר אַ פליסיקער מעטאַל. יעדער רגע האָט זיך געשאַפן פון איר אַ נייע אוניווערסום; קריסטאָפן איז נישט איינגעפאַלן אָנצוצייכענען אירע גרענעצן. ער האָט זיך איבערגעגעבן דער פרייד, ווי אַ מענטש, וואָס וואַרפט אַוועק הינטער זיך די לאַסט פון דער פאַרגאַנגענהייט און גרייט זיך מיט יונג בלוט און פריי האַרץ צו אַ לאַנגער נסיעה, אָטעמט איין אין זיך די לופט פון דעם ים און טראַכט, אַז צו דער רייזע וועט קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען. איצט, ווען ס'האָט אים ווידער באַהערשט די שעפערישע וועלט, וואָס האָט דורכגעשטראָמט די וועלט, האָט אים די שפע פון דער וועלט געדראָט צו דערשטיקן ווי אַ שיכּרות. ער האָט ליב געהאַט, ער איז זיך אַליין געווען זיין באַגעסטער. און אַלץ איז אים געווען „דאָס באָגעסטע“: דאָס גראָז, אויף וועלכן ער האָט געטרעטן, די האַנט, וואָס ער האָט געדריקט. אַ שיינער בוים, דער שאָטן פון אַ וואָלקן אויף אַ באַרג, דער ריח פון די לאָנקעס, וואָס דער ווינט האָט געבראַכט צו טראָגן, ביינאַכט דער זשומענדיקער גערויש פון די זינען אין הימל... אַלץ איז געווען ווי אַ געווירבל אין בלוט... ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו רעדן אָדער צו דענקען. ער האָט נאָר געהאַט חשק צו לאַכן אָדער צו וויינען און זיך צונויפצושמעלצן מיט דעם דאָזיקן לעבעדיקן נס. שרייבן, צו וואָס שרייבן? צי קען מען אויסדריקן דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן?.. אָבער צי ער האָט געקאָנט, אָדער נישט, שרייבן האָט ער געמוזט. דאָס איז געווען זיין געזעץ. ווי בליצן האָבן אים געטראָפן די געדאַנקען אומעטום, ווו ער איז געווען, ס'רוב אויפן שפּאַציר. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט וואַרטן. דעמאָלט האָט ער געשריבן אַלצאיינס מיט וואָס און אַלצאיינס ווו. ער איז אָפט נישט געווען פעיק צו זאָגן, וואָס עס באַדייטן די דאָזיקע זאַצן, וואָס האָבן געשפּרודלט אין אים מיט אַ נישט איינגעהאַלטענעם שטראָם. און בעת ער האָט געשריבן, זענען אים אָנגעקומען אַלץ נייע און נייע געדאַנקען, און ער האָט געשריבן אויף זיינע מאַנקעטן, אָדער אויפן אונטערשלאַק פון זיין הוט. ווי גיך ער זאָל נישט שרייבן, איז זיין געדאַנק געלאָפן נאָך גיכער, אַזוי אַז ער האָט געמוזט באַנוצן אַ מין סטענאָגראַפיע.

דאָס זענען נאָך געווען דערווייל געשטאַלטלאָזע באַטיצן. די שוועריקייטן האָבן זיך אָנגעהויבן דאַן, ווען ער האָט געוואָלט די

דאָזיקע געדאַנקען איבערגיסן אין מוזיקאַלישע פאָרמען. ער האָט גע־
מאַכט די אַנטדעקונג, אַז קיין איינע פון די  טע פאָרמען פאַסט
נישט פאַר זיי. ווען ער האָט געוואָלט איבערגעבן טריי זיין געשיכ־
טע, האָט ער קודם־כל געמוזט פאַרגעסן די גאַנצע געהערטע מוזיק
און אַלץ, וואָס ער האָט ביז איצט געשריבן, אָפּרייניקן דעם טיש פון
יענעם אויסגעלערנטן פאָרמאַליזם און טראַדיציאָנעלער טעכניק, אָפּ־
וואַרפן יעדן אָנלען פון זיין קראַפטלאָזן גייסט, און פאַרלאָזן דאָס
בעט, וואָס איז גרייט געשטאַנען פאַר אַלע פוילע, פאַר די, וואָס
ווילן זיך אַרויסדרייען פון יעדער אָנשטרענגונג אַליין צו טראַכטן,
אָפּפטרנדיק זיך מיט פרעמדע געדאַנקען. דעמאָלט, ווען ער האָט גע־
גלויבט צו דערגרייכן די רייפקייט פון זיין לעבן און זיין קונסט, —
אין דער אמתן איז ער נאָר דערגאַנגען צום סוף פון איינעם פון
זיינע לעבנס און צו איינער פון זיינע קינסטלערישע פאַרקערפּערונ־
גען. דעמאָלט האָט ער זיך אויסגעדריקט אין אַ שפּראַך, וואָס האָט
שוין עקזיסטירט פאַר זיין געדאַנק: זיין געפיל האָט זיך אָן שום
בונט אונטערגעגעבן דער לאָגיק פון פעסטגעשטעלטער אַנטוויקלונג.
וואָס האָט אים פאָרויס דיקטירט אַ טייל פון זיין פראַזע און האָט
אים, אַן אונטערגעוואָרפענעם, געפירט צום באַשטימטן אויסדרוק, וואָס
ס'האָט געוואַרט אויף אים דאָס פובליקום. איצט איז דער דאָזיקער
וועג נישט געווען. זיין געפיל האָט אַליין געמוזט זוכן פאַר זיך וועגן,
דער גייסט האָט נאָר געדאַרפט נאָכגיין. זיין ראָל איז שוין מער
נישט באַשטאַנען אין דעם, ער זאָל באַשרייבן אָדער אַנאַליזירן די
ליידנשאַפט; ער האָט זיך געמוזט מיט איר צונויפשמעלצן. ער האָט
זיך געמוזט איבערנעמען מיט איר אינערלעכן געזעץ.

גלייכצייטיק זענען אָפּגעפאַלן אַלע סתירות, מיט וועלכע קרי־
סטאָף האָט זיך אַ לאַנגע צייט געראַנגלט, הגם ער האָט זיך דערצו
נישט מודה געווען. ווייל כאָטש ער איז געווען אַ ריינער קינסטלער,
האָט ער אָבער אָפט אַריינגעמישט אין זיין קונסט פרעמדע באַשטאַנד־
טיילן. ער האָט געזען אין איר אַ סאָציאַלע שליחות, און ער האָט
נישט באַמערקט, אַז אין אים לעבן צוויי מענטשן: דער שעפערישער
קינסטלער, וואָס זאָרגט נישט פאַר קיין מאָראַלישן צוועק, און דער
מענטש פון מעשים, דער מענטש פון שכל, וואָס פאַרלאַנגט, אַז זיין
קונסט זאָל זיין מאָראַליש און סאָציאַל. טיילמאָל האָט איינער דעם
צווייטן אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט. איצט, ווען יעדער שע־

פֿערישער געדאַנק האָט זיך אים אָנגעוואָרפֿן מיט זיין אָרגאַנישער געזעצמעסיקייט, ווי אַ רעאַליטעט, וואָס שטייגט איבער יעדע אַנדערע ווירקלעכקייט, האָט ער זיך באַפֿרייט פֿון דער שקלאַפֿעריי פֿון דעם פּראַקטישן שׂכל. ער האָט דערביי וואָס אַן אמת נישט פֿאַרלוירן זיין פֿאַראַכטונג צו דער שוואַכער און געפֿאַלענער פֿאַרדאָרבנקייט פֿון זיין צייט. ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט, אַז אומריינע און אומגעזונטע קונסט איז די לעצטע מדרגה פֿון קונסט, ווייל זי איז אַ קראַנקהייט, אַ שוואָם, וואָס וואַקסט אויף אַ צעפֿוילטן שטאַם. אָבער ווען די פֿאַרווײַלונגס־קונסט איז די פּראָסטיטוציע פֿון דער קונסט, האָט איר קריסטאָף נישט אַנטקעגנגעשטעלט דעם קורצזיכטיקן אוטיליטאַריזם פֿון דער זיטלעכער קונסט, דעם געפֿיללאָזן פּעגאַז, וואָס ציט דעם וואָגן. די העכסטע קונסט, די איינציקע, וואָס איז ווערט צו טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען, שטייט איבער די געזעצן פֿון דעם טאָג, זי איז אַ קאָמעט, וואָס שוועבט דורך דער אומענדלעכקייט. אפֿשר איז די דאָזיקע קראַפֿט נוציק אין דער אָרדנונג פֿון דער פּראַקטישער וועלט, אפֿשר איז זי אויך אומנוצלעך אָדער געפֿערלעך. אָבער זי איז די קראַפֿט, זי איז די באַוועגונג און דאָס פֿייער. זי איז דער בליץ, וואָס שפּריצט אַרויס פֿון הימל, און דערפֿאַר איז זי געהייליקט און איר ווירקונג איז אַ געבענטשטע. איר ברכה קאָן אפֿילו זיין פֿון אַ פּראַקטישן מין. אָבער אירע ווירקלעכע, אירע געטלעכע ברכות זענען פּונקט ווי דער גלויבן פֿון אַן איבערנאַטירלעכן מין. זי איז געגליכן צו דער זון, פֿון וועלכער זי שטאַמט. די זון איז נישט מאָראַליש און נישט אוממאָראַליש. זי איז. זי באַלויכט די נאַכט פֿון דעם אומענדלעכן רוים. אַזוי אויך די קונסט.

קריסטאָף, וואָס זאָל זיך איר איבערגעגעבן, איז געווען אי־בעראַשט צו זען, אַז פֿון איר שטייגן אַרויס אומבאַקאַנטע כּוחות, פֿון וועלכע ער האָט קיין באַגריף נישט געהאַט: עפּעס, וואָס איז גאַנץ אַנדערש פֿון זיינע ליידנשאַפֿטן, זיין טרויער, זיין באַוווּסטזיניקע נשמה. עפּעס אַ פֿרעמדע נשמה, וואָס איז געווען גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס ער האָט געליבט און געליטן, צו זיין גאַנץ לעבן, אַ פֿריי־לעכע, פֿאַנטאַסטישע, ווילדע אומפֿאַרשטענדלעכע נשמה. זי האָט גע־ריטן אויף אים. זי האָט אים געטריבן מיט די שפּאָרן. און אין די זעלטענע רגעס, ווען ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, ווען ער האָט איבערגעלייענט דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, האָט ער געפֿרעגט ביי זיך:

— ווי איז עס מעגלעך, אַז דאָס זאָל אַרויסקומען פון מיר?

ער איז באַהערשט געוואָרן פון יענער גייסטיקער שכרות, וואָס איז באַקאַנט יעדן גאון, אַ ווילן, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון זיין ווילן, „די רעטעניש פון דער וועלט און לעבן, וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן", וועלכע געטהע רופט אָן דאָס „דעמאָנישע", קעגן וועלכער ער האָט זיך באַוואָפנט און דאָך איר זיך געמוזט אונטערוואַרפן.

און קריסטאָף האָט געשריבן און געשריבן. גאַנצע טעג, גאַנצע וואָכן. אין געוויסע פּעריאָדן קאָן דער באַפרוכפּערטער גייסט זיך דערנערן נאָר מיט זיך אַליין, און ער שאַפט אָן אויפהער אויף אַן אומבאַגרענעצטן אופן. עס איז גענוג די צאַרטסטע באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט, אייננאייינציק זוימען־קערנדל געבראַכט פונם ווינט, כּדי די אינערלעכע זוימען, די מיריאַדן זוימען זאָלן אויפשפּראָצן און אויפבליען. קריסטאָף האָט נישט געהאַט קיין צייט צו דענקען, ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו לעבן. די שעפערישע נשמה האָט געהערשט איבער די חורבות פון זיין לעבן.

אָבער דעמאָלט האָט אַלץ אויפגעהערט. קריסטאָף איז אַרויס צעבראָכן, פאַרברענט, מיט צען יאָר עלטער, אָבער געראַטעוועט. ער האָט פאַרלאָזן זיך אַליין, ער איז אַנטלאָפן צו גאָט.

ווייסע לאָקן האָבן זיך פלוצלינג באַוויזן אין זיינע שוואַרצע האָר. גלייך ווי די האַרבסט-בלומען, וואָס בליען־אויף אויף די פעלדער אין איין סעפּטעמבער-נאַכט. נייע קנייטשן האָבן דורכגעאַקערט זיין פּנים, אָבער די אויגן האָבן ווידער געוווּנען זייער רו, און דאָס מויל האָט באַקומען דעם אויסדרוק פון רעזיגנאַציע. ער איז געווען באַרויקט. איצט האָט ער פאַרשטאַנען. ער האָט פאַרשטאַנען די פּוסטקייט פון זיין שטאָלץ, די פּוסטקייט פון דעם מענטשלעכן שטאָלץ בכלל, אונטער דער דראָענדיקער פויסט פון דער מאַכט, וואָס באַוועגט די וועלטן. קיינער איז נישט מיט דער גאַנצער זיכערקייט דער האַר איבער זיך אַליין. מען דאַרף וואַכן. ווייל ווען מען שלאָפט איין, באַהערשט אונז די געטלעכע מאַכט און שלעפּט אונז אַוועק ווער ווייסט אין וועלכע תהומות, אָדער דער שטראָם, וואָס רייסט אונז מיט, שטראָמט צוריק און זעצט אונז אַרויס אויף זיין טרוקענעם זאַמד. ס'איז נישט גענוג צו וועלן, מען דאַרף קעמפן, מען דאַרף זיך מיט הכנעה אונטערגעבן דעם אומבאַקאַנטן גאָט, וואָס צעזייט, ווען ער

ווייל און ווו ער וויל — ליבע, טויט אָדער לעבן. דער מענטשלעכער ווילן איז גאָרנישט אָן זיינעם, עס איז גענוג איין איינציקע רגע חרוב צו מאַכן גאַנצע יאָרן פון אַרבעט און אָנשטרענגונגען, און ווען אים געפעלט, קאָן ער אויפוועקן די אייביקייט פונם שטויב און שמוץ. קיינער איז אַזוי נישט אָפּהענגיק פון אים, ווי דער שאַפנדיקער קינסטלער; ווייל ווען ער איז באמת גרויס, רעדט ער נאָר דאָס, וואָס עס דיקטירט אים דער גייסט.

און קריסטאָף האָט פאַרשטאַנען די קלוגשאַפט פון דעם אַלטן היידן, וואָס איז יעדן פרימאָרגן, איידער ער האָט גענומען די פעדער אין האַנט, געפאַלן אויף די קני. Vigila et ora. וואַך און טו תפילה. בעט צו גאָט, ער זאָל זיין מיט דיר. בלייב אין ליבענדיקער פרומער באַרירונג מיטן גייסט פון זיין לעבן.

סוף זומער האָט אַ פאַריזער פריינט, וואָס איז געקומען פון דער שווייץ, אַנטדעקט קריסטאָפס באַהעלטעניש. ער האָט אים באַזוכט. דאָס איז געווען אַ מוזיק-קריטיקער, וואָס פלעגט שטענדיק צום בעסטן אורטיילן קריסטאָפס ווערק. ער איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ באַקאַנטן מאָלער, וואָס איז אויך געווען אַ ליידנשאַפטלעכער מוזיק-פריינט און קריסטאָפס אַ באַוווּנדערער. זיי האָבן אים דערציילט וועגן דעם גרויסן ערפאָלג פון זיינע ווערק: מען האָט זיי געשפילט אומעטום אין אייראָפּע. קריסטאָף האָט אַרויסגעוויזן ווייניק אינטערעס צו דער דאָזיקער ידיעה. די פאַרגאַנגענהייט איז געווען פאַר אים טויט. יענע ווערק האָבן זיך שוין פאַר אים נישט גערעכנט. אויף דעם פאַרלאַנג פון זיין גאַסט האָט ער אים געוויזן, וואָס ער האָט נישט לאַנג אָנגעשריבן. ער האָט אָבער נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. ער האָט געטראַכט, אַז קריסטאָף איז משוגע געוואָרן.

נישטאָ קיין מעלאָדיע, קיין טאַקט, קיין טעמאַטישע אַרבעט. עפּעס אַ מין פליסיקער קערן. אַ צעגאָסענע מאַטעריע, וואָס איז נאָך נישט פאַרשטייפט געוואָרן, וואָס נעמט אָן אַלע פאָרמען און באַזיצט קיין איינע נישט. דאָס דערמאָנט נישט אין גאָרנישט. ליכט-שטראַלן אין אַ כאַאָס.

קריסטאָף האָט געשמייכלט:

— אַזוי איז עס כמעט, — האָט ער געזאָגט — די אויגן פון באַאָס, וואָס לייכטן דורכן שלייער פון דער אָרדנונג...״

יענער האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען די ווערטער פון נאָוואַליס.

(— ער האָט זיך אויסגעשעפּט — האָט ער געטראַכט.)

קריסטאָף האָט זיך נישט באַמיט מען זאָל אים פאַרשטיין.

ביים געזעגענען זיך האָט ער באַגלייט זיינע געסט אַ שטיקל וועג, כדי זיי צו ווייזן זיין באַרג. אָבער ווייט איז ער נישט געגאַנגען. די לאַנקע האָט דערמאָנט דעם קריטיקער די פּאַריזער טעאַטער דעקאָראַציעס, און דער מאָלער האָט זיך נאָטירט די פאַרבן-טענער, נישט דורכלאָזנדיק זייער אומגעשיקטע פאַרבינדונג, וואָס ער האָט געפונען אין אַ זייער שווייצאַרישן געשמאַק, ווי אַ טאָרט פון ראַבאַרבער, זויער און פלאַך אין אַדלערס סטיל. אגב, האָט ער אַרויסגעוויזן צו דער נאַטור אַ פלומרשטע גלייכגילטיקייט, וואָס איז נישט געווען איינגאַנצן קינסטלעך. ער האָט זיך געמאַכט זי נישט זעענדיק.

— די נאַטור! וואָס איז עס? איך וויס נישט. ליכט, פאַרב, נו, יאָ, די נאַטור גייט מיך גאָרנישט אָן.

קריסטאָף האָט זיי געדריקט די הענט און זיך געזעגנט מיט זיי. דאָס אַלץ האָט אים שוין מער נישט באַאומרויקט. זיי זענען געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט פון דעם גראָבן. אַזוי איז גוט. ער וואָלט קיינעם נישט געזאָגט:

— כדי צו קומען צו מיר, מוזט איר דורכמאַכן דעם זעלבן וועג.

דאָס שעפערישע פייער, וואָס האָט געברענט אין משך פון לאַנגע חדשים איז אויסגעלאָשן געוואָרן. אָבער קריסטאָפן איז געבליבן אין האַרצן זיין געבענטשטע וואַרעמקייט. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס פייער וועט ווידער אויפפלאַמען, אויב נישט אין אים, איז ערגעץ אַרום אים. ווו ער זאָל נישט זיין, וועט ער עס שטענדיק ליב האָבן מיט דער זעלבער קראַפט, ווייל דאָס וועט שטענדיק זיין דאָס זעלבע פייער. אין דעם דאָזיקן סעפּטעמבער-אָוונט האָט ער עס געפילט אין דער גאַנצער נאַטור.

ער איז געגאַנגען צוריק אַהיים, דער שטורם איז פאַרביי. איצט האָט אויפגעשיינט די זון, די לאָנקעס האָבן געגרויכערט. פון די עפּל־בוימער זענען צייטיקע פרוכֿט געפאַלן אויפן פייכֿטן גראָז. די שפּינ־נעצן, וואָס זענען געהאָנגען אויף די טענען־צווייגן און האָבן נאָך געגלאַנצט פונם רעגן, האָבן אויסגעזען ווי די אַלטערטימלעכע רע־דער פון די מיקענישע וואָגנס. ביים ראַנד פון דעם דורכֿגענעצטן וואַלד האָט דער גרינשפּעכֿט געלאָזט הערן זיין אָפּגעריסענעם געלעכֿטער. און מיריאַדן קליינע פליגעלעך, וואָס האָבן אַרומגעטאַנצט אין די זונען שטראַלן, האָבן אויסגעפולט דאָס וואַלד־געוועלב מיט אַ לאַנגן־טיפן אָרגל־טאָן.

קריסטאָף האָט זיך געפונען אויף אַ פליין, טיף אין אַ באַרג־פאַלד, ווו ס׳איז געווען אַ געשלאָסענער טאָל אין אַן אָוואַלער פאָרם. די אונטערגייענדיקע זון האָט איר באַגאָסן מיט איר שיין. רויטע ערד. אין מיטן אַ קליין גאָלד־געפאַרבט קאָרן־פעלד און זשאַווער־פאַרביקע טראָסטינעס. אַרום — אַ וואַלד־גאַרטל, באַפאַרבט פון דעם האַרבסט. קופּער־רויטע בוקן, געלע קאַשטאַנעס, קאַלינעס מיט קאָרעל־פאַרביקע טרויבען. פלאַמענדיקע קאַרשן־בוימער, מיט זייערע קליינע פייער־צונגען, ציטרין פאַרב־בלעטער, בלעטער ברוינע, ווי פאַרברענ־טער צונטער, אינגאַנצן ווי אַ ברענענדיקער קוסט. און אין מיטן דעם דאָזיקן פלאַמענדיקן בעכֿער האָט זיך אויפגעהויבן אַ לערכע, וואָס איז געווען פאַרשיכּורט פון זון און פון קאָרן.

קריסטאָפס נשמה איז געגליכֿן געווען צום פויגל. זי האָט גע־ווּסט, אַז זי וועט באַלד אַראָפּפאַלן און מסתּמא נאָך אַ סך מאָל. אָבער זי האָט אויך געוווסט, אַז זי וועט זיך אומדערמידלעך ווידער הויבן צום ליכֿט און וועט ווידער זינגען אירע טרעלן, וואָס דער־ציילן די אונטן־פאַרבליבענע וועגן דעם הימלישן ליכֿט.